STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07188

# LIDER UN POEMEN (1888-1938)

Abraham Liessin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם וואַלט (א. ליעסין)

# לידער און פּאָעמען



אברהם וואַלט-ליעסין אין 1919

אברהם וואַלט (א. ליעסין)

# לידער און פּאָעמען

(1938—1888)

מיט צייכנונגען פון מאַרק שאַגאַל

אין דריי בענדער

●

## באַנד צוויי

אין ווידערשיין. — ביים ים. — מיין קאַראַוואַן. — חלום אין וואָר. — ממעמקים. — פלאַמען אונטערן אַש. — אין די בערג. — לידער וועגן רוסלאַנד. — פון אונזערע בלוטיקע טעג. — די ערשטע לירישע לידער.

ארויסגעגעבן פון „פּאָרווערטס אַסאָסיאיישאַן"
ניו יאָרק, 1938.

Copyright, 1938
by ABRAHAM WALT
New York, N. Y.

Printed in U.S.A.

Myold Printing Co.
161 Grand Street,
New York, N. Y.

דעם אָנדענק
פון ליבע גינזבורג־וואַלט —
מיין זעליקער פרוי

ערשטע אָפּטיילונג

# אין ווידערשיין



# מיינע לידער

אָוונט דורכן פענצטער, אָוונט דורכן האַרצן,
שטימונגען, ווי שאָטנס, טונקלען דורך און שוואַרצן —
לידער מיינע, ליכטער, אין דער שטיל געצונדענע.

קוקט די ווייכע נאַכט מיט חן מיט טרויער־פולן,
לעבנס־מידע בליקן אונטער שוואַרצע טיולן —
לידער מיינע, העל־זעער, מיט נאַכט פאַרבונדענע.

לידער, אונטערערדישע, געהיימע קוואַלן —
שלאָגן, שפרודלען אויף און ווערן וואו פאַרפאַלן.

לידער פון מיין קינדהייט: ווייטע ווינטער־ריחות,
פרישער שנייען־אָטעם, ברען פון סמאָלע־האָלץ,
צווייענדיקע פענצטער, צווייענדיקע כוחות,
בילדער בלאָ פון פראָסט־נויט און פון שטילן שטאָלץ.

הינטער אַ גמרא־ניגון בושעווען זאווייען,
און אין גראָער פינצטערניש פון שנייאיקע געשרייען
גליט אַן אָנגעברענטער אייזן־ווילן, לויכט אַן אַלטער טרוים
פון אַ דרום זון־לאַנד און אַ ווייַנשטאָק און אַ פייגנבוים.

לידער פון מיין יוגנט: לויטער ליכט און סודות,
אין פאַנטאַזיע — וואונדער, אין די בלוטן — בראַנד.
ווער מען טאַקע זיין פון גרויסן קאַמף די עדות?
ווייזט זיך אויף דער וואַנט די שרייבנדיקע האַנט?

שכור רוישט דער מאַלצייט אויף בלשאצרס באַל דעם גרויסן,
און די שמאַכטיקע אין דרויסן שטויסן זיך און שטויסן;
גאַרט מען הייליק און מען שמאַכט צו פאַלען אין געדויש פון שלאַכט,
ניט אַ קראַנקער אויף אַ בעטל ערגעץ אין אַ וויסטער נאַכט.

זינגען זעאונגען פון זון־צייט פון דער ליבער,
שווימען שטימונגען, ווי וואָלקנדלעך, אַריבער —
לידער מיינע, קינדער, אין געזאַנג געבאָרענע.

רוקט זיך אָן אַ כמאַרע, שטורעם־פויגלען שרייען,
טראָג איך זיך מיט זיי אין ווייסן שוים, אין פרייען—
לידער מיינע, אנקערס, אין דעם תהום פאַרלאָרענע.

לידער, אונטערערדישע, געהיימע קוואַלן —
שלאָגן, שפּרודלען אויף און ווערן וואו פאַרפאַלן.

* * *

און אין אָוונט פון מיין לעבען
פלוצלונג קומען זיי צו שוועבן,
אויפן סיום פון מיין שטרעבען,
אָן אַ תיקון, אָן אַ קיום.

שווימען זיי פאַרביי און שווימען,
טוען מיט פאַרשטומטע שטימען

אָפּגעטרוימטע טרוימען רימען,
פּראַווע איך מיט זיי דעם סיום,

שטעל איך זיך אַוועק, אַ פריידיקער,
אויף אַ בימה אויף אַ ליידיקער,
ציקל מיט אַ שטים אַ פריידיקער:
אתה הראת לדעת!

ענטפערט אָפּ אַן עכאָ: משוגעת!

און הקפות גייען, גייען,
גייען, דרייען זיך און דרייען,
דאקטילס, יאמבען און כאָרייען,
אין דעם מאַרש טראַדיציאָנעל.

גייען זיי אַזוי און בליצן,
מיט די כתר׳ס, מיט די ציצ׳ן,
מיט די פאָנען, וואו אויף שפּיצן
ברענען ליכטלעך, פרום און העל.

דאָך אין שוישפּיל אין פאַרשייטן
קושט מען ניט די רייניקייטן,
קיינער שטייט ניט ביי די זייטן —
ניט קיין לעבעדיקע זעל.

נאָר די שאָטנס, נאָר די דומע
גלאָצן אויף די ווענט די שטומע,
טאַנצן אוים די טעניך די קרומע
און פאַרשווינדן אויפן שטעל.

שטיי איך אַלץ אַזוי, אַ פרײדיקער,
אויף אַ בימה אויף אַ ליידיקער,
ציקל מיט אַ שטים אַ פרײדיקער:
אתה הראת לדעת!

און אַן עכאָ ענטפערט: משוגעת!

ניו יאָרק, 1930.

---

## יום שכולו שבת

(מיין זעליקן פאָטער יהודה לייב גערווידמעט)

ער האָט זיך, ווי אַן אורח, אויף דער וועלט געהאַלטן,
דאָך אים איז ליב געווען דאָס ליכט פון ערדן־וועג —
(געגליכן צו אַ פראָם אין נעבל אין צעשטראַלטן,
וואָס פירט צום הויכן, העלן, הימלדיקן ברעג).

אָט זעצט ער זיך ביים ספר, נאָך אַ טאָג פון מי, צעבראָכן,
און באַלד שווין פייערליך זיין וועקסן פנים לעבט;
איך זע, ווי שבתדיק עס לויכט זיין אינדערוואָכן,
ווי צאַרט אין ווייטע וועלטן זיין נשמה שוועבט.

אָט נעמט ער שבת־אָוונט ביי דער קאַלטער רובע ברומען
אַן אומעטיק געזאַנג, פון ווינטער־ווינט באַגלייט —
די טיפע בענקשאַפט, וואָס משיח טוט ניט קומען,
און וויסט פון יעדן ווינקל פייפט אים צו די נויט.

און ווי ער ברומט אַזוי ביים קאַכל ביי דעם קאַלטן,
דערמאָנט ער ווידער זיך אָן הויכן ברעג פון גליק,
וואָס לויכט אַליץ נעענטער פון נעבל פון צעשטראַלטן,
און באַלד אַ שבתדיקער ווערט ער שוין צוריק.

צעזינגט דער זומער זיך אין אים מיט טויזנט שטימען,
אין מיטן ווינטער־נאַכט, אין שניי־געדריי און קלאָג,
און פאַר די אויגן די באַגייסטערטע טוט שווימען
דער טאָג, וואָס הערט ניט אויף, דער היים־געגאַרטער טאָג.

זיי האַלטן אים, די שוואַכע כוחות, אַליץ און האַלטן,
אָט ווי ער פירט מיט הוילן ווילן אָן דעם שטרייט,
און קוקט פון וויסטן פראָם אין נעבל אין צעשטראַלטן,
און קוקט אַרוים פון צייט אַריין אין אייביקייט.

* * *

שטיקט ניט דער אומעט פון וואָך פון דער גראָער,
גרוילט ניט דער נאַכט־ברום פון ווינטער פון בייזן,
לויכט פאַר אים ליבלעך אַ שבת אַ בלאָער,
גאָלדענע בינען אויף זילבערנע רויזן,
וואָלקנדלעך ווייסע אין הימל־לאזור,
פרידן און רו אין דער גאַנצער נאַטור.

טוט אַזוי פאַרביק און דורכזיכטיק גלאַנצן
אייביק דער טאָג, וואָס איז שבת אין גאַנצן.

ערדישע גרינקייט און הימלישע פלאַמען,
און אַ געזאַנג, ווי די אייביקייט, לויטער,
גיסט זיך די ערד מיטן הימל צוזאַמען,
שטעלט זיך די צייט פאַר אַ זון פאַר אַ רויטער,
דוכנען הויך איבער וועלטן וואו הענט,
שטראַליקע ברכות פון יום טוב אָן ענד.

לויכטן אים בילדער אין האַרצן אַלץ מילדער,
וואָס דער געפילדער אין דרויסן ווערט ווילדער.

פאַלט אים דאָס שטערבלעכע אָפּ פון די בליקן,
זעט ער, ווי אומשטערבלעך טוט פאַר אים שפּילן
אַלץ — וואָס אין טרוים פלעגט ביז אוממאַכט אַנטציקן,
אַלץ — וואָס עס זוכט נאָר אַ בענקנדער ווילן;
פאַנגט אים די זעאונג פון שבת אָן ענד,
האָט ער זיך ענדלאָז אַליין אויך דערקענט.

קאמישא, נ. י., 1931.

# און בין איך יונגערהייט פון דיר אַוועקגעגאַנגען

און בין איך יונגערהייט פון דיר אַוועקגעגאַנגען —
דיין אַלטע הייליקייט האָט נאָכגעגליט מיר לאַנג;
געוואַרעמט האָבן מיך פון ווייטן דיינע קלאַנגען,
דיין פענצטער־שיין האָט העל באַלויכטן מיר דעם גאַנג.

געצויגן האָבן מיך דערהויבנדיק פאַרלאַנגען,
דיין איידל־אַלטער חלום, דיין משיח־דראַנג,
און אין דיין אָפּשיין איז אַ שטראַל־שווערד הויך געהאַנגען.
אין צוויי־קאַמף מיט אַ וועלט געשמידט יאָרטויזנט לאַנג.

נאָר אַלץ דערווייטערטער, אַלץ שוואַכער איז דערגאַנגען
דיין פרומער פענצטער־שיין, דיין הייליקער געזאַנג,
און ווייטע גייען אוים די ליבע, אַלטע קלאַנגען,
דאָס ליבע, אַלטע ליכט פאַרלעשט זיך בלייך און באַנג.

אָט איז דיין לעצטער בלייכער ליכט־פּאַס שוין פאַרגאַנגען,
אָט ווערט פאַרשטומט דער אָפּקלאַנג פון דיין לעצטן קלאַנג,
דאָך בלענדיק בלייב איך אַלץ פון דיין פאַרגיין געפאַנגען,
פאַרקלונגען אַלץ פון דיין פאַרקלונגענעם געזאַנג.

עס איז מיין וואָר אַ טרוים, און דו — אַ טרוים אין טרוים...
צי אַ מיראַזש פון גלי ביים אָוונט־הימל־זוים?
איך שטיי, דעם וועג פאַרלאָרן, אין אַ לאַבירינט.

עס פירן אַלע וועגן צו דער לעצטער רו;
וואו איז דיין טויער פון גינאַד? וואו איז ער, וואו?
ווי בענקט נאָך דיר צוריק אַ גראָ־געוואָרן קינד!

ניו יאָרק, 1923.

# אַליין

ולב נבוב ותושית סתומה,
וגוף נראה ונפש נעלמה,
וארץ שוחריה ימצאו רע,
ולא ששון לאדם באדמה.
רבי שלמה בן גבירול

## 1

איך בין אין בית מדרש געבליבן אַליין,
די ליכט אין די הענג־לייכטער האָבן געברענט,
געציטערט האָט וואו אין דער הויך נאָך געוויין,
און אָפּגעקלאַפּט האָבן זיך עכאָס אָן ווענט.
זיי זיינען אין שטומקייט אויף גיך,
ווי איילִיקע שאָטנס, אַוועק;
זיי האָבן געלאָזן אין שרעק
מיך איינעם מיט זיך.

איך שרעק זיך און קען זיך אַליין נישט פאַרשטיין:
און וואָלטן זיי אַלע געבליבן, בין איך
אַלץ איינס דאָך אין טויט, ווי אין לעבן, אַליין;
צי גייט מען אַוועק־וואו פון גרוב און פון זיך?
און דריקט מען צונויף זיך אין שרעק,
אַזוי ווי אין נאַכט־פעלד די שאָף,
ער קומט, דער פאַרצוקער, צום סוף
און טראָגט דאָך אַוועק.

ווי פינצטער געוועלבט זיך דער שרעק ביי די ליכט,
אַ שוואַרצאַפּל גליט וואו, אַ פּנים וואו צוקט ;
אַט זיצט מען געשפּענסטיק אין הויכן געריכט,
מען קוקט טויזנט־אויגיק אויף מיר און מען קוקט ;
עס קומען די תּפילות פון אַלט
צו מיר אויף די ליפּן אַליין,
עס גרוילט מיר דורך יעדן געוויין
אַן אַנדער געשטאַלט.

2

עס פליען די שאָטנס פון מענטשן אַוועק,
עס פליען די שאָטנס פון דורות אַריין ;
געשטאַלטן פון צייטן, אַ פלעק נאָך אַ פלעק,
זיי פלאַטערן דורך אַזוי שוואַרץ פאַרן שיין.
מיר דוכט, איך דערהער זיי, דערקען :
האָט דאָך יעדער דור דאָ אַמאָל
זיין פּנים געהאַט און זיין קול,
זיין אויג און זיין ברען !

עס האָט יעדער דור דאָ זיין שטייגער געפירט,
געפונען זיין ליכט־אויסדרוק צווישן די ווענט,
פון דאַנען דעם כּסא הכּבוד באַרירט,
מיט גאָט זיך באַהעפט און די הימלען געברענט.
דאַן האָב איך דורך תּוהו אָן שיעור,
אין גוף ניט־געבאָרענערהייט,
אַ נאַקעטע זעל אומגעוויינט
פון יענער זייט טיר.

עס האָבן פיל דורות געדרישט דאָ, געשיינט,
און זיינען אַוועק־וואו אַהינטער דער טיר;
עס לעבט זייער אָפּרויש און אָפּשיין שוין היינט,
ווי פליאיקע שאָטנס, אין זעאונג ביי מיר —
ביי מיר אין מיין טומל־טרוים נאָר.
און בין איך דען אויך ניט אַליין
אַ שאָטן אַ שווינדענדער שוין
פון שווינדענדן דור?

3

איך קוק אין דער פינצטער פון יענער זייט טיר,
אַוואו איך וועל באַלד אַ פאַרשוואונדענער זיין.
ווי בענקט נאָך דער נאַכט־רו די וואָר מיד אין מיר,
ווי שרעקט זיך פאַר חושך מיין חלום פון שיין,
ווי מאטערט די שטילקייט זיך שווער,
ווי ברענען די ליכט אַזוי העל,
ווי טונקלט אַזוי מיר אין זעל:
א, ווער בין איך, ווער?

מען האָט מיך גערופן פון גאָרנישט אָן שיעור,
און איינער בין איך דאָ, נאָר איינער אַליין,
און לעב איך, דאַן לעבן די וועלטן אין מיר,
פאַרגיי איך, דאַן וועלן די וועלטן פאַרגיין.
און בין איך אַליין אין באַשאַף,
טאָ וועמענס זשע איז דער געברום,
וואָס טרייבט, ווי אַ כוואַליע, מיך אום
צום בראָך אין געלאַף!

און וואו איז דער רופער פון גאָרנישט אָן שיעור,
וואָס האָט מיך גערופן צו זיין דאָ אַליין?
פאַרוואָס־זשע פאַרבאָרגט ער זיין פּנים פון מיר
און לאָזט מיך אין איינזאַמקייט אים ניט פאַרשטיין?
אָ, וועט די געהיים־נאַכט, וואָס שטומט,
נאָך וואונדערלעך הערן אַמאָל
פון זון־בערג אַן אָנזאָגערס קול:
דער אויפקלערער קומט?

ניו יאָרק, 1923.

---

## די באַלאַדע פון ווינטער

דער ווייסער טרויער פון דעם שניי,
אין פראָסט־זון ניט־צעגאַנגענעם;
דאָס טויטע שיינען פון שאָסיי,
מיט פראָסט־ליכט אַ באַהאַנגענעם —

דאָרט שפּרייזט אין ווייסן אַהאַספּער,
מיט אויגן רויט־געצונדענע;
דאָס לייב איז בלאָ, דער טראָט איז שווער,
די וואונדן ניט פאַרבונדענע.

די ביזדיקני־באָרד — קודלעם שניי,
די אַקסלען געל אין קאַלטענעם;
ווי ווילדעוועט דער ווינט מיט זיי
און וואָיעט וואָס פאַרשאָלטענעם.

עס הענגט אין הימל בלאָ און בלענדט
דער זון־שטראַל דער פאַרפראָרענער;
עס ציט זיך, ציט זיך אָן אַן ענד
דער וועלט־וועג דער פאַרלאָרענער.

ער גייט, דער אייביקער, און גייט
אין נאָרד־ווינט אין צעהוליעטן;
ער האַלט דעם בלענדיק־בלאָען טויט
צו זיך אַ צוגעטוליעטן.

און קומט ער אָן עק וועלט, דער גרייז,
דערזעט ער דעם פאַרכמורעטן,
דעם שמאָלן בערינגג־ים אין אייז,
אין קריעס אַ פאַרנורעטן.

צום צווייטן ברעג קומט ווייס אַראָפּ
העראָדיאס אַ צעשויבערטע;
זי טראָגט דעם טאַץ מיט יוחנן׳ס קאָפּ
אין מאַרמער־הענט פאַרצויבערטע.

אָט קוקן זיי זיך איבער שטום,
די אייביקע, די גרימיקע,
אַדורך דעם טונקל־גרינעם ברום
פון טויטקייטן פיל־שטימיקע.

עס יאָגן וואָלקנס צווישן זיי,
מיט נאָרד־פאָל שניי באַלאָדענע,
עס יאָגן קריעס מיט געשריי,
אין נאָרד־פאָל שוים געבאָדענע.

עס טראָגן כוואַליעס פון עק וועלט
די אייז־בערג די גרויס־ימיקע;
עס טראָגן ווינטן נאָרד־פּאָל קעלט,
די וועלט־ווינטערס די פלאַמיקע.

זיי קוקן, קוקןביידע שטום,
אַליין איינער אויפן אַנדערן,
און קערן איילנדיק זיך אום
צוריק אין ווייסטן וואַנדערן.

אין ווייסן טרויער פון דעם שניי,
אין פראָסט־זון ניט־צעגאַנגענעם,
אין טויטן שיינען פון שאָסיי,
מיט פראָסט־ליכט אַ באהאנגענעם.

ניו יאָרק, 1923.

# וועלקט דער הייסער טאָג...

היום יפנה, השמש יבוא ויפנה.
(נעילה ליום כפור).

וועלקט דער הייסער טאָג און שטאַרבט אין רויטקייט אָפּ,
ווי אַ בלאַט, וואָס פאַלט פון לעבנס־בוים אַראָפּ.

לייגט זיך שווער אַנידער אויף דער ערד אַ טרויער,
ווי דער טוי, וואָס שטיקט, אַ הייסער און אַ גרויער.

טרויער וואָס פון לעבן פאַלן אָפּ די טעג;
טרויער וואָס צום טויט ווערט קירצער אַלץ דער וועג;

וואָס דער חושך קומט, און אין די הימל־הויכן
וועט שוין אויך די פראַכט פון אונטערגאַנג פאַרבלייכן.

זינגט פאַרחלשט־מיד דער עלענד פון פאַרנאַכט,
ווי אַ שול מיט דאַוונער נעילהדיק פאַרשמאַכט.

דאַוונער, גראָז און בלומען, דאַוונער, קוסט און ביימער,
זינגען שמאַכטנדיק אין אימה אין געהיימער.

שטיקט דער היי מיט ריחות בלוי און גרוי געדיכט,
פלעמלען אין די שאָטנס געלע רעשטלעך ליכט.

טראָגט זיך דער געזאַנג אין בלויען און אין גרויען,
ווי אין קיטל־טלית, פון די הייסע טויען.

— זינגט פון אַלעמען אַרויס דער זעלבער ווײ
פון די רעשטלעך ליכט און פון פאַרדאַרטן הײ.

גײט אַרויף צום הימל זײער טרויער־תּפֿילה,
זײער מידע תּפֿילה פון דער מידער נעילה.

און אין הימל פלאַמיק שטײט מטטרון שוין,
און פון יעדער תּפֿילה בינדט ער אויס אַ קרוין.

ווערן פול מיט קרוינען אַלע וואָלקן־פלעינעו,
גאָט אין אַכפּערקײט צו צירן און באַשעהנען.

פלאַמט דער גאַנצער הימל, קרוין אויף קרוין, און ברענט,
און דער הימל־שמוקלער מײסטערט אַלץ אָן ענד.

— פינקלען אַלע קרוינען, גאָלד־געוועבט, און בליצן
העכער פון די העכסטע, זון־צעגליטע שפּיצן.

ביז עס רײסט זיך אָפּ פון ערגעץ קיל אַ ווינט,
און די וואונדערלעכע גאָלד־אַרבעט צערינט.

און עס ווערט דער הימל, ווי די ערד, פאַרלאָשן,
און דער טויער פון רחמנות איז געשלאָסן.

.1930

# אַ תפילה

איך האָב אין דער אָב־נאַכט דער באַנגער
געוויינט מיט אַ שטומען געוויין;
מיין האַרץ איז אין תפילה צעגאַנגען,
צו וועמען — איך ווייס ניט אַליין:
צום אָנדענק פון פאָטער און מוטער,
וואָס האָבן די נאַכט מיר געשיינט;
צום גאָט פון מיין קינדהייט, צום גוטן,
וואָס האָט פאַר מיר אויפגעלעבט היינט.
איך האָב זיך דערפילט אַזוי לויטער,
איך האָב זיך דערפילט אַזוי פרום —
און היים אין דער נאַכט האָט געפליסטערט
מיין תפילה די שטילע אַרום:

אָ, גיב, איך זאָל זיין פאַר מיין אומה
אַ שטראַלכעלע כאָטש פונעם שיין,
וואָס זאָל איר פאַרטרייבן די כמאַרע
פון טויזנטער יאָרן פון פיין.

אָ, גיב, איך זאָל זיין פאַר מיין אומה
אַ פונקענדל כאָטש פונעם פלאַם,
וואָס דורכגליען זאָל אויף איר וואַנדער
די טויט־קעלט פון שנאה און סם.

אָ, גיב, איך זאָל זיין פאַר מיין אומה
אַ שטויבעלע כאָטש אויפן וועג,
וואו טרעטן אין פרייד זאָל זי ענדלעך
צום אויפגאַנג פון בעסערע טעג.

ניו יאָרק, תשעה באב, 1919

## האַרבסט־שטימונגען

1

אַ רווישיק, פיל־שטימיק געשריי טוט אַ פאַל
אַראָפּ מיט אַ קראַך פון פאַרנעבלטער הויך;
דערזע איך אַ כמאַרע פון פייגלען אַ שלל,
וואָס וויגט זיך אַדורך, ווי אַ רויך.

אַט ציטערן ווייט שוין נאָר פינטעלעך שוואַרץ,
אַט שווינדט שוין דער לעצטער, צעגאַנגענער פלעק;
איך קוק און עס טוט אַזאַ טיאָכקע אין האַרץ:
דאָס איז דאָך דער זומער אַוועק!

פאַרפלויגענע טרוימען, גינגאָלדענע טעג,
פון האָפענונג שיינער די בלויסטע לאַזור —
אַוועק, אין פאַרנעבלטן אייביק אַוועק,
ניט איבערגעלאָזן קיין שפור!

2

אַוועק איז דער יום טוב פון פעלד און פון וואַלד,
עס שטייען די בערג די צערויטלטע הויל;
אַט טוט מיט אַן אומעט אַ הוזשע שוין באַלד:
המבדיל בין קודש לחול!

טאָ פֿלאַטערן זאָל דאָס הבֿדלה־ליכט באַנג,
און טרינק פֿונעם בעכער דעם הייליקן ווײַן,
און לאָז, ווי די טאַטעס אַמאָל, מיט געזאַנג
די וואָכיקע גראָקייט אַרײַן.

אָ, זינג, ווי מען האַרט אויפֿן אויסלייזער נאָך,
און זינגענדיק איז מען מבטל די לייד,
און יום־טובֿדיק איז מען מקבל די וואָך
אין ברומענדער, בענקענדער פֿרייד.

אָ, זינג, ווי עס קומט צו אַן אבֿיון אין נויט
אַליין אליהו הנבֿיא צו גיין,
און לאָזט פֿאַר אַ קנעכט זיך פֿאַרקויפֿן און בויט
אַ שלאָס אַזוי וואונדערלעך שיין.

נאָרטה ברענטש, נ. י., 1933.

# דאָס גליק צו קענען אויך זיך
# אָפזאָגן פון גליק

דאָס גליק צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פֿון גליק,
די פֿרייד צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פֿון פֿרייד —
צו האַלטן ליידנשאַפֿטלעך ליידנשאַפֿט צוריק,
און שטאָלץ דעם שטאָלץ צו ברעכן אין עקסטאַז פֿון לייד.

איך גיי דעם וועג פֿון צער, וואָס פֿירט דורך נאַכט און וואַלד,
וואו יעדער בוים־רויש גיסט זיך שוואַרץ צונויף אין איינס,
אין איין געהיימנישפֿולן, רופֿנדיקן גוואַלד;
עס גליט נאָר, ווי אַן אויג, אַ שטערנדל אַ קליינס.

איך זע ניט קיין שום זין, איך ווייס ניט וואו און וואָס —
דאָך גיי איך, און עס ווערט מיין שטערנדל שוין באַלד
אַ לעמפּל ביי אַ טיר, וואו הינטן איז כאַאָס,
און אינעווייניק מאַטערט אַלץ דער ווילדער גוואַלד.

דאָס אַלטע מוסר־שטיבל הודיעט ווידער מיר,
פֿון ווייטער קינדהייט שפּיגלט פֿאַרכטיק אַ מיראזש;
דער פֿלאַם אין לעמפּל שטיקט זיך גאל אַריבער טיר,
און פֿנימער פֿון פֿאַרמעט גליען אין עקסטאַז.

אַט לעשט מען אויס דאָס ליכט און רופֿן אַלערליי
צעטראָגן זיך אין חושך, פֿליגלען הייס־צעלאָזט;
אַן עקזאַלטירטער, זינגענדיקער וויי־געשריי,
איך ברען און דורכן לייב גייט אימהדיק אַ פֿראָסט.

דער אַלטער מוסר־ניגון פֿון אַ ווייטער צייט,
וואָס האָט מיך אַלע יאָרן פֿאַרכטיק דורכגעשטראַלט;
איך שטרייט מיט זיך אַ לעבן און געווין דעם שטרייט,
און בלייב פֿאַרלאָרן שטיין אין הודיענדיקן וואַלד.

דאָס ליכט פֿאַרלעשט זיך, און אין חושך שטראַלט צוריק,
אין אַלטן מוסר־ניגון, דער עקסטאַז פֿון לייד —
דאָס גליק צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פֿון גליק,
די פֿרייד צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פֿון פֿרייד.

.1933

# אויפֿן וועג

זיי פֿלאַטערן מיר, די פֿאַרגאַנגענע טעג,
אַזוי ווי לבנה־באַלויכטענע נעכט ;
אַט טראָגט זיך דאָרט לילית אַמאָל אין געיעג,
אַט ווערט פֿון אַ כמאַרע דער הימל פֿאַרפֿעכט,
דאָך בלייבן זיי דורכגעגליט אימער
פֿון ליבן, ראָמאַנטישן שימער.

און קעגן מיר הילט זיך אין נעבל געדיכט
דער לאָקנדער, ניט־נאָך־דערגאַנגענער וועג ;
צי וועל איך נאָך זען ווען דאָס גאַרנדע ליכט,
צי ווידער אַלץ בלייכינקע, גרויאינקע טעג,
וואָס ווערן בײַם  ג י ט־ווערן שטענדיק
ערשט דעמאָלט פֿאַנטאַסטיש און בלענדיק ?

און צווישן־וואו זעגלען אַריבער אַ תהום
די רגעס, וואָס רופֿן זיך געגנוואַרט אָן —
אַ מאָנצינקע פֿערי, אַ פֿליאיקער פֿראָם,
אַ פֿיצעלע וואָר מיט אַ זון אויף איר פּאָן,
וואָס איז אין איר קלאָרקייט, איר פֿולער,
פֿון אַלע חלומות נאָך דולער.

דאָך טראָפּנווייז רינט פאַר מיר אוים דער טומאַן
מיט יעטווידער רגע, וואָס זעגלט אַוועק;
ווערט דורכזיכטיק־וויסט שוין; איז מער ניט פאַראַן
קיין רייץ פון אַ סוד אין אַרומיקן שרעק;
עס בלייבט אַ מיראַזש, א צעגרינטער —
דער שפּיל פון דעם מדבר אַהינטער.

מיין וועג, וואו עס האָבן מיליאָנען געשפּרייזט,
און מענגען אומצאָליקע וועלן נאָך גיין,
און אַלע די זעלבע אין פליש און אין גייסט,
און יעדער, ווי איך, איז אַליין דאָך, אַליין.
און זע איך עס דען דעם סך־הכל
דעם לעצטן פון אָט־דעם ספּעקטאַקל?

.1935

# קידוש החודש

האָט דער זעלבער מולד מילד אַזוי געשיינט
מיט יאָרטויזנטער צוריק, ווי היינט —

אין אַ נאַכט אַזאַ, אַ טיפער, אַ געהיימער,
אויף אַ בערגל, צווישן אוילבערט־ביימער.

צווישן ווייסע וואָלקן־שעפעלעך, פּאַרטרויט —
האָט ער זיך געבאָדן, דין און רויט.

האָט אַזוי געוואַכט וואו דעמאָלט אויך אַן עדות,
אין דער ראש־חודש־נאַכט פון סודות;

האָט געפּאָרשט די וואָלקנס שטיל און עקזאַלטירט,
און דעם צאַרטן צייכן אויסגעשפּירט.

איז דער עדות, אַן אַנטציקטער, פייל־פון־בויגן
אין ירושלים באַלד געפלויגן —

עדות דאָרט צו זאָגן מיט אַ פרומען ברען,
וואָס זיין בליק זיין וואַכער האָט געזען.

װאַרט שױן דער סנהדרין, פֿײערליך פֿאַרזאַמלט,
און דער עדות שטײט אין שרעק און שטאַמלט.

און די זקנים זיצן אין אַ האַלבן קרײז —
די געזיכטער ליכטיק און די קלײדער װײס.

און מען פֿרעגט אים אױס, און ער גיט אָן סימנים
און דער יום טוב שײַנט אױף יעדן פּנים.

שטעלט זיך אױף דער נשיא און רופֿט אױס אין שײַן:
„זאָל דער נײַער חודש הײליק זײַן!"

און דאָס גאַנצע פֿאָלק, װאָס איז צונױפֿגעקליבן,
ענטפֿערט אָפּ אין יום טוב אין דעם ליבן;

רופֿן טױזנט שטימען מיט אײן רוף פֿון שײַן:
„זאָל דער נײַער חודש הײליק זײַן!"

טוט זיך פֿרײדיק באַלד דאָס גאַנצע לאַנד צעשאַלן,
װי מען פֿלאַמט פֿון אַלע בערג סיגנאַלן.

טראָגט אין פֿלאַם פֿון באַרג צו באַרג דער רוף פֿון שײַן:
„זאָל דער נײַער חודש הײליק זײַן!"

* * *

קוק איך אױפֿן מולד, און מיר דוכט, פֿון װײַטן
קוקן־מיט װאו אױגן פֿון די צײַטן.

האָט דער זעלבער מולד מילד אַזױ געשײַנט
מיט יאָרטױזנטער צוריק, װי הײַנט.

און דער עקזאַלטירטער בליק פון עלטער־זיידעס
איז אויף אים געהאנגען, ווי אַן עדות.

ווי מען האָט געזוכט אים, ווי מען האָט געוואַכט
אין דער טיפער שיר־המעלות־נאַכט.

שטיי איך איינזאַם דאָ, אַן אור־זון אַן אַנטציקטער —
איינער נאָר, אַ דיכטער אַ פאַרריקטער.

שטיי איך פאַרן מולד, איינער דאָ און וואַך,
נאָר אַ פויגל פלאַטערט אויף אין סכך.

און אַרום אין גראָז טוט העכער זיך צעשפּילן,
עקזאַלטירטער אַליז, אַ כאָר פון גרילן.

מאנטיסעלא, נ. י., 1936.

# דער לעצטער פונק

## 1

זאָל איך זיין דער פונק דער לעצטער אין די אַשעס
פון אַ לאַנג־פאַרלאָשענעם אַלטאַר —
טאָ ניט מאָן קיין חשבון און ניט פרעג קיין קשיות,
טו דיין גליאונג און גלי אויס אין צער.

גלי מיט דיין געחלומט לאַנד אין נאַכט אין טיפער,
וויקל פון פאַרגאַנגענהייט דעם שנור;
קלאַפן גאָלדענע די וויעסלעס ביי מיין שיפער,
לויכטן ימ׳ען — זילבער און לאזור.

אָט דערשיינט דער ברעג, דער וויטער, דער געטרוימטער,
וואו פון אַלע הויכן אויסגעטיילט,
שטראַלט דער באַרג, מיט ווייסע זיילן אַ באַזוימטער,
טיף אין בלאָ, געהייליקט, אויסדערוויילט.

זיינען אויפן באַרג געבעטן אויפגעגאַנגען;
גיסן זיך אין טיפן בלאָ צונויף
פייערן פון אָפער, הייליקע געזאַנגען —
גלי איך ווידער ביי מיין גאָט אין הויף.

ציען ליכטיקייטן דורך מיין טרוים און ציען,
ווען די וואָר טוט פינצטער הויערן;
אַלץ איז דאָך פאַרלעשלעך, ווי עס זאָל ניט גליען —
קייכט דער ווינט מיר אין די אויערן.

2

ליגן אין די אַשעס און ניט טאָן פאַרגעסן
דעם שוין לאַנג־פאַרלאָשענעם אַלטאַר,
ביז איך וועל, אַ פונק אַ לעצטער, זיך פאַרלעשן,
גליען און פאַרגליען אין מיין צער;

ווי עס רייסט זיך אָפּ פון בוים פון אויסגעדאַרטן,
קוים וואו גרינענדיק, דאָס לעצטע בלאַט;
ווי דער לעצטער פלאַם־שפּור פון פאַרגאַנג פון צאַרטן,
קוים וואו רויטלענדיק, פאַרלעשט זיך מאַט;

ווי עס וועט דער לעצטער מענטש אין טיפע טאָלן
אויסגיין ערגעץ אין אַ מינען־שפּאַלט,
מיט די לעצטע שטעט פון גלעטשערס שוין צעמאָלן,
פאַר אַ שוואַרצער זון — פאַרלאָשן, קאַלט.

ניו יאָרק, 1935.

# אין אייביקן אייביק

## 1

דער טאָג מײַנער קערט זיך צום אונטערגאַנג אָפּ —
ווי שמאַכטיק, ווי שטיקיק, ווי שטויביק!
עס גליווערט אין האַרצן, עס שאָטנט אין קאָפּ,
עס שרעקט מיך דער שפּרונג אין דעם אייביק.

באַווייזט זיך אין טרוים מיר אַ הייליקער גרייז,
אַן אור־זיידע לאָזט זיך אַנטפּלעקן;
ער שטעלט זיך אַנידער און צייכנט אַ קרייז
ביי מיר אַרום בעט מיט זיין שטעקן.

עס לויכט אויף זיין קאָפּ די עטרה און בליצט,
און הימלדיק־העל איז זיין מינע,
אַזוי ווי ער וואָלט עס געזעסן נאָך איצט,
ביי מיר דאָ, אין שיין פון דער שכינה.

ער איז עס געקומען צו פירן מיין שטרייט
אַנטקעגן דער שוואַרצער צעשטערונג;
ער צייכנט דעם קרייז אין דער שטיל ביי מיין זייט
און פּליסטערט די גרויסע באַשווערונג.

און ווי נאָר ער ענדיקט, טוט פּלוצלונג אַ בלענד;
איך זע אין די פינצטערע הויכן
פלאַמט־אויף זיבנפאַרביק פון ענד ביזן ענד
אַ בויגן אַ צאַרטער, אַ צייכן.

אַט עפנט דער פינצטערער וואָלקן זיך שנעל,
און טיף אין דער מיט, אויגנבליקלעך,
באַווייזט זיך אַ ליכט אַזוי אומערדיש־העל,
אַ ליכט אַזוי אומערדיש גליקלעך.

דעריזע איך דאָס זוניקע זיידע־געזיכט,
אין באָרד און עטרה און טלית,
עס גיסט זיך אינגאַנצן צונויף מיטן ליכט;
איך פאַל אויפן פּנים און חלש.

2

איך ווייס נישט ווי לאַנג איז מיין אומגאַכט געווען —
אַ רגע, צי טויזנטער יובלען;
איך האָב אין אַ בלענד־ליכט זיך פּלוצלינג דעריזען,
ווי ווער וואָלט אין שטראַלן מיך טובלען.

איך ליג אויפן בעט אַ פאַרפלייצטער מיט ליכט,
אין הימלישער העלקייט פאַרהוילן;
און ווייטער אַ טראָט איז שוין חושך געדיכט,
עס פינצטערט אַן אָפּגרונט מיט גרוילן.

אָט זע איך, עס טוט זיך פון אָפּגרונט אַ וויז
אַ מחנה מלאכי־חבלה;
זי רייסט זיך אומזיסט צום באַלויכטענעם קרייז
און וויינט מיט אַ ווילדער יללה.

איך ליג און איך שווידער, און פרעג זיך און פרעג:
איז ד אָ ס שוין דאָס ליכט פון גן־עדן,
אַוואו איך בין אייביק צו בלייבן אַוועק,
אין זכות פון מיין הייליקן זיידן?

פאַרווירקלעכט, אויף אייביק פאַרווירקלעכט איז שוין
מיין ערדישער טרוים, מיין געווינטשטער!
און לויכטן וועט אייביק דאָס ליכט מיר אַליין,
ווען ווייטער אַ טראָט איז שטאָק־פינצטער.

און זיין וועט דער טרוים שוין מיין אייביקער שלאָף,
און זיין וועט דאָס ליכט־בעט מיין מיטה,
און רייסן זיך וועלן מחבלים אָן סוף
צו מיר — און נישט האָבן קיין שליטה.

3

איך ליג און איך זע אומגעזעענע פיל,
איך ווייס פון אַ סך אומבאַוואוסטע;
זיי פינטלען אַדורך אַזוי הויך, אַזוי שטיל,
אין בלויע אָן־סופן, אין פוסטע.

דאָך בלייב איך פאַר זיך אַ געהיימניש און בלייב,
ווי א י ך וואָלט גאָר איך ניט געוועזן;
איך שפיר ניט און שפיר, אַז איך ליג אָן אַ לייב —
אַ נישטיק, אַ קערפערלאָז וועזן.

אָ, איבערגעבליבן איז אונטן מיין גוף,
אין פוילניש פון קברים פון שטילע;
איך בין אַזוי טרוים־לייכט אַהערצו אַרויף
און גאָרניט געוואוסט דאָס אַפילו.

איך פיל מיין ניט־דאָאיקן גוף, ווי מען פילט
אַ לאַנג־אָפּגעשניטענעם אבר;
איך לייד מיט זיין וויטיק, וואָס ווערט נישט געשטילט,
כאָטש ע ר איז אַליין שוין אין קבר.

איך פיל אַזאַ בענקשאַפט נאָך יעטווידן גליד,
וואָס קיינמאָל שוין וועל איך נישט אָנזען;
ווי מיר איז מיין ניט־קערפּער, מיר, אַזוי מיר —
אין טרוים אויף בית־עלמינס צו בלאָנדזשען.

איך וויין מיט מיין ניט־אויג און זוך זיי אַוואו,
די שטויבן די לאַנג־שוין פאַרוויהטע;
איך הער מיט מיין ניט־אויער שטענדיק זיך צו,
ווי שטום איז דער עלענד פון טויטע.

4

איך ליג שוין זינט טויזנטער יובלען אַזוי
אין לויטערן אייביקן אייביק;
איך בענק און איך צי זיך אין שטומען געשריי
נאָך אַלץ וואָס איז שמערצלעך און שטויביק.

איך טראָג אין געדעכעניש דעם ערד־גרויען וועג,
וואָס ענדיקט זיך ערגעץ־וואו אימער;
איך טרוים פון די נעכט, וואָס פאַרבייטן די טעג
און שטאַרבן אין מאָרגנס פון שימער.

איך טראָג אין געדעכעניש אַ בלוט וואָס באַגערט,
און זע איך פאַר זיך די טייוואָלים,
טאָ זינדיק איך איבער די זינד פון דער ערד
צוריק אין מיין עלענדן חלום.

איך רו אַזוי טויזנטער יובלען אין צער,
אין אייביקן לויטערן לויטער;
איך שטאַרב נישט פאַר לאַנגוייל און אומעט דערפאַר,
ווייל שטאַרבן שוין קען ניט אַ טויטער.

5

אָ, הייליקער זיידע! זאָל פינצטערניש זיין,
אין תהום צו די שדים כאָטש פאַלן,
אַבי ניט דער שטענדיקער בלענדיקער שיין,
אַבי ניט דאָס אייביקע שטראַלן.

אָ, הייליקער זיידע! און ביסטו אַליין
מיין איך, מיין באַגער אַזוי גלויביק,
טאָ ווין איך פאַר זיך אין דער שטיל פון פאַרגיין:
אָ, ווער ניט אין גאָרנישט פון אייביק.

ניו יאָרק, 1923.

צווייטע אָפּטיילונג

# בײַם ים



# פאַרבן און שטימען

עס זיינען די זעלטנסטע פאַרבן פאַראַן
ביים אייביקן פאַרב־מישער, אַלט־אָקעאַן.

דאָך תהום־טיף פאַרבלייבט ער אין שוואַרצקייט באַהאַלטן,
אין פאַרב פון דעם תוהו ובוהו דעם אַלטן.

עס זיינען די זעלטנסטע שטימען פאַראַן
ביים אייביקן כאָר־פירער, אַלט־אָקעאַן.

דאָך גיסן זיך אַלע צונויף אין איין גרויסעס,
אין שטים פון די שטימען, אין שטים פון בראשית.

דערפיל איך אַמאָל, אַז זיי זיינען פאַראַן
אין מיר־וואו, די פאַרבן פון אַלט־אָקעאַן.

זיי פלאַמען אַוויל מיר אַדורך און פאַרשווינדן
צוריק אין דעם אור־שוואַרצן אָפּגרונט, דעם בלינדן.

דערפיל איך אַמאָל, אַז זיי זיינען פאַראַן
אין מיר־וואו די שטימען פון אַלט־אָקעאַן.

זיי קלינגען אַוועל מיר אַדורך און פאַרשטומען
צוריק אין דעם כאַאָס פון אור־אַלטן ברומען.

דאָך זיינען אין מיר, ווי אין אַלט־אָקעאַן,
די פאַרבן און שטימען אַלץ אימער פאַראַן —

אין שפּיל פון מיין זעל, ווי אין שפּיל פון די אינדן,
אין אייביקן ריטם פון קומען און שווינדן.

בעלמאַר, 1923

---

## די שיף

עס גייט פון פינצטערניש די שיף
אין פינצטערניש אַוועק.
באַווייזט זיך ליכט אין שוואַרצער טיף —
עס טריפט אַ שטראַלכל, טריף נאָך טריף,
און פלאַטערט אויפן דעק.
פון וואַנען קומסטו, ליכטיקייט,
אין פינצטערניש צו גיין ?
צי ערגעץ פון אַ יענער־זייט,
צי גאָר פון מיר אַליין ?

איך גיי אין פינצטערניש אַוועק,
אין איינזאַמקייט פון שיף.
באַווייזט זיך ווײַסט און לער אַ שרעק,
וואָס וואַרפט מיט שאָטנס אויפן דעק
פון גאָרנישטיקער טיף.
פון וואַנען קומסטו, שרעקיקייט,
אין גאָרנישטקייט צו גיין?
צי ערגעץ פון אַ יענער־זייט,
צי גאָר פון מיר אַליין?

און ברייננגט די שיף צום ברעג מיך שוין,
אַהינטער ווייט און צייט,
פאַרגייען שוין מיט מיין פאַרגיין
דאָס ליכט, די שרעק און אויך אַליין
די יענע יענע־זייט?
עס שטומט דער ברעג פון גאָרנישט טיף,
און דעקלאָז שוואַרצט דער דעק;
און ווייטער, ווייטער גייט די שיף
אין פינצטערניש אַוועק.

ניו יאָרק, 1924.

# אין שלאָפלאָזן חושך

איך קוק אין דעם שלאָפלאָזן חושך אַריין,
אין רווישיקן, ראַשיקן רוים;
עס שימערן כוואַליעס אין שוימיקן שיין,
עס טרינקען זיך שטערן אין שייניקן שוים;
צי איז עס אַ ים, צי אַ טרוים?

צעלאָזט זיך דער ווינט אַזוי שכורערהייט
און ניכטערער ווער איך אַליין:
צי פייפט ער אַ פרייליכס אין פולקייט פון פרייד?
צי שוימט ער משוגע אין ברוגז פון געוויין?
ווער קען ביי אים עפּעס פאַרשטיין!

צעיאָגט זיך דער ים אַזוי שטורמיק און קראַכט;
איך קוק אויפן אימפּעט דערשטוינט:
צי לויפט ער אין לוסטיקן לייכטזין און לאַכט?
צי וואַרפט אים אין ווייטיקן ווילד און ער וויינט?
ווער קען עס דערגיין וואָס ער מיינט!

טוט ווער־וואָס אַ פּאָך און אַ פינצטערניש וועַרט,
איך זע ניט מיין אייגענעם טראָט;
פאַרשטיקט אַ געהיימניש דעם ים און די ערד,
אָט שרייט ווער אין צאָרן, אָט קייכט ווער אין שפּאָט —
באַשיץ און באַשירם מיך, גאָט!

.1923 בעלמאר,

## אַ פּ י י ע ר ל

אַ פּייערל בלאָנדזשעט אין חושך אַרום,
אַריבער דעם תהום;
צי וויגט זיך אַ שיפל דאָס אום אַזוי שטום
און פישט אין דעם שטראָם?

צי פלעמלט דאָס הילפלאָז אַ גליי־פליג אַרום,
פארטראָגן פון ברעג,
און זוכט אין דעם שטראָמיקן שרעק אַזוי שטום
אַ רעטונג, אַ וועג?

צי גליט דאָס אַ שיקזאַל און פלאַטערט אַרום
אויף אָפּגרונטן וויסט,
און שיינט אַוויל אויף אין דער שוואַרץ אַזוי שטום
און זוכט וואָס אומזיסט?

ווי וויינט אַזוי ווילד אין דער הויך וואו אַרום
דער דאַרשטיקער ווינט!
אָט טוט דער פאַרלעשער אַ טראָג אַזוי שטום,
אַ טראָג אַזוי בלינד.

און גלייך ווי אַ טיר, האָט די שוואַרצקייט אַרום
זיך רוישלאָז פאַרמאַכט,
דעם פלאַטער פון פלעמל פאַרהאַקט אַזוי שטום
אין אָפּגרונט און נאַכט.

בעלמאר, 1923.

# אין הייסער מיטן־נאַכט

אַ מיד־שטומער בליק, אַ פאַרחלשטער פלאַם
באַלויכט מיר די גראַנד־פאַנטאַסטישע אַוויל:
אַ ווייס־הייסער וואָלקן, אַ שטאָל־קילער ים,
פאַרהוילן אין טויזנטער מייל־געאייל.

באַלויכטענע ברוין פון אָפגרונט אַרויס
געשפּענסטער אין ווייסן, אַ קאַלטער המון.
צי הויבט זיך די אונטער־וועלט אויף אין געדויש?
צי קלאַפן דור־דורות מיט מתים־געביין?

צי זע איך דעם עמק יהושפט פאַר זיך,
צעוואָרפן אין וואָלקן פון פאַרבטיקן ליכט?
מע לויפט פון די פוסטע בית־עלמינס אויף גיך,
צו שטעלן זיך גרייליק צום לעצטן געריכט.

בעלמאר, 1923.

# אַ ראָמאַן

## 1

## די לבנה

זי וואַכט אַזאַ גרייטע
אַריבער דעם ים,
אַ פולע, אַ רויטע,
אַ שמאַכטיקער פלאַם.

וואָלט ווער כאָטש געקומען
איר פולקייט צו זען,
אין פריידיקן ברומען
מחדש געווען!

זי גליט אַזוי גלויביק,
זי שמאַכט אַזוי שיין,
אַ בענקענדע אייביק,
אַליך איינע אַליין.

האָט איינעם, נאָר איינעם,
דעם גרייז־אָקעאַן,
וואָס שפילט פון קדמונים
מיט איר אַ ראָמאַן.

ער שפּילט מיט איר בלענדיק
און קוקט אַזוי אַלט;
ער גאַרט נאָך איר שטענדיק
און בלייבט אַזוי קאַלט.

דאָך הענגט זי און הויערט
אַריבער דעם שוים,
פאַרטרויט און פאַרטרויערט,
אין גליאיקן טרוים.

און שווינדן די כוואַליעס,
בלייבט זידן דער שוים;
און לעשט זיך אוים אַלעס,
בלייבט גליען דער טרוים.

2

## דער אַטלאַנט

פאַרבלאָנדזשעט אַ שטערן
פון נאַכט־קאַראוואַן —
צו זען, וואָס וועט ווערן
פון הימל־ראָמאַן.

דער שעלמישער עדות,
ער שלייכט אָן אַ זייט;
ער לויערט אויף סודות
און פינקלט פאַרשייט.

די רויטע לבנה,
דער ווייסער אטלאנט,
אַ בענקענדע נאָנע,
אַ זקן־גאַלאַנט.

אַט וואַרפט זי אים ליכטיק
איר פאַרוואורף פון שיין,
צעפלאַמט, אייפערזיכטיק,
אין פּנים אַריין.

אַט הויבט אים רויט־בלוטיק,
אַט האַלט אים צוריק;
עס פאַלט אויף אים גלוטיק
איר ברוגזער בליק.

צעגרינט זיך ביים שטערן
דאָס נייגיר־אויג גרויס;
ער קוקט אַזוי גערן
אויף עפּעס אַרויס.

אַ בלייכע לבנה,
אַ ווילדער אטלאנט,
אַ ברוגזע נאָנע,
אַ ליידאַק־גאַלאַנט.

אַט הויבט זי זיך העלער
און שרומפּט זיך איין דין —
אַ פּנים אַ געלער,
אַ גלאַנץ פון בורשטין.

אַט יאָגט ער אין זאַטל
און שוימט מיט געשריי —
אַ גרייז עובר בטל
אין גלוסטן־געדריי.

דער גרינינקער עדות
פאַרבלייכט און פאַרשווינדט:
ניטאָ קיין שום סודות
אין הימל־געזינד!

3

## פ אַ ר ט אָ ג

עס גייען זיך לייגן
די שטערן פון נאַכט;
עס האָט זיינע אויגן
דער הימל פאַרמאַכט.

אַליין נאָר די וואַרטער,
לבנה און ים —
זיי שטייען, די שמאַכטער,
אַ פלאַם קעגן פלאַם.

ווי כוואַליענדיק רעדט ער
און צערטלט און בעט,
אין שעה אין דער שפּעטער,
דער אַלטער קאָקעט!

ער בעט און צעגליט זיך
און בושעוועט אויף,
וואָס העכער זי ציט זיך
צום הימל אַרויף.

זי ווינקט מיט איר ווייכן,
לבנהקן בליק,
פון ליכט־רינג פון בלייכן,
צום אַלטן צוריק.

אַט פלעכטן זיך שיינען,
ווי ארעמס פאַרשייט;
ווי שפּילעוודיק זיינען
די אייביקע לייט!

אין לערקייט דערווייטערט,
אין לויכטונג געמישט —
ווי העלט זיי געלייטערט
דער אייביקער נישט!

אַט ווייכן די שיינען
אין ברוגז־טאַנץ ווייט;
ווי לאַנגווייליק זיינען
די אייביקע לייט!

אין שוים פון אַן־סופן,
אין אומעט פון שוים —
ווי געגעצט וויסט־אפן
דער אייביקער רוים!

און אויסער זיי צווייען,
איז קיינער ניטאָ,
דאָס אויג צו דערפרייען
אין מדבר פון בלאָ.

.1926 בעלמאר,

---

# רייסט אַ ווינט דעם נעבל

רייסט אַ ווינט דעם נעבעל, פליקט אויף טויזנט שטיקלעך,
און מיט טויזנט שמייכלען הינטער זיי
גלאַנצט אַרויס דער ים, צעפּאַטשעט און גליקלעך,
ליידנשאַפטלעך מורמלענדיק אין ווײ:
„בושעווע, דו שטורעם, פּאַסעווע און פייניק,
רייס אונז נאָר אַרויס פון נעבל פריי;
איז דאָס צאַפּלען זיך אין אומרו דאָך אַ תענוג
קעגן דער קאַשמאַרנער רו אין בליי!"

.1937

# אָוונט־שטורעם

ווייס און אַש־גראָ, ווייס און גרין —
עס גייען די כוואַליעס, ווי פֿאַלקן,
און דער הימל איז בורשטין,
באַזוימט מיט אַ פלאַם־שוואַרצן וואָלקן.

ווייס און אַש־גראָ, ווייס און גרין, —
עס איילן די פֿאַלקן און איילן;
לויפן ווי פון פיינד וואוהין,
אין לאַנגע, אין ענדלאָזע ציילן.

שפּרייט זיך שוואַרצער אויס דער פלאַם,
און הענגט אויפן הימל און פלאַקערט;
רייסט זיך וואנזיניק דער ים,
אין בערג און אין טאָלן צעאַקערט.

עלענד דרייען זיך אין לופט
די פויגלען, ווי סאַזשע אין פלאַמען;
לאַכט ווער, קראַכט ווער, רעוועט, רופט —
מיליאָנען מיט רופן צוזאַמען.

פלאַמט דער מערב וואָלקן־הויך,
צעברענט זיך דער מזרח פון אונטן;
שלאָגט אַרויס פון תהום אַ רויך,
עס קראַכן פון אונטן די גרונטן.

הער איך צו דעם שטורעם־שאַל;
דער שר פון דער בייזער מהומה
וואַרפט די כוואַליעס כף הקל
און שמייסט זיי מיט רעגנס מיט קרומע.

גיסן זיך צונויף אין וואָלקן
די נאַכט און די לויפנדע פאַלקן.

שווינדט אין פינצטערניש דער פלאַם,
אַט זע איך שוין קיינעם ניט, קיינעם;
הער איך נאָר דעם קלאָג פון ים,
עם קלאָגן מיליאָנען אינאיינעם.

הער איך צו דעם יאָמער־רוויש;
די קינדער פון אייביקן גלות
וויינען זייער וועלט־צער אויס,
ביינאַכט, אין די וואָגל־יללות.

אַלטע יאָמערן פון דורות,
מיליאָנען אין פינצטערע מוראס.

בעלמאר, 1923.

# די באַלאַדע פון שוים און שיין

די מאַמע אַליין נאָר איז נאָכן טומל
געבליבן אויפן ברעג, און זי האָט זיך,
א פארשטיינערטע, ניט גערירט פון אָרט.
(פון א טאָג־צייטונג)

זי האָט אַזאַ ליכטיקן ערשט אים געזען —
אַוויל איידער דאָס איז געשען.

מען ווייזט איר פון וייטן אין וואַסער דעם אָרט,
טאַ טרעט זי ניט אָפּ שוין פון דאָרט.

זי לאָזט זיך אַראָפּ אויף די ברעג־פעלזן שווער,
עס טריקנט אין אויג איר די טרער.

זי ווייס ניט ווי לאַנג שוין זי זיצט אַזוי דאָ —
אַן אייביקייט אָדער אַ שעה?

עס בלאָנדזשעט איר בליק אויף די ים־שטראַלן שטום;
זיין ליכטיקייט זוכט זי אַרום.

אַט טוט ער אַ שיין אין פיל־שטימיקן שוים —
און לייד אַ געליטערטער טרוים.

ער פליט, ווי אַ טרויס, אַזוי שטום, און ער פליט;
זי פליט אין עקסטאַז מיט אים מיט.

זי פילט מיט זיין דורכזיכטיק לעבן פאַר זיך;
זי לעבט אַזוי פול, אַזוי גיך.

אַט זעט זי אַ קינדערשן קינד אים, און באַלד
אַ מאַן אַזאַ מענלעכער שטראַלט.

וואָס זינגט אַזוי יונג פון פאַרנעבלטער ווייט?
וואָס לאַכט אַזוי ליב און פאַרשייט?

אַט רייסט זיך וואָס פרעמדעס פון שוימיקן שיין
צו אים אין דעם ליכט־קרייז אַריין.

ווי רעדט עס צו איר אַזוי גליקלעך אָן רייד;
איר מוטער־האַרץ פלאַטערט פאַר פרייד.

אַט שפּילן איר מזל טוב פידלען אין ווינט;
ווי פידלט עס איבער געשווינד!

און זוניק און זוניקער זילבערט דאָס הויז
אין כוואַליקן שטראַלן־געברויז.

עס טוט אַזוי ברוזיק אַ בלענד איר דאָס גליק —
צופיל פאַר איר אַלטינקן בליק.

ווי שרומפּט זי זיך איין אַזוי מיד, אַזוי קליין —
אין איינזאַמען דרויסן, אַליין!

אַט הערט זי, עס קלינגט איר פון זוניקן הויז
אַ קינדערשער פּלאַפּל אַרויס.

זי הערט מיט אַ זעליקן שמייכל זיך צו;
זי פילט אַזאַ רו, אַזאַ רו.

און הערנדיק גייען די כוחות איר אויס;
דאָס שווימיקע גליק איז צו גרויס.

בעלמאר, 1923.

---

## אויפן באָרדוואָק

פון א י י ן זייט, מעשה בראשית־אָטעם פריש און פריי,
פון צווייטער — קונציקייטן, בלעכלעך, געזאָלין;
פון א י י ן זייט, וואונדער־שפּיל פון פאַרבן־מישעריי,
פון צווייטער — מאָנאָטאָנער סטאַנדאַרד פון מאַשין.

פון א י י ן זייט, טרוים פון מענטש; פון צווייטער — שוים פון אינד,
און איבער ביידן לויכט די טיפע פוסטקייט בלאָ;
דאָך טונקל איז דאָס ליכט, און אַלץ צוגלייך פאַרשווינדט —
אין אייביקן פאַראַן דער אייביקער ניטאָ.

1937.

# דער קלאָג־ווינט

## 1

### דער רוף

דער קלאָג־ווינט אין פענצטער,
וואָס קלאַפּט מיט די טראָפּנס;
קאָשמאַרן־געשפּענסטער,
וואָס וואַכן צוקאָפּנס.

דער רוף פון די בעטער,
אין שטומקייט פון חלום,
פון אָפּגרונט פון בלינדן.
אָט שפּרינגען די רעטער
פון שיף, ווי טייוואַלים,
און פאַלן און שווינדן
אויף זינקענדע ברעטער
און שווימען בשלום
אַרויס אויף די אינדן.

ווער שפּרייט אין די הויכן
די אָפּגעהאַקט־פּעסטע
פאַרצווייפלונגס־סיגנאַלן?
אָט דאָרט אין די רויכן
פון וואָלקנס געפּרעסטע

און שוים־כּתּ־הקלן ?
צי וועלן זיי גרייכן,
די בראָווסטע, די בעסטע,
צי איז שוין פאַרפאַלן !

עס הויבן זיך אימער
אַליך העכער די רעטער
אויף בערגיקע אינדן.
און שווימער נאָך שווימער,
פאַרשוועגקט פון די ברעטער,
פאַרזינקען, פאַרשווינדן,
אַזוי ווי אַ שימער,
אַ גראָ־שפּיל פון וועטער,
אין אָפּגרונט אין בלינדן.

אָט שטילט זיך דער וועטער,
עס פליען, ווי ראָבן,
נאָר וואָלקנדלעך וויסטע.
און אונטן די רעטער,
די אַלע, וואָס האָבן
אין אָפּער אומזיסטע
געקעמפט אויף די ברעטער,
זיי ליגן באַגראָבן,
אין תהום אויסגעמישטע.

2

## אויפן אָפּגרונט

געזיכטער — וואָס גרינען
אויף אָפּגרונטן אימער,

מיט אויג־לעכער אָפן,
דורך וועלכע עס רינען
די שפּילן פון שימער
פון טיפן — אָן־סופן;
אַ ווייטער באַגינען
פון שטראַליקייט גרימער,
מיט שוימען פאַרלאָפן.

צי הער איך זיי אונטן,
אין פלי אין געהיימען
פון אַלע פיר ראָגן —
פון ימיקע גרונטן,
פון וואַסער־גראָז היימען
אַהערצו געטראָגן,
די בר מינך־בונטן,
אין פענצטער, אין קוימען,
אין ביטערן קלאָגן?

האָט יעדער באַזונדער
פון זיי אין אַנטציקן
געלעבט אַמאָל אונטן —
אין פאָרם אין רונדער,
אויף אונזערע שטויבן,
באַגייסטערט פון וואונדער,
באַטרונקען פון גליקן
און הימלישן גלויבן.

צי האָט מען באַפוילן
זיי אויפצוגיין ווידער,

אין אויפרור אין שווערן,
אַ שימער, פאַרהוילן
אין נאַכט־זעל אין מידער,
דעם חושך צו שטערן —
אין זינגענדע גרוילן,
אין גרוילנדע לידער
צו לאָזן זיך הערן?

3

## אין בעטל

דער קלאָג־ווינט אין פענצטער,
וואָס קלאַפּט מיט די טראָפּנס;
קאָשמאַרן־געשפּענסטער,
וואָס וואַכן צוקאָפּנס.

צי טרוים איך אין בעטל,
פאַר אימעצנס ברעמען
אַ שימער אַזוינער,
פאַרשווענקט פון אַ ברעטל,
אין אָפּער פאַר ווערמען —
וואָס זעט שוין ניט קיינער?
עס שווינדט אין דעם צעטל
פון זינקענדע נעמען
אַ נאָמען נאָך איינער.

ניו יאָרק, 1926.

# אין אָוונט־הימל

ליגט אין אָוונט־הימל אויסגעשפּרייט און ברענט,
מיט קאָלירן אַלערליי, אַ קאָנטינענט —
ריזן־בערג און טאָלן, אַלע אַלץ אין פלאַם,
און פון אונטן פורפורט שפּיגלדיק אַ ים.

גליצט זיך אויפן פורפור פון צעשפּילטער טיף,
אונטער אַ מאַסיוו פון קאָנטינענט, אַ שיף.
קוקט זי קליין און נישטיק, אָט די שיף פון האָלץ,
קעגן פעלז, וואָס פלאַקערט איבער איר מיט שטאָלץ.

ווייהט מיט וואונדער־וועלטן, כשופט דער קאָנטראַסט,
בעת די שיף פון אונטן יאָגט צום ברעג מיט האַסט;
און אָט קומט זי אָן אין דער באַשטימטער שעה —
איז דער קאָנטינענט אין הימל שוין ניטאָ.

אָ, דו שווישפּילער, וואָס הויך אין הימל הויזט!
האָט דיין שפּיל געשווינד אַזוי אַדורכגעברויזט,
ווי צוריק אַ רגע אָט די כוואַליע שוים,
ווי מיין לעבנס־דורכלויף, ווי מיין לעבנס־טרוים.

1937.

# אויפן ברעג

ווי ווײנט אַזוי מענטשלעך דער ווינט!
איך בין אַזוי מיד;
אַלץ קוקן פון ברעג אין דער פינצטערניש בלינד,
אַלץ הערן פון כאַאָס דאָס אור־אַלטע ליד —
ווי ווײנט פאַר מיר מענטשלעך דער ווינט!

אַט בעט זיך וואו אײנעמס אַ שטים
אין ברום פון געמיט;
עס בעטן פון אַפּגרונט צוזאַמען מיט אים
די כוואַליעס די פרעמדע, די טויזנטער מיט —
ווי בעט זיך ביי וועמען די שטים!

אַט רוישט מיט פיל קולות אַ קלויז
פון וויטן אַמאָל.
איך הער אַ פאַראומערטן תהלים־געברויז,
מען בעט וואו פאַר וועמען בייַנאַכט אויפן קול —
ווי רוישט אַזוי סומנע די קלויז!

אַט הילט זיך אַ יאָמער און הילט
אין סאַמעט פון גרין.
ווער שטאַרבט און ווער פאַלט צום פרוכת צו ווילד,
אַז גאָט זאָל צערייסן דעם שוואַרצן גזר דין —
ווי הילט זיך דער יאָמער און הילט!

צי הער איך מיין אייגן געוויין
אין וויינען פון ווינד?
צי בין איך דער חולה און בעטער אַליין,
וואָס זעט זיין גזר דין אין דער פינצטערניש בלינד?
ווי ווײנט מיר מיין אייגן געוויין!

בעלמאר, 1926

# פאַרנאַכט

עס קען זיך ניט געבן אַ ריס
דער ים פון דעם זאַמדיקן ברעג;
עס קענען די שטערבלעכע פיס
פון אַנריר פון ערד ניט אַוועק;
עס ענדיקט זיך ערגעץ געוויס
דער גאַנג פון די שטערבלעכע טעג.

איך קוק אויפן טונקלענדן שפיל
פון פאַרביקן הימל — פאַרנאַכט.
ווי טרויעריק איז און ווי שטיל
די גליאיק־פאַרגייאיקע פראַכט,
ווי ווער וואַלט מיט פלאַם־שערבלעך פיל
דאָרט טויזנטער אויגן פאַרמאַכט.

נאָך איינער אַ לעבנס־טאָג פליט
אַוועק־וואו אין חושך פון רוים.
עס פלאַטערט זיין זעל נאָך און גליט
פון יענער זייט נאַכטיקן זוים.
עס וויהט דורך מיין אָוונט־געמיט
א באנגער, אַן אור־אַלטער טרוים.

איך זע, ווי מען דרייט פאַר מיר אום
פון אויפלעב און אָפשטאַרב דאָס ראָד —
אַן אויפגיין, אַן אונטערגיין שטום,
אַ סוד פון אַ גרויסן געבאָט,
אין טרויער פון שטילקייט אַרום —
דעם אייביקן טרוים פון אַ גאָט.

בעלמאר, 1924.

## די שיף, וואָס פֿאַראייניקט די ברעגן

די שיף, וואָס טוט שפּאַלטן די כוואַליעס,
פֿאַראייניקט די ברעגן;
דער ווינט רייצט דעם ים — אויפצושטעלן
אַ פֿראָנט איר אַנטקעגן.

ער רייצט און רייסט־דורך האָריזאָנטן,
אין רעוועדן וואַנדער,
און ברויזט מיט פֿאַראייניקטע פֿראָנטן,
וואָס פֿאַלן פֿאַנאַנדער.

דאָך ווערט פֿון דער גוואַלט־פּראָפּאַגאַנדע
די שיף ניט נתפּעל;
זי פּייפֿט אויף דער כמורנער קאָמאַנדע
און שווימיקן קהל.

פֿאַראייניקט זי ברעגן אַלץ ווייטער,
טוט כוואַליעס אַלץ שפּאַלטן;
דער ווינט, דער פֿאַשיסט דער פֿאַרשייטער,
באַגלייט זי מיט גוואַלטן.

ניו יאָרק, 1937.

## עס לויערט דער תהום

עס לויערט דער תהום אויף מיין שיף
אין שטראָמיקער ווייס אַ פאַרהילטער;
דער פעלז־שפּיץ אויף מיר אַ געצילטער,
ער וואַרט אין דער טיף.

עס טראָגט מיך אַ הילפלאָזן צו,
די האַנט ביי דעם רודער ווערט שוואַכער;
עס קייכט אַזוי טויטיק דער לאַכער
אין נעבל אַוואו.

אַ, האַר פון די תהומות, באַשיץ!
שרייט אור־ווילד אַרויס ווער פון האַרצן.
און פּלוצלונג פון עבר פון שוואַרצן
גיט עפּעס אַ בליץ.

דערמאָן איך זיך אַלץ און דערמאָן:
אַ תהום אַזוי נעבלדיק־ברויזנד —
צוריק נאָך פּיליכט אַ יאָר טויזנט,
פּילייכט אַ מיליאָן.

אַ, וואָס איז געשען מיט מיר דאַן —
אַמאָל, ווען איך האָב זיך געטרונקען,
ווען רופנדיק בין איך געזונקען
אַוואו אין טומאַן!

איך זוך אים, דעם בליק־שפור, אומזיסט,
און נישטער אין טויט־שרעק און נישטער;
ער שווינדט אין דער שוואַרץ אַ פאַרווישטער —
אין אייביקן נישט.

ניו יאָרק, 1923.

---

## שווימען מיר, די אומגעזעענע

שווימען מיר, די אומגעזעענע, און שווימען
אויף אַ פערי, אין אַ כשוף פון טומאַן;
שטייט ביים רודער ערגעץ־וואו אַ קאַפּיטאַן,
הערט מען זידן, פייפן, רופעניש פון שטימען,
דאָך מען זעט ניט ווייטער פון אַ שפּאַן.

הערן זיך אין גראָען וועלד־רויש און הערן
סומנע אָפּקלאַנגען פון גוואַלדן פיל און פול;
רופט מען פון דער ווייט פאַרצווייפלט קאַראַאול,
וואַרפט זיך אַ המון אין געלאַף אין שווערן,
יאַמערט אויפן קול אַ גאַנצע שול.

גרוילן, גראָ־פאַרהוילן, הויפן זיך און הויפן,
חושכם סקרוכענען אַרוים פון וואַסער־טראכט,
שוואַרצן דורך, ווי טויט־געדראַנקען, ניט געדאַכט,
שיפן, ווי געשפענסטער, שאַטענען און לויפן ;
אַ מאָמענט — און אַ צונויפשטויס קראַכט.

פינצטערן פאַר אונז די ענדלעכקייטן אונטן,
גליווערט אויבן גראָ אן ענדלאָזער ניטאָ.
וואו זי טרעפט אונז נאָר, צי דאָרטן אָדער דאָ,
אין די גיריקע, צעעפנט־שוואַרצע גרונטן —
טרעפן וועט זי, די פאַטאַלע שעה.

הילפלאָז שווימען מיר, די קנעכט פון ערד, און שווימען,
מענטשן־שטויב פון ערד, פאַרטראָגענע אין קלעם,
טוליען זיך צום האָלץ פון שיף, און וואויל איז דעם,
וואָס דערזעט אין רויט פון האריזאָנט אַ סימן
פון אַ ברעג אין פלאַם־שילד פון אַ שם.

בעלמאר, 1925.

דריטע אָפּטיילונג

# מיין קאַראַוואַן



# מיין קאַראַוואַן

עס הויבט זיך אויף פון נאַכט־לאַגער דער קאַראַוואַן
פון מיינע מדבר־לידער;
איך פּאַק דעם טרוים איין, ווי אַ פּרעכטיקן דיוואַן,
און אויפן וואַנדער ווידער.

עס ליגן נאָך די ווייטע שטרעקן פון געדאַנק
אין טונקלקייט און דרעמלען;
דאָך טועז, מיט די טרוים־פּעק, פאַרביק שוין אַ בלאַנק
די פערזן — מיינע קעמלען.

די פערזן — מיינע קעמלען! ווי זיי שפּרייזן מיט,
מיט מיר צום ווייט־געאַנטן —
אין זאַמד־גלוט פון עמאָציעס. דאָך מיט גלייכע טריט,
אין ריטם אין געשפּאַנטן.

זיי וויגן ריטמיש זיך אויף זייער האָרבן־גאַנג,
וואָס שורות דורות גייען,
און גלעקלען אוים צום אויפגאַנג מאָנאָטאָן און באַנג
די אויסגעגראָמטע ווייען.

אָ, לייענער! צי זעסטו אונזער פיבער־בליק
צום מזרח דעם געוועגדטן?
מיר שרעקן זיך פאַר אים, דאָך בעטן מיר צוריק
דעם טאָג דעם העל־צעברענטן.

אָט פֿורפֿלעז, ווי טערצינעז, צאַרט אין מזרח־זייט
די ליכטער־עסטאפֿעטן ;
אָט פֿינקלעז אַלע זאַמד־בערג גאָלדיק פֿון דער ווייט,
ווי רינגעז פֿון סאַנעטן.

אָט שפּרינגט אַרויס די זון, אין רויטן טוי פֿון בלוט
אַזוי ווי אויסגעבאָדן,
און באַלד שוין ווערט מיין קאַראַוואַן איין שטיק פֿון גלוט,
מיט פֿייער אָנגעלאָדן.

די שמאַכטנדיקע נעכט, די שרפֿהנדיקע טעג
אין זאַמד־ים אין פֿאַרפֿלוכטן !
אַליך מעסטן, זינקענדיק, דעם וועגנלאָזן וועג
צום גראָז־גרין צום געזוכטן !

אָ, לייענער דו מיין ! צי זעסטו, וואָס עס הייסט
די שטראָף פֿון אָט־די סטראָפֿן !
קיין רו ניט פֿאַרן אויג, און פֿאַרן האַרץ קיין טרייסט —
אַליך דאָרשטיקע אָן־סופֿן !

אַליך אומרערוואַרטקייטן, וואָס דראָעז יעדן שריט,
ווי ווילדע בעדואינען ;
אַליך בילדער העלישע, וואָס ברענען דאָס געבליט,
ווי פֿלאַמיקע כאַמסינען.

דו ביסט דאָך מעביר נאָר די סדרה פֿון מאַרשרוט,
אָ, מיין במדבר למדן !
און ווייסטו וויפֿיל ביינער און צעשרפֿהט בלוט
באַגראָבן אָט־די זאַמדן ?

מיר טרעטן אויף סקעלעטן צו אַן ענד וואוהין
אין ענדלאָזן בית־עלמין;
צי ועלן מיר דערזען נאָך דעם אַזוים גרין,
די קוואַלן און די פּאַלמען?

קאָלד ספּרינג ראוד, מאָנטיסעלא, נ. י., 1936.

---

# דער תיקון

(ווי לידער ווערן געשריבן)

ווער ווײנט אין דער וויסטקייט פון חושך פאַרהוילן?
ווער ווײנט אין די נעכט,
ווען אַלץ האָט פאַרשטומט, אין די נעכט?
צי אין־מיר, צי אויסער־מיר — ערגעץ אין גרוילן
שוועבט אום, וואַגלט אום אַ נשמה אין הוילן,
אַ גלגול, פאַרשוועכט.

עס ליגן די וועלטן פון תוהו צעשפּרייטע
און טונקלען אין צער,
אין נאַכטיקן, שמאַכטיקן צער;
אָט גליען די גיריקע גופים, די גרייטע,
זיי שמאַכטן און וואַרטן אויף אים, אויפן חוטא,
אויף אים, אויפן האַר.

פון שטעט און מדבריות, פון הייזער און היילן —
אַלץ פרעגט מען אין פּיין,
פון אַלערליי צייטן, אין פּיין:
אַ, וועמען־זשע וועט ער, דער וואָגלער, דערוויילן,
די לייד און די פרייד פון זיין שאַפונג צו טיילן?
וואו ד ו ע ט ער אַריין?

איז באַלד אין געהיימניש פון חושך פון שטילן
דער וואונדער געשען:
ער האָט זיין באַגערטן דערזען;
אַט טוט זיך זיין תּאוה צו קערפּער צעשפּילן,
ער שלעפּט אים פון תּוהו אַרויס מיט זיין ווילן
און טוט אים אַ ברען.

אַריין איז דער גלגול! און ווילד פון אַנטציקן,
און מיד, אַזוי מיד,
פון שאַפונג־פרייד מיד, אַזוי מיד,
דערהער איך די קלאַנגען, די פליצנדע גליקן,
עס קריגן דער גוף און דער גלגול אַ תּיקון,
און גרייט איז דאָס ליד.

ניו יאָרק, 1936.

# בײם גרענעץ

דער אָװנט האָט געגליט, און אַלע זײנען
געהײם אַװעק אין װעג אין לאַנגן —
דורך װעלדלעך, װאו עס זײנען רױטע שײנען,
װי שרעק־געשפּענסטער, אומגעגאַנגען;
דורך זומפּן גראָלעכע מיט נעבל־לײנען,
אין סומנעם אָפּגלאַנץ װײס צעהאנגען.

מיר זײנען נאָכן פירער נאָכגעגאַנגען,
און קײנער האָט אים ניט געקענט;
און יעדער מיט זײן צער און זײן פאַרלאַנגען,
און מיט זײן װאונד, װאָס האָט געברענט;
און אַלע עלענד, אין געמיט אין באנגן,
און אָפּגעצאמטע, װי מיט װענט.

מיר זײנען גיך, דעם אונטערגאַנג אַנטקעגן,
געגאַנגען װאו צום אומבאַקאַנטן;
געװאַנדלט װיסט אויף װעגנלאָזע װעגן
צום ניט־באַקאַנטן, ניט־געאַנטן;
און טיף אין נאַכט־װאַלד איז דער ציל געלעגן,
דער סוד פון װאַנדער פון געשפּאַנטן.

אַט פֿאַלט ער צו דער ערד צו מיטן אויער,
דער פֿירער, פּלוצלונג, שטומערהייט,
ווי ערגעץ וואַלטן אויף די וויסטע גייער
געלויערט פֿיינט, געלויערט טויט,
און באַלד אין טרויער אויף דער ערד דער רויער
געלעגן זיינען מיר צעשפּרייט.

איך ליג אין זומפּ און מורמל: ערד, דו פֿייכטע
פֿון ניט־געזעטיקטקייט פֿון זאַטער!
דו קריגסט זיי ניט, די לייבער אַט־די לייכטע,
מיט זייער לעבעדיקן פֿלאַטער!
אַט שטעל איך זיך מיט פּלייצעס אויסגעגלייכטע,
אַ פֿרייער, מיט מיין זעל מיין מאַטער!

און ווידער אויף די וועגנלאָזע וועגן
טרעט־אויף דער פֿירער שטום און באַנג;
און ווילד־פֿרעמד גיי איך מיט, דער נאַכט אַנטקעגן,
און ווייס ניט אין מיין גאַנג שוין לאַנג,
ווי שיידט מען אונטער אויף די הימל־ברעגן
דעם אויפֿגאַנג פֿון דעם אונטערגאַנג.

איך קוק די האָריזאָנטן ווייט אַריבער,
די ווירקלעכקייטן די פֿאַרשטיקטע;
איך קוק אַוועק פֿון זיי און גיב זיך איבער
צו די אילוזיעס די פֿאַרריקטע.
אָ, שעה באַגייסטערטע פֿון פֿאַלש פֿון ליבער!
אָ, נאַרעדייען טיף־אַנטציקטע!

אַט זע איך, שרעקן מערן זיך און מערן,
און ער, דער פֿירער, טוט אַ בויג

זיך ווידער צו דער ערד און פּרואווט וואָס הערן
און אַלע טוען זיך אַ לייג;
אָט שטעלט ער זיך און שלייכט אין טראָט אין שווערן,
און באַלד פאַרליר איך אים פון אויג.

און גרווילן קנוילן זיך אַרום און קנוילן;
איך גיי אַדורך, אַ רעזיגנירטער,
און כשוף מיינע לייד אַוועק, פאַרהוילן
אין בלענדעניש אין פייך־באַצירטער:
איך חלום איבער ראַש אין זיך די גרווילן
אין גליקלעכקייט אין עקזאַלטירטער.

איך ווייס, עס איז דער שטראָף־וועג פון ביליאָנען,
און ניט פאַראַן איז קיין צוריק,
טאָ חויב איך אויף אין אייביקייט די פאָנען
און שטורעם מיטן אויגנבליק
די ווענט פון די פאַרמויערטע וויזיאָנען,
די תפיסה פון געטרוימטן גליק.

ניו יאָרק, 1930.

## קולות אין וואַלד

הערן זיך אין נאַכט געשרייען
פון דעם הויכן, כמורנעם וואַלד,
וואו גיגאַנטן־ביימער שטייען
מיט די שפּיצן וויס־צעשטראַלט,
אין פאַנטאַסטישע אַלייען,
גלייך ווי זיילן פון באַזאַלט —
הילכן סומנע די געשרייען
פון דער טיפעניש פון וואַלד.

אויבן ווייס אין שטראַלן־קיווער,
אונטן טיף אין שוואַרץ פאַרהילט,
שטייט דער וואַלד אין צויבער־גליווער,
מיט די קולות אָנגעפילט,
אַ געשפּענסטיקער, אַ שיווער,
דאָך פון ליידנשאַפט צעשפּילט —
שטייט ער אַלץ אַזוי אין גליווער,
מיט זיין אומרו אָנגעפילט.

צי דאָס קומען לאַגער שטעלן
נמרודס הונדערטער אַהער?
און ווילד־האַריקע געזעלן

טראָגן אין געיעגן שווער,
וואָיען אין די בערן־פעלן,
זוכן שפּייז מיט שטיין־געווער —
בלאָזט אַ האָרן די באַפעלן
פון די אור־צייטן אַהער.

צי דאָס הער איך קאַרניוואַלן
פון דער צייט פון שוואַרצער פּעסט ?
אין עקסטאַז טוט אימה שאַלן
און מען הוליעט און פאַרגעסט,
אַז מען מוז, ווי פליגן, פאַלן,
אַז מען איז דאָך דאָ נאָר געסט —
און מיט שוימיקע באָקאַלן
לאָזט מען זיך צו טויט און פּעסט.

צו רב׳ יוסף דילה ריינע
שרייט עס, ווי ער זעט זיי פריי
פון דער קייט, די כלבים זיינע,
לילית און דעם אשמדאי ?
און עס העלפט שוין ניט קיין טענה,
און די גאולה איז פאַרביי —
וויינט רב׳ יוסף דילה ריינע,
וואָס די גאולה איז פאַרביי.

קלינגען סומנע די מאָטיוון,
דער עקסטאַז פון שרעק און פּלאָג,
פון אַ כמורנעם וואַלד, אַ שיוון,
דער געהיימנישפולער קלאָג,

פון דעם ווײ דעם פּרימיטיוון
ביזן ווײ פון אונזער טאָג —
פּאַפּוריען פון מאָטיוון
אין געהיימנישפולן קלאָג.

איז עס ווירקלעך? איז עס וואונדער?
פליסט עס דאָך אין פולער שײַן
פון לבנה פון דער רונדער,
און איך שטײ און הער זיך אײַן,
הער אין יעדן קלאַנג באַזונדער,
ווי עס וויינט דער אומעט מײַן —
אַלץ אין יעדן קלאַנג באַזונדער
וויינט דער זעלבער אומעט מײַן.

מאָנטיסעלאָ, נ. י., 1934.

# אויפֿן אַש

Забудь о временном, о пошлом,
И в песнях свято лги о прошлом.
А. Блок

ערשט געוועזענע און באַלד פֿאַרשוואונדענע —
זוך איך זיי מיט בליקן מיט אַנטצונדענע.

און זיי קומען, צייל נאָך צייל,
אין פֿאַרהוילענעם געאייל,
און זיי שווימען דורך צוריק
פֿאַר מיין שלאָפֿלאָז־קראַנקן בליק;
נעבלדיקע סילועטן,
ניט גערופֿן, ניט געבעטן,
קומען, שווינדן, קומען, שווינדן,
ווי אַ ים פֿון שטומע אינדן.

גליט אין שטילן חושך נאָענט אַ קאַסטיאָר —
צי אין חלום נאָר צי טאַקע אויף דער וואָר?

צייכנט ווער מיר חלום־שטום
צויבער־קרייזן ווייט אַרום —
ווייט אַרום דעם רויטן זשאַר
פֿון מיין טליענדיקן צער,

דורכן נאַכט־גראָ, דורכן נאַסן,
אין דער טיף פון וועלדער־מאַסן,
אין דער מיט פון סומנע פניאַקעס,
אין געהיימען האַקוס־פּאָקוס.

לעשט זיך אַלץ, וואָס איז פאַראַן, פאַרטושעט־גראָ;
לויכט מיר און עס פלאַקערט אַלץ, וואָס איז ניטאָ.

גליווערן דערשטיקטע־שוואַרץ
די חלומות פון מיין האַרץ;
איז פאַרשאַרט אין רויטן זשאַר
די דערציילונג פון מיין צער;
לויכט דער צויבער־קרייז דערווייטערט,
אין פאַרגאַנגנהייט געלייטערט,
דורך טומאַנען דורך געדיכטע,
ביים קאסטיאָר פון דער געשיכטע.

ציט דער צויבער־קרייז יאַרהונדערטער אַריין;
לויכט אַלץ פרעכטיקער, וואָס ווייטער איז דער שיין.

נעבלען־דורך די בילדער באַנג
אין מיין איניקסטן געזאַנג,
ווי זיי קומען צום געשטאַלט
אין דעם אָרעאָל פון אַלט.
טוט מיין בענקשאַפט זיי באַצירן
מיט די לירישסטע קאָלירן —
ריטמיש, צאַרט, ענטוזיאַסטיש,
ווי זיי בלאַנקען־דורך פאַנטאַסטיש.

ערשט געווענע און באַלד פאַרשוואונדענע —
זוך איך זיי מיט בליקן מיט אנטצונדענע.

און זיי קומען, צייל נאָך צייל,
אין פאַרהוילענעם געאייל —
קומען, שווינדן, קומען, שווינדן,
ווי אַ ים פון שטומע אינדן.

ניו יאָרק, 1930.

---

## שולדן

זיי קומען צו מיר דורך די נעכט אַליין אין רויטן —
פון אונטער די הענט פון תליונים פאַרטיליקטע;
איך פיר זייער חשבון פון לייד און פון טויטן
און בלייב מיט די שולדן נאָך אַלץ ניט געטילוקטע.

טאָ שטיי איך פאַרטאָג פאַר אַ ים ארעאָלען
אין אָפּשיין פון קדושה און טהרה אין גרויליקן;
זיי שטראַלן אַדורך אַליין אין גרעסערע צאָלן —
מיין וואַקסענדער חוב פאַרן אַנדענק דעם הייליקן.

ניו יאָרק, 1937.

## באַרג און טאָל

עס פלאַמט אין נאַכט דער אָנזאַגער,
אין אומבאַקאַנטער הויך;
דערזעט עס פון אַ באַרג־שפּיץ ווער
און פאַכט מיט פייער אויך.

און ווער פון צווייטן באַרג־שפּיץ זעט
און פלאַמט צום דריטן אָפּ;
עס פליט דער פייער־עסטאַפעט
פון באַרג צו באַרג גאַלאָפּ.

עס פלאַמט אין נאַכט דער פונקען־ים,
און שפּרייט זיך אַליץ און שפּרייט;
עס שטייען אַלע בערג אין פלאַם,
עס ברענט דער הימל רויט.

דאָך פינצטער בלייבט דער טאָל, און טויב
און בלינד צום פונקען־פאַל;
עס טוט פון אָרט אים ניט אַ הויב
דער פלאַמיקער סיגנאַל.

עס שלאָפט געשמאַק, עס שלאָפט געמיין
דער גרויסער יאָמער־טאָל;
ווער ווייס, צי וועט די זון אַליין
אים אויפוועקן אַמאָל!

.1924

# די הײזקע אויפֿן באַרג

די הײזקע אויפֿן באַרג אין גראָז,
וואָס קײנער טוט ניט קאָשען,
און ווי דער ווינט נאָר גיט אַ בלאָז,
צעוויגט זי זיך מיט לשון.

און ווינטן בלאָזן, און זי האַלט
אין וויגן זיך און טענהן,
בײטאָג אין גאָלד פֿון זון באַשטראַלט,
בײנאַכט — אין זילבער־שײנען.

געטונקט אין גרין און בלום און בליט,
און כוואַליקן שגעון —
איך הער זיך צו און וויג זיך מיט,
דורך לאַנגע, וואַכע שעה'ן.

צוויי פֿענצטער — אויגן אָפֿן־ברײט
אין ווינט אַרײַן, וואָס קוקן,
ווי אַלע־אַלע זײַנען גרײט
פֿאַר אים זיך רק צו בוקן.

אָט כוואַליעט זיך דער קאָרן הויך
און האַלט זיך אין אײן בויגן,

און אַט דער ווילד־וואַלד טוט זיך אויך
פאַרכמורעט בויגן, בויגן.

נאָר זי, דאָס חורבהלע אַליין,
זי פּרוואווט זיך אַלץ פאַרמעסטן
אַנטקעגן יעדן ווינט צו שטיין,
דעם אוראַגאַן דעם גרעסטן.

און ווינט נאָך ווינט, און שטורם נאָך שטורם,
זיי שטירצן זי צו ביסלעך;
אַט האַלט זי מער דעם דראַנג ניט אויס,
אַט פאַלט זי פון די פיסלעך.

אַט טוט אַ ווילדער ווינט אַ ריס
און טראָגט אַוועק מיין דירה,
אַט רייסט זיך אָפּ די וועלט געוויס
פון די זאַוויעסעס אירע.

און ווייס איך דאָך, אַז ווינט איז בלינד,
אַז ווינט האָט ניט קיין ווילן —
טאָ ווער־זשע שיקט עס אָן דעם ווינט,
די שטורעמס זיך צו שפּילן?

אָ, איך דערקען אים און פאַרגיב,
דעם שטורעמדיקן שפּילער!
ער ווערט מיר מיט זיין אומרו ליב
אין איינזאַמקייט אין שטילער.

זיין אָטעם מונטערט פון דער ווייט,
אין נאָענטקייט געהיימער —

דער לייטערער פון ליכטיקייט,
פון לויטערקייט דער שומר.

דער שר פון וואָלקן־יאַגעניש,
פון הימל־בלאָ דער נאמן,
אין ברומעניש, אין קלאַנגעניש
דער שטראַלנדיקער דעמאָן.

איך האָב געדינט צו אים אַנטציקט
אין מיינע יונגע יאָרן,
און האָב אים הייליק און פאַרריקט
געטראָגן אין זכרון.

אַן אַלטער טרוים, אַ יוגנט־טרוים,
וואָס ווידער טוט ער גליען —
אָ, הויב מיך אויף אין בלאָען רוים
און לאָמיר פליען, פליען!...

קאמישא, נ. י., 1932.

# אין וויסטעניש

אסורה נא ואראה את המראה הגדול
הזה, מדוע לא יבער הסנה.
(שמות, ג׳ ג׳)

איך בין אַ סנה,
וואָס ברענט און ווערט פֿאַרברענט;
איך פֿיל און זע,
ווי אַש־גראָ גייט צום ענד.
ניט קומט מען זען דעם פֿלאַם,
ניט איז די זעאונג גרויס;
אַ קוילן־שוואַרצער שטאַם —
מען ברענט, טאָ ברענט מען אויס.

איך שטיי אַליין
אויף מדבר־בערג און ברען.
און טרעפֿט זיך שוין
אַ פּאַסטוכל צו זען,
באַמערקט ער ניט אין העק
דעם ברענענדיקן סנה;
ער קנאַקט אין בייטש אַוועק,
די סטאַדע ענטפֿערט: מע!

עס גיט די שאָף
אויף מיר דעם זאַמד אַ הויב,
און טוט אַ לאָף
און מעקעט אין דעם שטויב.
דער פּאַסטוך קנאַקט אַ שנעלס,
די סטאַדע שפּרינגט און שרייט;
עס הילכט פון פעלז צו פעלז
דאָס עכאָ ווייט און ווייט.

ניו יאָרק, 1923.

---

## דער זינגער

ער גייט אונטער אָרימע פענצטער,
אַזוי ווי אַ בעטלער געקליידט,
און מיט דער מעלאָדיע דער שענסטער
פאַרשפּרייט ער זיין מונטערע פרייד.

ער קומט מיטן ליד צו דערקוויקן,
אַזוי ווי מיט אַלט־גוטן וויין,
עס זאָל אין פאַרלאָשענע בליקן
אַ פּייערל געבן אַ שיין.

ער קומט מיטן ליד אין פרימאָרגן,
ווען גראָ הויבט דאָס לעבן זיך אָן;
דערנאָך קלינגט אין האַרץ וואו פאַרבאָרגן
אַ טאָג שוין — דער לויטערסטער טאָן.

ער גייט מיטן יום־טוב פון טענער
הויף־איין און הויף־אויס און באַלויכט,
און אַלץ וואָס איז מיאוס ווערט שענער,
און אַלץ וואָס איז שפל — דערהויכט.

אָ, לאַנג איז זיין שטים שוין מכולה!
דאָך וויל ער ניט וויסן דערפון:
ער ברענגט נאָך אין חושכם אַפּולע
אַריין מיטן זינגען די זון.

און אַלט איז ער שוין און צעבראָכן,
דאָך טראָגט ער דעם כשוף נאָך גרייט —
צו יום־טובן דעם אינדערוואָכן
און טיילן דעם ווייַן פון זיין פרייד.

טאַ וואָגל־זשע, זינגער, און וואָגל
אַלץ ווייטער הויף־אויס און הויף־איין,
און טראָג אין דיין אַלטינקן לאָגל
פון פריילעכן יום־טוב דעם וויין.

.1934

# מוצאי יום־טוב

וויַ עס ליגט דער וואַלד אין שטומען טוי פֿאַרטייעט,<br>
ליגט פֿאַר מיר די גראָע וואָכיקייט און שטומט:<br>
ערב יום־טובדיק אַ לעבן אָפּגעשמייעט,<br>
און אָן יום־טוב — שוין דער מוצאי יום־טוב קומט.

ערב יום־טובדיק געגרייט זיך אַלץ צו וואונדער,<br>
שמאַכטנדיק אַזוי מיט יעדן נערוו געגאַרט,<br>
ווי עס פֿלעגט דער וואַלד מיט יעדן בלאַט באַזונדער<br>
ציען זיך צום זון־שטראַל, ציטערדיק און צאַרט.

איצט שוין ליגט די וועלט אין טיפֿן גראָ פֿאַרשוואומען,<br>
און דאָס הייס־געגאַרטע שיינט שוין ווייט אַוועק,<br>
ווי עס גלעט אַריבער וואַלד אין טוי אין שטומען,<br>
ערגעץ אין די הויכן, אַ לבנה־פֿלעק.

קאמישא, ג. י., 1932.

# שיין, לאַמטערנע מיינע

שיין, לאַמטערנע מיינע, מיטן ליבן שיין.
ווי אַמאָל אין קינדהייט, ווען איך פלעג אין שרעק
אין די שפּעטע נעכט פון חדר מיד אַוועק;
גיי איך, פון געשריי אַוועק, אין נאַכט אַריין,
מיט ניט־גוטע בייז אַרום, אין נאַכט אַריין;
שטעלט מען מיר פון שאָטן אומעטום אַ צונג,
מאַך איך זיך קוראַזש, לאָז הויך אַרויס אַ זונג,
פאַלט פון קול פון אייגענעם דאָס האַרץ מיר איין —
שיין, לאַמטערנע מיינע, מיטן ליבן שיין,

שיין לאַמטערנע מיינע, אין מיין עלענד שיין —
ווי דער אומעט דריקט מיך אַזש צום וויינען שווער;
דאָך די נאַכט אַפילו וועט ניט זען מיין טרער,
און איך בייס די ליפּן, בייס ביז בלוט זיי איין,
און איך שטיק די שרעקן טיף אין מיין געמיט;
גיי איך האַפּערדיק מיט שטרויכלענדיקע טריט,
מיט אַ הויך־געזאַנג און שטרויכלענדיקע טריט,
קעמף איך מיטן חושך און מיט זיך אין פּיין —
שיין, לאַמטערנע מיינע, אין מיין עלענד שיין.

שײַן, לאַמטערנע מײַנע, נאָך אַ װײַלע שײַן —
איז די הײם שױן נאָענט, נאָענט איז די רו,
קום איך באַלד און שליס די מידע אױגן צו,
װי איך פֿאַל אין שלאָף, אין טיפֿן שלאָף אַרײַן,
און איך זינק, פֿון אַלץ שױן װײַט, אין זעליקײַט,
װאַכט מיכאל איבער מיר פֿון רעכטער זײַט,
װאַכט גבריאל איבער מיר פֿון לינקער זײַט,
און עס שטילן זיך די אַנגסטן אַלע אײַן —
שײַן, לאַמטערנע מײַנע, נאָך אַ װײַלע שײַן.

נױ יאָרק, 1932.

# אין דערוואַרטונג

ואמר אוי לי כי נדמיתי
(ישעיה, ו' ח')

פיבערדיקע טעג און וואַכעדיקע נעכט פון צער.
און קיין שרף קיין זעקספליגלדיקער איז צו מיר,
אין מיין זעאונג, ניט געקומען;
און פון ברענענדיקער קויל, גענומען פון אַלטאַר,
האָב איך לאַנג שוין אויף די ליפּן ניט געפילט דעם ריר.
און די ליפּן מיינע שטומען.

זיצט דער גאָט פון צבאות אויפן טראָן אויף זיינעם הויך,
און דער היכל, אָנגעפילט פון זיינע ברעגן, ברענט.
און איך הער, פון פאָרכט באַנומען,
שטימען פון די רופער דורכן פלאַמענדיקן רויך:
הייליק! הייליק! הייליק! — און עס ציטערן די ווענט.
און די ליפּן מיינע שטומען.

וועט מען רופן מיך צוריק צום אַלטן דינסט צו גיין?
וואָך איך און איך וואַרט אומזיסט, אַן אויסגעליטענער,
און קיין בת קול טוט ניט ברומען;
וואָך איך, וואַרטביים פלאַקער, אַ פאַרלאָשענער אַליין,
אַ פאַרלאָשענער, פאַרביטענער, פאַרשניטענער.
און די ליפּן מיינע שטומען.

ניו יאָרק, מאַי, 1937

פערטע אָפּטיילונג

# חלום אין וואָר



# דאָן קיכאָט

איז געווען זיין שטורעם לינד,
ווי אַ פרילינג־ווינט,
און זיין אויסגיין — שטערן שטיל;
טרויער, טרוים און שפּיל.

לויכט אין טאָל פון מאַנטיעל,
ווי אַ שטערן הויך און העל,
די פאַרטרויערטע געשטאַלט
פון דעם וואַנדערער, וואָס האָט
טרוימעריש דאָ אויפגעשטראַלט —
דאָן קיכאָט.

שטייען ווינט־מילן און שפּיגלען
מיט געשפּענסטיק־ווייסע פליגלען,
גליווערן אין נאַכט פאַרצויבערט,
קוקן אין דער וויַיט צעשויבערט,
טונקען זיך אין טרוים און וואַרטן
אויפן קריגער אויפן האַרטן,
אויפן טרוימער אויפן צאַרטן.

* * *

וואַרטן זיי אין פעלד, די דרייסיק־פערציק שטיק:
קומט דער ריטער פון לאַמאַנשא נאָך צוריק?

קומט ער דורך די ווייטן פון די ריטער־צייטן,
מיטן שילד און פּאַנצער, אייזן־שווער צו רייטן.

דולצינעא! און ער לאָזט זיך באַלד אויף זיי,
שטורעמט אין אַטאַקע מיט זיין טרוים־געשריי.

קלינגען הויך אין ווינט די רופן די באַקאַנטע,
ווי ער שטעכט די שפּאָרן אין זיין ראָסינאַנטע.

ווי ער וואַרפט זיך מעכטיק מיט זיין לאַנגן שפּיז,
פילט זיך יעדע ווינט־מיל אמתדיק אַ ריז.

* * *

דאָך אין צער פאַרשווינדט דער ריטער פון לאַמאַנשאַ,
און אין וואַוילטיק עלטערט זיך זיין יורש סאַנשאַ.

קומט מיט ווייך און אייזלען אַליין דער בעל־הגוף
מיט זיין לאַנגווייל און זיין זעמל־מעל באַרוף.

מיט זיין פעטן רויטס, אַ סאָפער און אַ שרייער,
מיט אַ גראָער וועלט, וואָס ליגט נאָר אין זיין שייער.

וואַרטן זיי, די מילן, ווינט־צעפּלאָשענע,
שטראָל־פאַרגאָסענע און קאַלט־פאַרלאָשענע.

יורש סאַנשאַ! וועט זיך נאָך דיין האַר באַווייזן
ווידער מיטן זשאַווער פון זיין ריטער־אייזן?

קלינגט דער טרוים־רוף ווידער, דער פאַרגעסענער?
ברויזט דער העק מיט גייסטער אַ באַזעסענער?

קומט ער אָן צוריק, דער העלד אָן פּאָרכט און טאַדל,
מיטן אַלטן אייזן, מיטן אַלטן אַדל.

מיט מסירת נפש און הערצען־גייסט,
מיט אַ טרוים פון אויסלייזונג, וואָס וואונדער ווייזט.

צינדט ער אָן דעם האָריזאָנט פון אַלע זייטן
מיטן פלאַם פון זיינע זעאונגען און שטרייטן.

* * *

אָ, די ריטער פון פאַרטרויערטער געשטאַלט,
לעבט דאָך נאָך אין דיר אַ וואונדער־וועלט און שטראַלט!

איז די וועלט שוין מיד פון צווייפל און פון פראַגן,
קומסטו ווידער מיטן וואנזין פון דיין וואַגן.

איז די וואָר מיט שמאָך און שאַנד אַליך אָנגעפילט,
קומסטו ווידער מיט דיין אויסגעחלומט בילד.

דולצינעא! אין דעם אומעט פון געמיינהייט —
דיין עקסטאַז פון שיינהייט, דיין עקסטאַז פון ריינהייט.

דולצינעא! זינגט אַ וועלט אין דיין געמיט;
ווינטמיל, שטערן און לבנה זינגען מיט.

ניו יאָרק, 1930.

# פראַנציסק פון אסיזי

דער הייליקער פראַנציסק, וואָס האָט אין ליד גערעדט
צום ברודער־זון און ברודער־ווינט און ברודער־פייער,
און אויסגעזונגען אין די נעכט זיין שטיל געבעט
דער בלייכער שוועסטער, דער לבנה דער געטרייער —
דער הייליקער פראַנציסק האָט אויך אין האַרץ פאַרבאָרגט
אַ ווינקל פאַר די קליינע ברידערלעך, די ווערים:
ער פלעגט זיי פון די וועגן צונעמען פאַרזאָרגט,
מען זאָל זיי לאָזן גאַנץ די אָרימע געדערים —

ווייל אויב די גרעסטע זעען צערטלעך־קליינע אויס,
זעט אויך דאָס קלענסטע אויס אין צערטלעכקייט שוין גרויס.

דער הייליקער פראַנציסק, וואָס האָט אין שוועסטער־בלום
געזען דאָס אויג פון מאַמע־ערד אין ווייכסטן צויבער,
און שיינקייט טיף באַנומען אין באַשאַף אַרום,
און פרייד אין שוועסטער־וואַסער, וואָס זי האַלט אונז זויבער —
דער הייליקער פראַנציסק האָט דאָך זיך אַזש דערפירט
מיט קרעציק־וואונדיקע צו עסן פון איין טעלער;
און ווען דעם חולהס אייטער האָט זיין שפּייז באַרירט,
איז אויפגעגאַנגען דער עקסטאַז אין אים אַלץ העלער —

ווייל שיינקייט פון נשמה איז דאָס שענסטע דאָך,
און שענער פון דער שיינקייט איז די ליבע נאָך.

דער הייליקער פראַנציסק, וואָס פלעגט אין פריידיקן
געפיל פון דער נאַטור גאָטס חן און חסד פילן,
וואָס פלעגט פאַר פייגעלעך זיך שטעלן פריידיקן,
און אין פאַרטרוימטן נאַכט־ווינט הערן האַרפן שפילן —
דער הייליקער פראַנציסק האָט טיף אַזוי די לייד
פון שטאַרבן אויפן קרייץ אין זיך אַדורכגעצונדן,
אַז אויף זיין אייגן לייב, אין עקזאַלטירטער פרייד,
דערזעט ער זיי צום סוף, די פּאַרכטיקע פינף וואונדן —

ווייל דער טריאומף דער גרעסטער איז דער טריאומף פון גייסט,
ווי ער באַצווינגט דעם גוף, און גרויסע וואונדער ווייזט.

נאָרטה ברענטש, נ. י., 1933.

# דאָס געוויין פון שאַראַזאַד

שמאַכט אין נאַכט מיר דאָס געוויין פון שאַראַזאַד
פון די שמעקעדיקע סעדער פון באַגדאַד,
ווי עס שמאַכט דער נאַכט־ווינט, הייס און פאַרפומירט,
ווייִנט און חלשט צווישן מאנדל־ביים און מירט.

קניט זי פאַר איר פאַטוס, דעם כאַליף, איר האַר,
מיט איר קליינעם לעבן און איר גרויסן צער;
בעט זי זיך און פאָרשט דעם שפּיל פון זיין געזיכט:
וועט זי שוין נישט אָנזען מער דאָס מאָרגן־ליכט?

„האַר פון די סעזאָנען, קעניג פון דער צייט!
לאָז דערציילן דיר פון וואונדער־וועלטן ווייט —
נסים פון אלאה, זיין נאָמען זיי געלויבט,
ווי זיין האַנט בויגט איין און ווי זיין האַנט דערהויבט.

„לאָז דערציילן דיר פון שטעט — סמאַראַגד־גרין,
פנימער — לבנות, בוזימער — יאסמין,
פּרינצן און פּרינצעסינס — שטיין פאַרוואַנדלטע,
מלוכות — מעשה־כשוף איינגעהאַנדלטע".

שימערן די מעשות עלעגאַנט און לייכט,
ווי די נעכט פון מזרח, גלוסטיק, גלוטיק, פייכט;
פינקלט איר פאַנטאַזיע, שפּרודלט, שוימט און שפּילט,
בעת עס וואַרט דער קאַט אין פאַרהאַנג־דראַפּ פאַרהילט.

בלאַנקט אין האַנט פֿון קאַט די האַק פֿאַר איר געשאַרפֿט,
ווען זי וואַרפֿט די וואונדער וועלטן־ווייט און וואַרפֿט,
מאַט פֿון שאַפֿונג־פֿרייד, פֿון אימת מות מאַט:
„ראַטעווע, אָ, האַר מיין, ראַטעווע פֿון קאַט!"

„אָ, דו פּרינץ פֿון גלויבן! הערשט ניט אויבן דען
דער, וואָס זעט דאָך אַלץ און ווערט דאָך נישט געזען,
וואָס ער האָט אָן זיילן הימלען אויפֿגעשטעלט —
גיב מיר נאָך אַוויילע צו זען זיין הימל־וועלט!

„כּישוף איך דיר אויס דעם לאָמפּ פֿון אַל־עד־דין,
ווענט פֿון אַלאַבאַסטער, דעכער פֿון רובין,
שטערן־פּערל פּראַכט פֿון מיסטעריעזער מאַכט —
שענק מיר נאָך אַ נאַכט, אָ, שענק מיר נאָך אַ נאַכט!"

ווייַנט אין האַרץ מיר דאָס געוויין פֿון שאַראַזאַד
פֿון די שמעקעדיקע בעדער פֿון באַגדאַד,
ווי זי פֿלאַטערט מאַט, פֿאַר איר פֿאַטוב, מאַט:
„ראַטעווע, אָ, האַר מיין, ראַטעווע פֿון קאַט!"

אָט צעשפּרייט מען שוין פֿאַר איר דעם טויט־דיוואַן,
בעת מיט טויזנט לעבנס שלאָגט איר פֿלאַם־פֿאָנטאַן;
אָט פֿאַרבינדט מען שוין די אויגן אירע שוואַרץ,
בעת אַ וועלט זעט־דורך די זעאונג פֿון איר האַרץ.

„אָ, ניט הויב דיין האַק! אָ, האַלט, דו קאַט, אָ, האַלט!
האָב איך נאָך דאָס שטראַליקסטע ניט אויסגעשטראַלט,
ניט געבאָרן טראָג איך נאָך אין טיפֿן טראַכט
וואונדער איבער וואונדער, טויזנט און איין נאַכט!

„אָ, ניט טויט מיט מיר דעם בילדער־אוצר מײַן!
זאָל ניט שטאַרבן דאָס, וואָס זאָל אומשטערבלעך זײַן!
זאָל דורך דורות אויפגיין פֿאַרן פֿאָלק מײַן שטים,
פֿאַרן אַנגסט־באַטריבטן, פֿאַרן פּיליגרים!

„לעבן וויל איך, לעבן אין פֿאַנטאַזיע־שפּיל,
רעגנבויגן־פֿאַרביק פֿלאַמען פֿול און פֿיל,
לויכטן ליב צו אַלע וויסטע וואַנדערער
פֿון אַ וועלט פֿון צוויבער פֿון אַן אַנדערער!"

ווײַנט אין האַרץ מיר דאָס געוויין פֿון שעראַזאַד —
צי פֿון הייסן חושך ערגעץ אין באַגדאַד,
צי אַרום מײַן בעט, אין קראַנקן ווינטער־ווינט,
פֿאַרן פֿאַטום עלענד, פֿאַרן פֿאַטום בלינד.

ניו יאָרק, 1931.

# קיינמאָל־מער

(פּאָ׳ס וואָראָנע מיט 80 יאָר שפּעטער אין בראָנקס)

*Darkness there and nothing more.*
—EDGAR ALLAN POE

נאַכט און ווינט, וואָס שמייסט אין שויב מיט קרומע רעגנס.
און איך טראַכט פון די, וואָס זיינען אונטערוועגנס,
און פון די, וואָס וויקן זיך פאַרלאָזן שוין אין גריבער,
און איך לעב אין האַרצן זייער טויטן־עלענד איבער.
און איך טראַכט פון דיכטער, וואָס ער האָט אין טרויס־באַגער
דורכגעפינצטערט לויטער דאָס געשפּענסט פון „קיינמאָל־מער".

---

האָט אַמאָל אַזוי געגאָסן אויך אין יענער נאַכט פון אָסיען,
ווען עס האָט זיך פּאָו געמאַטערט אין זיין בראָנקסער שטיבל שווער.
האָט זיין בליק זיך אויך געריסן דורך די זעלבע פינצטערנישן,
וואו דער רעגן האָט געשמיסן, זוכנדיק אין טרויס־באַגער
דאָס פאַרשוואונדענע אויף אייביק, וואָס ניט קומען וועט שוין מער —
קיינמאָל־קיינמאָל שוין ניט מער.

קלאַפּט אַזוי דאָס האַרץ מיר האַסטיק פון דער פאַרכטיקער פאַנטאַסטיק,
ווי עס האָט געקלאַפּט ביים דיכטער אַכציק יאָר צוריק און מער.
פיל איך אויך דעם טאַקט פון ציטער און דעם ריטם פון געוויטער,
אין אַ זעאונג אַ צעגליטער און אַ שטימונג אַזוי שווער,
ווען פון פלוטאָ׳ס נאַכט־ברעג טראָגט זיך וויסט דער שטורעם־ווינט אַהער
ווי אין יענער נאַכט, אַהער.

גראָב איך זיך, ווי פּאָ, אין קברים פון קוריאָזע, אַלטע ספרים,
וואו דער גאַנצער צער פון דורות ליגט פאַרגעסן שטום און שווער.
קוק איך אויך און זוך און נישטער אין דעצעמבער־נאַכט אין וויסטער,
אָ, דו אומעט דו אומזיסטער, וואָס דו זוכסט אין טרוים־באַגער
דאָס פאַרשוואונדענע אויף אייביק, וואָס ניט קומען וועט שוין מער —
קיינמאָל־קיינמאָל שוין ניט מער!

וויגן זיך אין ווינט געשפּענסטער, סקריפּען סומנע הינטער פענצטער,
ווי עס וואָלטן זיך אויף תליות אומגעהוידעט קערפּערס שווער;
זע איך אַלעמען צעהאנגען, מיינע צערטלעכסטע פאַרלאַנגען,
וואָס זיי זיינען אויסגעגאַנגען שוין ניט אויפצולעבן מער,
ווי זיי וויגן זיך געשפּענסטיק אין דער פינצטער הין און הער,
הוידען עלענד הין און הער.

זיץ איך און איך שלינג די טרערן, ווען איך טו אַ שאָרך דערהערן,
ווי אין פינצטערניש פון פענצטער וואָלט געפּאַטשט מיט פליגלען ווער.
זאָל עס פּאָ׳ס וואָראָנע קומען אין דער מיט פון בריאָזג און ברומען?
ווי זי האָט זיך דאָס גענומען נאָך אַן אַכציק יאָר און מער,
ווען פון פלוטאָ׳ס נאַכט־ברעג טראָגט זיך וויסט דער שטורעם־ווינט אַהער,
ווי אין יענער נאַכט, אַהער?

ווײַל איך זי ניט זען אין צימער מיט איר שוואַרצן שיק און שימער,
מיט איר נאָמען דעם טשיקאַווע, ווי זי רופט זיך: „קיינמאָל־מער".
און איך זעץ זיך שטיל אַנידער, אַ צערודערטער, אַ מידער,
בײַ אַן אַלטן ספר ווידער, קער אַלץ בלאַט נאָך בלאַט און הער,
ווי זי הערט ניט אויף צו קלאַפּן און צו דראַפּען זיך אַהער,
אימהדיק אַזוי אַהער.

האָב איך שוין זיך אויפגעהויבן, און איך פרעג זי דורך די שויבן,
ווי דערקלערט מען עס דעם כּבוד און איר ווירדיקן באַגער,
וואָס זי טוט זיך פּלוצלונג ווײַזן פון געהיימע חושך־קרײַזן
אין מאָדערנער שטאָט פון אײַזן, אין עלעקטרי־נעץ אַהער?
בלײַבט דען ניט איר נאַכט־געהיימניש אין דער קלאָרקייט וויסט און לער,
ליכטיק־וויסט און ליכטיק־לער?

פּאַטשט זי אויף די פליגלען ווידער, פליט אַ קעלט מיר דורך די גלידער,
ווען זי טוט אַזוי אומהיימלעך איר געזיכט צו מיר אַ קער;
טוט איר שוואַרצקייט סומנע בלאַנקען, און עס טוען פלעמלעך צאַנקען
מיט אַ פלאַטער מיט אַ קראַנקן אין איר טיפן אויגל־רער,
ווי זי קלײַבט זיך וואָס אַ קראַק טאָן, וואָס אַ האַק טאָן שוואַרץ און שווער,
אונטער־וועלטיק, שוואַרץ און שווער.

פּרוּוו איך פאַסן מוט און וואַגן איר צו שטעלן ווייטער פראַגן:
איז באַקאַנט איר, אַז דאָס לעבן ווערט מעכאַניזירט אַלץ מער?
פליען שוין די עראָפּלאַנען, פּונקט ווי זי, פון דאָרט און דאַנען,
און קאָנצערטן גאַנצע שפּאַנען אין באַזיגטער אַטמאָספער —
וואָס־זשע קומט זי מיטן אָפּשרעק דעם ניט שרעקלעכן אַהער,
ווי פאַרצײַטן נאָך, אַהער?

טוט אַ פּלאַם איר קוק דער שוואַרצער, ווערט דער צימער מיר אַ קאַרצער,
וואָס ער שטיקט אַ צוגעהאַקטער מיט די רעטענישן שווער.
ווייס איך, אַז מיט אַל־די ספּעצן, און די טעכנישע געזעצן,
און דעם שלל עלעקטרי־נעצן אין באַזיגטער אַטמאָספער —
בלייבט מען האַטענטאָטיש־הילפלאָז, ווען עס קומט דער לעצטער שטער,
שוואַרץ און שווער, דער לעצטער שטער.

און זי קוקט אין שויב און הויערט, און איר שנאָבל־בליק אַלץ בויערט,
בויערט שאַרפער אַלץ און טיפער אין נשמה מיינער שווער —
ווי זי טוט אין מיר דערהערן, אין מיין בענקשאַפט־קלעם אין שווערן,
יעדן דורכפּלי פון באַגערן, וואָס מיך פּייניקט וויסט און לער,
און עס ענטפערט, ווי אַן עכאָ, אין געדאַנק מיר: „קיינמאָל־מער!" —
אַלץ איר נאָמען „קיינמאָל־מער!" —

שריי איך אויס אַן אויפגעפלאַמטער: „אָ, דו טייוול דו פאַרדאַמטער,
וואָס דו קומסט פון טיפן כאַאָס אין דיין פינצטערניש אַהער!
ניין, איך וועל, ווי פּאָו, ניט ריידן פון מיין ליבסטער אין גן עדן,
בעטן דיך, דו זאָלסט באַשיידן, וואָס איך זוך אין טרוים־באַגער!
ווייס איך לאַנג דאָך, אַז אין גלעד איז ניטאָ קיין באַלזאַם מער,
ניט קיין הילף און האָפן מער!"

און זי קוקט מיך אָן סאַרדאָניש, אין איר שוואַרצן גלאַנץ, דעמאָניש,
ווען איך שטעל זיך, אין מיין אומעט אין פאַרצווייפלטן, און שווער,
אַז עס וועט איר ניט געראָטן מיך צו האַלטן אין איר שאָטן,
די טייוואָלים זאָלן שפּאָטן, און איך ווייס דאָך וויסט און לער,
אַז איר שוואַרצקייט איז דאָס וועלטאַל, ווען עס זעט דאָס אויג ניט מער,
אויסער שוואַרצקייט, גאָרנישט מער.

און איך זע, פון גרויל באַנומען, ווי זי ווערט אין שוואַרץ פאַרשוואומען,
און עס קראַקעט רק איר עכאָ אין דער פינצטער: „קיינמאָל־מער!" —
קראַקעט, סקריפעט הינטער פענצטער, צווישן ווינטיקע געשפענסטער,
און איר יעדער סקריפ דער קלענסטער רופט זיך אָפ אין האַרצן שווער,
ווי איר עכאָ וואָלט געוויגט זיך דאָרט אויף תליות הין און הער,
מיט די קערפערס, הין און הער.

באַלד דערפיל איך אירע גרוילן, אויך אין מיר אַליין פאַרהוילן,
ווי זי פאַטשט די אַלטע פליגלען אין געמיט אין מיינעם שווער —
טוט אין נאַכט־פאַרב אירן טאַרטשען, שטעכט דעם שנאָבל, שטעכט דעם שוואַרץ
אין מיין זינגענדיקן האַרצן, און אויף יעדן טרוים־באַגער
גיט אַ קראַק מיר, ווי אַן ענטפער, רק איר עכאָ: „קיינמאָל־מער",
סומנע אַלץ און סומנער מער.

ניו יאָרק, 1931.

# אייביקייט

(דאָס קלאָג־ליד פון אַ מומיע, וואָס איז געווען פּרעה)

אָ, רע *), אָ, שטראַליקער רעגירער,
וואָס היט פון שוואַרץ און ווייס די פּראַנטן,
פון ערד און אונטערערד דער פירער,
דער האַר פוןביידע האָריזאָנטן.

אָ, רע, דו קומסט פון אונטן וואו
און שפּאַלטסט מעת לעתן האַלב אויף האַלב,
און הימל איז דיין בלאָע קו,
און דו — דעם הימלס גאָלדן קאַלב.

אָ, רע, דו האָסט געוואָלט עס האָבן,
אַז שטיין זאָל פּרעהס רום ביז וואַנען
עס וועלן ווערן ווייס די ראָבן,
עס וועלן ווערן שוואַרץ די שוואַנען.

נעמט פּרעה זיך אין שטויביקייט
פאַרהערלעכן, פאַרגעטערן,
און אויפן באַרג פון אייביקייט
אין גדלות זיינער קלעטערן.

---

*) רע אָדער ראַ — דער אַלט־עגיפּטישער זון־גאָט, וואָס די פּרעהס האָבן געהאַלטן פאַר זייער אור־פאָטער. דער טיטול פון יעדן פּרעה איז געווען זון פון רע. — די גאַנצע טערמינאָלאָגיע פון ליד איז לויט די אַלט־עגיפּטישע באַגריפן און פאַרשטעלונגען.

אָ, רע, דו גייסט אין שיף פֿון שקיעה
אַוועק אין אונטער־חושך נאַכטיק,
און מאָרגנס קומסטו פֿון נסיעה
אין שיף פֿון אויפֿשיין רויט און שמאַכטיק.

אָ, רע, דו מאַכסט אין פֿייערפֿלאַם
פֿאַר פּרעהן טעגלעך דעם מאַרשרוט,
דו, פֿאָטער פֿון דעם פּרעה־שטאַם,
דו, רויטע גלוט פֿון פּרעהס בלוט.

דו האָסט עס פּרעהן דאָך געגעבן
דעם זין פֿאַר דיינע הערלעכקייטן —
צו שטרעבן נאָך אַן אייביק לעבן
און בייצושטיין די ציין פֿון צייטן.

הייסט פּרעה אָנפֿילן מיט פֿעד
אים נאָכן טויט די אינגעווייט,
און האַרט מאַכן זיין לייב, ווי בלעך,
אין לייוונט דינסטער איינגעדרייט.

שטעלט פּרעה אויף די מאָנומענטן,
בויט פּרעה אוים די פּיראַמידן,
אין זאַמד פֿון מדבר, אין צעברענטן,
זיין רום זיין אייביקן צו שמידן.

שאַפֿט פּרעה לוקסוס־רייך זיך איין
אַ שלאָס־גרוב פֿון גראַניט סאָליד,
מיט ווייבער, דינער, וואַזעס, ווײַן,
פֿאַרהוילען טיף אין פּיראַמיד.

בליצט פּרעה אין די אייביקייטן —
אַ קרוין פון גינגאָלד אויפן שטערן,
צווײ גינגאָלד־שווערדן ביי די זייטן,
אין גרויסן סאַרקאָפאַג, אין שווערן.

אָ, רע, אָ, פלאַם־געקרוינטער גאָט
פון מאָרגן, הײנט און געסטערן —
צי מײנסטו, אין דיין געטער־שפּאָט,
די אייביקייט צו לעסטערן?

אָ, שוואַרץ נאָך זײנען אַלץ די ראָבן,
אָ, ווײס נאָך זײנען אַלץ די שוואַנען!
און פּרעהן האָט מען אויסגעגראָבן
און שוין אָוועקגעשלעפּט פון דאַנען.

אָ, לאַנג שוין האָבן אויסגערויבט
גנבים זיינע צימערן,
געבליבן איז נאָר וויסט־פאַרשטויבט
אַליין זיין מומיע שימערן.

איצט נעמט מען אויך שוין אויפן וואַנדער
זיין מאַיעסטעט אַרויס פון קבר,
מען וויקלט נאַקעט אים פאַנאַנדער,
מען אונטערזוכט אים יעדן אבר.

אָ, רע, דו שמעלצסט די בערג פון שניי,
און גיסט זיי אין אַ נילוס אויס,
און טרינקסט מצרים אָן מיט זיי
און מאַכסט דאָס לאַנד געבענטשט און גרויס.

אָ, רע, איז דאָס דיין געטער־ווילן —
מיט מיר, פון דיר דעם איינגערעדטן,
אַזוי אַכזריותדיק צו שפּילן,
אַזוי אַכזריותדיק צו שפּעטן?

ווי עלענד ליג איך אונטער גלאָז
אין אַ מוזיי, אַ שטיקל רויב;
אָט ווער איך באַלד פון קלענסטן בלאָז
צעשאָטן, ווי אַ הויפן שטויב.

און טויזנט חוזק־אויגן קוקן
און טויזנט חוזק־אויגן לעזן,
אַז איך, די מומיע, געל און טרוקן,
בין פּרעה דאָס אַמאָל געוועזן.

אָ, רע, אָ, פלאַם־געקרוינטער גאָט
פון מאָרגן, היינט און געסטערן —
צי מיינסטו, אין דיין געטער־שפּאָט,
די אייביקייט צו לעסטערן?

קאלד ספרינג ראוד, מאנטיסעלא, נ. י., 1934.

# מדת הרחמים

און ער איז אויך ניט געקומען כדי
מען זאָל אים באַדינען נאָר כדי צו דינען
און אַוועקגעבן זיין נפש אַן אויסלייזונג
פאַר פיל אַנדערע.
(מאַרקוס 10, 45)

זאָלן נאָר די מענטשן וועלן פון לייד ניט וויסן,
ווייס מען דעמאָלט אויך פון מיטלייד ניט;
וואָלט מען ניט געקענט שוין יענע פרייד געניסן,
יענע גליקלעכקייט, וואָס מיטלייד גיט:

טוט זי אין דער וועלט דער האַרטער זיך באַווייזן
אין איר ווייסער קלייד, איר שוועסטער קלייד —
יעדן דאַרשט צו שטילן, יעדן הונגער שפּייזן,
וואונדן קושן אין איר אָפּער־פרייד.

וואו עס פינצטערט אומגליק, וואו די מענטשן זיינען
אויסגעשטעלט צום גזר, ווי גראָז צום שניט —
טוט זי באַרמהאַרציק, שוועסטערלעך דערשיינען,
מיט די ווייכע, ווייסע מלאך־טריט.

לויכט איר בליק אין חושך ווי דער שטערן יענער,
וואָס מען האָט געבלאָנדזשעט נאָך זיין שטראַל,
ביז ער האָט צעשיינט זיך העלער אַלץ און שענער
ערגעץ איבער אַ בית־לחם שטאַל.

זוכט זי אויס איר האַר, איר ליבסטן און איר בעסטן,
צווישן פליטים וואו פאַרמאָרעטע,
וואָס ער טראָגט פאַר אַלעמען דעם פיין דעם גרעסטן —
דער געבאָרענער אין קאָרעטע.

פאַלן אירע האָר, די זיידענע, אין פאַלבן,
גרייטע פאַר די פיס פון האַר אַליין,
ווי זי וועט זיי מיטן אויל דעם פיינסטן זאַלבן
און מיט אירע האָר זיי ווישן ריין.

און זי טוט אים, איר פאַרגעטערטן, באַגלייטן
ביזן קרייץ שוין, אין זיין ליידן-טראָט ;
ווער עס שטאַרבט אין פרייד פון אָפּער פאַרן צווייטן,
איז איר גאָט, איר לעבעדיקער גאָט.

פּוירנדייל, נ. י., 1935.

# דער צוג

עס האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט
אין מיטן פעלד, אין מיטן נאַכט,
און ווער האָט וועמען וואָס באַפעלט,
און ווער האָט וואָס צורעכט געמאַכט.

און אין דעם חושך אומגעריכט
האָט פלאַטערדיק זיך ווייט צעשפּרייט
אַ סומנע ליכט, אַ פאַקל־ליכט,
אין פאַסן רויט, אין פאַסן ברייט.

און פייגלען וואו אויף בוימער הויך,
און שאָטנס אונטן פול און פיל,
און איך מיט זיי צוזאַמען אויך,
מיר האָבן צוגעהערט זיך שטיל.

עס האָט דער פאַקל רויט געברענט
און ניט באַלויכטן אונז דעם סוד;
געאַרבעט האָבן פלינקע הענט,
ביז אויפגעקרעכצט האָט וואו אַ ראָד.

און ערגעץ האָט זיך וואָס באַוועגט
און שווער די שטילקייטן צערוקט,
ווען פון די פענצטער אויפגערעגט
פיל אויגן האָבן צוגעקוקט.

דער צוג פון סודות טוט אַ דריר
און גייט אַוועק־וואו צו זיין ציל;
און איינגעזונקען בלייבן מיר
מיט שאָטנס פיל אין חושך שטיל.

ניו יאָרק, 1933.

---

## די וואלפורגיס־נאַכט

**1**

עס איז די פאַרריקטע, צעווילדעטע נאַכט:
עס האָט זיך צעשפּילט די פאַרשאָלטענע מאַכט.

עס גלעט די לבנה פאַרגליווערט אַנטקעגן,
ווען אַלצדינג אַרום טוט זיך העליש באַוועגן.

און וואו אין אַ פענצטער שטייט אימעצער שטום,
און קוקט אַ פאַרבענקטער אין כשוף אַרום.

**2**

ליגט אונטן די ערד אין אַ פאַרע פאַרמאַטערט,
און אויבן גייט אָן די בהלה און פלאַטערט.

עס שטורעמען דורך אַזוי פרעך, אַזוי פריי,
אַ צייל נאָך אַ צייל, מכשפות פאַרביי.

זיי שיטן פון אַלערליי קוימענס און שיטן,
אויף בעזימער, בעק און הזירים געריטן.

און כמאַרע נאָך כמאַרע טוט פינצטער אַ וויה;
עס צוקט און עס ציטערט דער ווינט אונטער זיי.

זיי יאָגן אין לופטן, אַנטבלויזטע, פאַרריקטע,
ווי פליענדע וואָלקנס, פון שטורעמס צעפליקטע.

ליגט אונטן און פאַרעט די ערד, ווי אַ ספּעקט,
וואָס איז פון אַ גלעזערנעם הימל באַדעקט.

און וויל מען פון שמאַך פון דער ערד זיך דערהויבן,
טאַ לאָזט מען זיך שכור פון כשוף באַטויבן.

טאַ פליט מען באַרוישט פון אַ סם־זיסן טשאַד,
פון ערדישן לאַנגוויל, צום שוואַרצן פאַראַד.

זיי פליען אין צייל אין ברייטע, ווי כוואַליעס,
די נאַכטיקע, שמאַכטיקע אשמדאי־כלות.

עס לויפן זיי נאָך פון דער שטיקנדער שמאַך
התנים פון לילית, מכשפים אַ סך.

זיי שטויסן זיך רוישיק, ווי כוואַליעס, און שטויסן
און יאָגן צום דינסט פון דעם באָק פון דעם גרויסן —

צום באַרג פֿון דעם חושך, צום שפּיץ אויבן־אָן,
וואו טייוועלש דערהויבט זיך דער פֿינצטערער טראָן.

3

שטייט שמאַכטיק אין פֿענצטער דער אָרימער יונג,
די וויסטע נשמה פֿול טייוועלשן קלונג.

ער שטייט אין דער ווילדער בהלה פֿאַרלאָרן,
דאָס בלוט אין אַ פֿייער, די אויגן צעפֿאָרן.

עס שטראָמען די מחנות פֿון אומריינער מאַכט:
עס איז זייער הימל, עס איז זייער נאַכט.

אָט קומען זיי אָן, ווי פֿאַרגעלטע געשפּענסטער,
אַנטקעגן לבנה, שוין הינטער זיין פֿענצטער.

אַ גיהנום אַ גאַנצער קומט אָן אין באַזוך,
גייט איבער זיין רוקן אַ סקרוך נאָך אַ סקרוך.

זיי קומען און קומען, מיט שיק מיט פֿאַרשייטן,
די האָר ווילד־צעלאָזן, הייל־נאַקעט צו רייטן.

די רייט אויף אַ באָק און די רייט אויף אַ שוויין,
און די אויף אַ בעזים צעלייגט זיך גאַנץ פֿיין.

ווער חקירהט זיך טיף און ווער ברומט, ווי אַ חיה,
און ווער קאָקעטירט מיט אַ שיינער העוויה.

אַט ווינקט מען אים שוין און מען חוזקט אים אויס:
„ווען קומסטו, פאַרשפּעטיקטער פויגל, אַרויס!“

אַט פּרואווט אַ מכשף אים קריכן אין לעבער,
אין דורכפאַלי אַזוי, ביזן באָרד אין אַ צעבער:

„די זוכסט וואָס איז ווירקלעך, וואָס האָט נאָר אַ האַפט,
און אַלץ וואָס איז וואונדערלעך האָסטו פאַרגאַפט!“

אַט כאַפּט פילאָזאָפיש אַ צווייטער שוין אונטער,
אַזוי ווי ער רייט אויף אַ קאָטשערע מונטער:

„דאָס ווירקלעכע, קינד מיין, פאַרגייט דאָך צו ענד
און נאָר דאָס געשפּענסטיקע ווערט ניט פאַרלענדט!“

אַט פליט אויף אַ פראָש, אַ צעפּאַטעלטע־נאַקעט,
אַ וויעדמע אַ יונגע, און רייצט זיך און קוואַקעט:

„די ווייכסט אַלץ פון אָפּגרונט, מיין ליבענקער פערד,
דאָך פלי איך אין לופט און די קריכסט אויף דער ערד!“

אַט רייט אויף אַ באָק אין אַ שענדלעכער פּאָזע
אַ וויעדמע אַ צווייטע, און מעקעט מיט העזה:

„דאָס ערנסטע זוכסטו אין לייכטקייט פון נאַכט —
וואָס האָסטו, אַ נאַר, פון דיין לעבן געמאַכט!“

אַט לאַכט אַזוי פעט אויף איר חזיר איר שוואַרצן
אַ וויעדמע אַ דריטע, און כריוקעט פון האַרצן:

„און גייסטו נאָך אַלץ ניט אַרויס פון דיין שטייג,
טאָ בלייב־זשע, דו תרח, אַזוי מיט אַ פייג!"

4

עס איז די צעשמאַכטע, צעכראַסטעטע נאַכט:
עס האָט זיך צעוישעט די שדימשע מאַכט.

און ווייט דורכן רוים, וואו דער בליק קען נאָר גרייכן,
אַלץ טונקלען די רוחות אַרום אין די הויכן.

שטייט אונטן אין פענצטער דער יונג נאָך און שמאַכט,
אין שוויים אין אַ קאַלטן, און פאָרשט אין דער נאַכט:

צי טונקלען עס גאָר זיינע ווילסטע געדאַנקען,
די פרוכטלאָזע פרוכט פון אַ מוח אַ קראַנקן?

צי איז עס דער אמת דער נאַכטיקער גאָר,
וואָס איז, ווי לבנה־שיין, טרוימעריש־וואָר?

באַלד קוואַקען שוין אויף אין אַ כאָר אַלע זשאַבעס,
אַט פלאַמט שוין דער פינצטערער, וויעדמעשער שבת.

און הילכיק אַלץ הערט ער, ווי טייוועליש מען לאַכט:
„וואָס האָסטו, אַ נאַר, פון דיין לעבן געמאַכט!"

באַלד טראָגט שוין פון גיהנם אין זודיקן נעבל
דער ריח פון סמאַלע, דער ריח פון שוועבל.

און שטיקנדער לייגט זיך אויף אים דער קאָשמאַר,
און שווערער דער אומעט און וויסטער דער צער.

אָ, וואָלט שוין אַ בליץ אינעם בליי וואו געפּייערט —
אַ רעגן, וואָס רייניקט, אַ שטורעם, וואָס שייערט!

צי כאָטש אויפן טאָג וואָלט אַ האָן וואו געקרייט,
און אַלע די שמאַכטיקע שאָטנס פאַרווייהט!

קאמישא, נ. י., 1931.

---

## די גאַס נאָך האַלבער נאַכט

עס ליגט לבנה'ק, לייכט און לער,
נאָך האַלבער נאַכט די גאַס —
אַ טרוים אַן אויסגעליידיקטער,
אַן אויסגעשפּאַסטער שפּאַס.

דער בעט־מענטש שוועבט, צעלאָזט די האָר,
פון חלום אויסגעלאַכט,
און אויפן וואָר שטעלט שטיל זיך פאָר
דער חוזק פון דער נאַכט.

דער מיסט־קאַן פלירטעוועט גראַציעז
ביים גאַניק אין געשפּרעך;
אַ דעקל שימערט וואו סעריעז,
עס פלאָמט אָ באַק פון בלעך.

דער גאַניק, בירגערלעך־באַנאַל,
שטייט אָפּ פון ראַנדעװוּאַ
און װינקט צום טרייפענעם מעטאַל
מיט יעדן פלעקל צו.

די שטוב געשפּענסטיק, זילבער־גרין,
באַמערקט די קליינװאַרג ניט;
זי זעט, די שטערן־זעערין,
די שטערן נאָר און גליט.

און אױבן שפּאַרט אין הימל אַזש
דער סלופּ פון טעלעגראַף;
װי שײנט ער שטאָלץ אין קלאָץ־עקסטאַז,
דער העכסטער פון באַשאַף!

און אונטן טיף אין װײסן ליגט
פאַרשטומט דער טראָטואַר;
װי טרױעריק און דאָך אַנטציקט
ער טראָגט דעם װעלטן־צער!

און אױף דער אַנדער װיסטער זײט,
אין חושך־זײט פון גאַס,
באַװעגן, רעגן זיך פאַרשײט
די שאָטנס פּוסט און פּאַס.

זײ יאָגן שװאַרץ, זײ יאָגן גיך
צום ראָג־לאָמפּ אין געדרײ —
פאַרשװוּנדענע, װאָס טוליען זיך
אַרום אַ פּאָליציי.

קומט אונטער ווער, קלאַפּט אָפּ און האַקט
אַ הילך פון ראָג צו ראָג,
ווי ערגעץ וואָלט אַ „ספּיטש" געקנאַקט
אַ ווילדער דעמאַגאָג.

און ווייניק נאָך, שפּרינגט באַלד־אַרויס
אַ גרופּע בייזע קעץ
און זינגט מיט גרויס רציחה אויס
די לידלעך — האַס און העץ.

עס גרילצט דער קעצישער קאָנצערט,
און אויף די גרילצן שווימט
אַ צורקע, אייטערדיק פּאַרטרערט,
פון בלוט־לעכצן צעקרימט.

וואוהין, אויף וועמען איז געצילט,
אין בלאָען פלאַטער־ליכט,
אַזוי צעקרימט, אַזוי צעווילדט,
דאָס חיהשע געזיכט?

איך האַק אין האַסט די פענצטער צו,
איך לאָז דעם שטאָר אַראָפּ;
דאָך דרינגט דער עקל דורך אַוואו,
דאָך הילכט דער גרילץ מיר אָפּ.

און בעת דאָס וואונדערלעכע ליכט
איז נאָר אַן אָפּשטראַלם שטראַל,
איז אָט דאָס זשוואַווע קאַץ־געזיכט,
איז אָט דער גרילץ רעאַל.

די אייטער־אויגלעך, גיריק־גנעל,
דער וואַנק־מויל, האָס און העץ —
איר זייט רעאַל צו אַל די העל,
אַ, נאַכט־פאַרפלוכטע קעץ!

בעלמאר, 1925.

---

# די פּראָצעסיע

איך זע אין טרוים — און אפשר ניט אין טרוים:
אַ לאַנגע, הויך־פאַרבויטע גאַס, אַן ענגע;
עס ציט זיך אַ פּראָצעסיע, ווי אַ סטענגע —
אַלץ ווייס און רויט אין כוואַליענדיקן שוים.

און אַלע הויבן דראָענדיק די הענט,
און יעדער טראָגט אַ פלאַקערדיקן פאַקל —
אַן אויסטערליש־גראָטעסקער מין ספּעקטאַקל,
ווייל הויך אין הימל שפּילט די זון און בלענדט.

דאַך סומנע אַלץ און סומנער זעט עס אויס,
ווען אויבן שפּילט די זון מיט אַלע בלענד־שטיק,
און אונטן פלאַקערן אַזוי געשפּענסטיק
די פאַקלען פון צעשטראַלטן טאָג אַרויס.

צי איז מען איצט אַרויס, אין העלן שיין,
צום בראַונן קאַמף אַנטקעגן נאַכט באַצייטנס?
ווייל אויב זי פינצטערט איצט נאָך פונדערווייטנס,
דאַך קומען מוז זי — מוז מען גרייטע זיין.

צי האָט מען שוין ביינאַכט מיט פאַקל־ברען
אין קאַמף אַנטקעגן חושך גיין גענומען?
און איז דערנאָך די זון אַרויסגעקומען,
טאָ ווייל מען אין פאַראַד שוין זי ניט זען?

אַזוי, צי אַנדערש — איז אַ פּאַרכט פאַראַן
אין פלעמלעך אין בייטאָגיקע, אין רויטע,
ווי פלאַטערדיקע ליכט אַרום די טויטע,
ווי קירך־פּראָצעסיעס מיט אַ בר־מינן.

די פאַקלען־פלעמלעך פאַר אַ זון, וואָס בלענדט,
און די געשפּענסטער פון אַ מענטשן־מענגע —
עס ציט זיך די פּראָצעסיע, ווי אַ סטענגע,
דורך טויטע אַפּגלאַנצן אויף הויכע ווענט.

ניו יאָרק, 1935.

פינפטע אָפּטיילונג

# מחמקים



# ממעמקים

## 1

## ביים סוף וועג

איך האָב פון דער טיפעניש וויסט
גערופן צו דיר:
אַוואו נאָר דיין ליכטיקייט פליסט,
זאָל לויכטן אויך מיר.
איך גיי אין די שאָטנס פון שטאַרבנדע טעג
נאָך בלאָנדזשענדע פלעמלעך וואָס ווערן ניט באַלד —
ווי איינזאָם, ווי לער און ווי שווער איז דער וועג,
און קאַלט, אַזוי קאַלט!

איך האָב פון דער טיפעניש וויסט
גערופן צו דיר:
אַוואו נאָר, אַוואו נאָר דו ביסט,
באַווייז זיך פאַר מיר.
איך זאָל, ווי אַמאָל, אין מיין קינדהייט דיך זען,
ווי אָפגיין וואָלט אַלץ, וואָס אין מיר איז פאַרשטיינט;
ווי פרום און ווי היים וואָלט מיין תפילה געווען —
ווי וואָלט איך געוויינט!

איך האָב פון דער טיפעניש וויסט
גערופן צו דיר:
געזוכט דיך, געבעטן אומזיסט
צו ענטפערן מיר.
און איצט ביים סוף וועג, ווען איך גיי פון דער וועלט,
פון טרוים פון אַ וועלט, שוין אויף אייביק אַוועק,
צי בלייבסטו נאָך אַלץ אַזוי ליכטיק פאַרשטעלט —
אַ פרעמדקייט, אַ שרעק?

ניו יאָרק, 1921.

2

## נאַכט־געמורמל

אַ וואָלקנדל שמעלצט זיך אין זוניקן ברעג,
אין גלאַנציקער, גיריקער גראָקייט;
אַוייל — און ווי גאָר ניט געווען,
פאַרשווינדט ער אין גאָרנישט פון בלאָקייט.

אַ צאַנקענדיק פלעמל, וואָס לעשט זיך באַלד אויס,
געבויגן פון אַלערליי ווינטן;
אַ שוואַרצער אָן־סוף איז פאָרויס,
אַ שוואַרצער אָן־סוף איז פון הינטן.

אָט דאָס איז דער מענטש און דאָס מענטשלעכע זיין!
אַזוי האָט דער ווינט מיר געזשומעט,
געמורמלט אין פענצטער אַריין,
אין שלאָפלאָזן נאַכטיקן אומעט.

מיין זיידע, פון שטיין־קויל עפּאָכע, געוויס
האָט אויך שוין געהערט אָט דאָס זשומען;
געווען איז ער דעמאָלט אַ פיש
און שטענדיק אין וואַסער געשוואומען.

אַ יאָר־ביליאָן־נאָך — וועט אַפילו דער ווינט
שוין מער זיין געמורמל ניט טרייבן;
די זון לעשט זיך אויס און פאַרשווינדט,
און שטילקייט און פינצטערניש בלייבן.

ניו־יאָרק, 1921.

3

## אין דער פינצטער

אַ נאַכט־בליץ אַ שטומער אין אויפשיין אין גרויסן
פאַרשווינדט אַזוי שיין.
צי בלינקט עס דער אוראַלטער שוואַרצקייט אין דרויסן,
צי בלינקט מיר אַליין?

עס לויפן און הויפן זיך וואָלקנס און שטויסן
אין בלינדן פאַרגיין.
צי טראָגט עס די שאָטנס פון תוהו אין דרויסן,
צי טראָגט מיך אַליין?

עס רייסט אין דער ווינט פון דעם חושך דעם גרויסן
אַ ווינטיק געוויין.
צי וויינט עס דער עלענד פון וועלטן אין דרויסן,
צי וויין איך אַליין?

אָ, האַר פון דעם תוהו! און ביסטו נאָר אויסן,
אַז אַלץ זאָל פאַרגיין,
טאָ וואָס איז דיין ווינקען מיר שפּאָטיש אין דרויסן —
מיר איינעם אַליין?

דעם הבל הבלים, דעם אָפּנאַר דעם גרויסן,
צו זען און פאַרשטיין,
און שטיין ביי נאַטור, ווי אַ פרעמדער אין דרויסן,
פאַרמשפּט אַליין!

ניו־יאָרק, 1921.

4

## דער שנעל־צוג

עס טראָגט זיך דער שנעל־צוג געשווינד
ביים תהום פון פאַרהוילענעם לאַנד —
ווי זיכער און דאָך אַזוי בלינד,
פון שוואַרץ אין דער שוואַרץ נאָכאַנאַנד:
דער שטילער קאָנדוקטאָר פאָרט מיט,
אין צוג אָבער זעט מען אים ניט.

עס טראָגט פון דער פינצטער אַ ווינט
און רייסט זיך אין וואַנטלאָזער וואַנט;
דאָך זאָרגלאָז, אַזוי ווי אַ קינד,
דער פאָרער, ער טאַנצט אויפן ראַנד.
דער שטילער קאָנדוקטאָר, ער היט
ביי יעטווידן טענצער די טריט.

עס ווייזט זיך פון חושך און ווינט
אַ שוואַרצע, אַ ביינערנע האַנט,
און טענצער נאָך טענצער פאַרשווינדט
אין תהום פון פאַרהוילענעם לאַנד.
דער שטילער קאָנדוקטאָר, ער גליט
אין גלוטן אין שוואַרצע און היט.

אַ נאָכקומער ווײַנט זיך אָן בלינד
ביים ליידיקן אָרט אויפן ראַנד,
דאָך לאָזט ער צום טאַנץ זיך געשווינד,
און באַלד שוין באַווייזט זיך די האַנט.
מען פליט אין דעם אָפּגרונט און פליט —
דער שטילער קאָנדוקטאָר, ער היט.

עס טראָגט זיך דער שנעל־צוג געשווינד
ביים תהום פון פאַרהוילענעם לאַנד —
ווי זיכער און דאָך אַזוי בלינד,
פון שוואַרץ אין דער שוואַרץ נאָכאַנאַנד!
דער שטילער קאָנדוקטאָר פאָרט מיט,
אין צוג אָבער זעט מען אים ניט.

נ"ו יאָרק, 1921.

---

## 5

## פ ר אַ ג ן

און איז אונזער לעבן אַ פליגעלעם גלי
אין פינצטערן וואַלד, אויף אַ זוניקן טראַקט —
אַ פלי און אַ גלי, און אַ גלי און אַ פלי,
ביז וואַנען מען טוט אונז אַוועק־וואו אַ צי
און אייביק שוין ליגט מען אין חושך פאַרפאַקט?

און איז אונזער דאָ־זיין אַ בלענד־נאַרעריי,
אַ טומל־טרוים־דורכלויף, אַ כאָר־שפיל צעמישט,
וואָס בליצט אַזוי פאַרביק און שטראַלט אַזוי פריי
אַ ווייל אין געאייל, ביז עס טראָגט זיך פאַרביי —
אַוואו אין אַן ערגעץ פון גאָרנישט פאַרווישט?

און איז אויף דער ערד און אין הימל אַלץ טויט,
טאָ ווער האָט פון אונז אַזאַ חוזק געמאַכט,
און גייט אין דער פינצטער פון הינטן און גרייט,
און קלאַפט מיטן רידל פון קברות־מאַן גרייט,
און לאַכט אַזוי שאָטנדיק־שרעקלעך און לאַכט?

און לעבסטו, אָ, געטלעכע קראַפט, ערגעץ־וואו,
טאָ לאָז כאָטש געניסן די רגע פון גלי!
וואָס רויבסטו פון טרוים־שפּיל פון קורצן די רו?
וואָס וואַרפסטו די פינצטערע אימות אונז צו?
איז דאָס דען דער זין פון דיין געטלעכער מי?

ווי טיף איז דער סוד און די נאַכט אַזוי שטום?
עס ווייגט פון אַמאָל וואו אַ מוסר־מאָטיוו;
עס רינגלען געשפּענסטער, ווי פראַגן, מיך אום.
זיי שפּיגלען אין חושך זיך אָפּ אַזוי קרום —
ווי שטום איז די נאַכט און דער סוד אזוי טיף!

ניו יאָרק, 1921.

---

6

## ביים זון־אויפגאַנג

עס רויטלט זיך צאַרט דער פאַרנעבלטער מאָרגן.
איך האָב מיינע אויגן צום מזרח געווענדט:
צי איז נאָך מיין שחרית־געבעט דאָרט פאַרבאָרגן,
וואָס האָט אין די אויפגאַנגען הייליק געברענט?

עס שפּאַרן די שאָטנס צום מערב און שווינדן
אין אייליקער שטילקייט אַוואו אין דער הויך.
ווער קומט דורכן נעבל אויף פּורפּורנע אינדן
פון מדבר פון נאַכט, ווי אַ גאָלד־זייל פון רויך?

עס שווינדן די שאָטנס, עס ווייכן די רויכן,
אין הימל־זוים ווייזט זיך אַ פֿלאַם נאָך אַ פֿלאַם;
עס צינדן די אורנען זיך אָן אין די הויכן,
עס פֿלאַקערט אַ טעמפּל אין ליכטער אַ ים.

אַט פֿינקלען אין נעבל די פּורפּור־געוועבן,
אַט פֿלאַמט זי, די גרויסע, די גאָלדענע קרוין;
דאָס קומט ער, דער זיגרייכער ליכט־גאָט, צו שוועבן,
דער אור־אַלטער זוניקער מיטרא אַליין.

דער חושך־גאָט לויפֿט פֿאַר זיין ליכט־קראַפֿט אין ציטער,
עס שווינדט פֿאַר זיין שטראַל דאָס געשפּענסט פֿון דער נאַכט,
און אַלץ איז אין גין־גאָלד, און אַלץ איז אין פֿליטער,
דאָך ערגעץ־נאָך לעבט זי, די פֿינצטערע מאַכט.

אהורמין און הורמיז, די נאַכט און דער מאָרגן,
זיי זיינען נאָר טיילן פֿון גאַנצן באַשאַף;
און וואו איז אַליין דער באַשאַפֿער פֿאַרבאָרגן
אין שוישפּיל פֿון שאָטנס און ליכטער־געלאַף?

ניו יאָרק, 1921.

7

## אין דער פרי

איך ווײן פֿאַרן גרויסן באַלויכטער אין האַרצן:
„פֿאַרהויל פֿון מײן זעל מיט דײן שטראַליקער מאַכט
דעם אָפּגרונט דעם בײזן פֿון גאָרנישט פֿון שוואַרצן,
וואָס האָט זיך געעפֿנט פֿאַר מיר אין דער נאַכט.

„ווי ווײכט זי מיט ווײען, די לערקײט פֿון וועלטן,
וואָס אַנט זיך אונז ענדלאָז און איז אַזוי ענג!
ווי אָטעמט זי טויטלעך מיט הינטער־וועלט קעלטן,
די גאָרנישט־געהײמניש אין גרוילן־געדרענג!

„איך שטײ פֿאַר דיר עלענד און בעט זיך אין טרערן:
באַפֿעלקער צוריק מיר די פּוסט־װיסטע וועלט;
זאָל ווידער די טויטע נאַטור פֿאַר מיר ווערן
פֿון געטלעכן אָטעם באַלעבט און באַזעלט.

„דײן ליכט־דינער קניט זיך אין שטויב דיר אנטקעגן
און רופֿט אין פֿאַרצווייפֿלונג אין טיפֿער צו דיר:
דערוואַרעם מיך, גאָטהײט, באַלויכט מיר די וועגן,
ווי פּוסט און ווי קאַלט און ווי פֿינצטער איז מיר!

„אָ, גיב מיר צוריק דײנע בלענדיקע פֿאַרבן,
עס שמאַכט אַזוי דאָרשטיק מײן ניכטערער בליק!
דערלאָז מיר די אײביקײט פֿילן אין שטאַרבן,
אַנטפּלעק מיר אין לעבן די וואונדער צוריק.

„איך זאָל אומעטום, אומעטום דיך דערפילן —
אין מינדעסטן ווינטל, אין ווינטיקסטן שטויב,
דו זאָלסט מיר אין דורכלויף פון וואָלקנדל שפילן,
דאָס גרעזל פון ברוק זאָל מיר זינגען דיין לויב.

„איך וויין פאַר דיר, גרויסער באַלויכטער, אין האַרצן,
און בעט אין מיין עלענד צו דיר אַזוי שטום:
אָ, כשוף אַרויס מיך פון גאָרנישט פון שוואַרצן!
אָ, ראַטעווע מיך פון דער טויטקייט אַרום!"

ניו יאָרק, 1921.

## פון דיר צו דיר

און איז מיין שאָטנדיקע זינד
דער שאָטן דיין —
דער שאָטן פון דיין ערד, וואָס שווינדט
צוזאַמען מיט מיין זיין;
און איז דיין ערד ניטאָ,
פאַרבלייב איך ליכט אין דיר,
אין העל־געוועלבטן בלאָ,
אָן שיעור אין דיין אָן שיעור.

איך בין דיין טרוים־עקסטאַז, דיין ברען,
דיין לוסט, וואָס איז
אַרויסגעפלאַמט פון דיר געווען
אין געטלעכן קאַפּריז.
און שאָטנסטו אין מיר,
אין מיין פאַרגענגלעכקייט,
איז לויכט איך אויף אין דיר,
צוריק אין אייביקייט.

און זוכסטו ערדיק שטראָפן מיך
אין שאָטן דאָ,
איז ווייסטו געטלעך דאָך, אַז איך
בין אויסער דיר ניטאָ.
און טוסטו דיין גינאָד
אין צאָרן אָפּ פון מיר,
איז וועל איך לויפן, גאָט,
פון דיר צו דיר *)

ניו יאָרק, 1927.

---

*) די לעצטע צוויי שורות איז לויט די צוויי שורות פון רבי שלמה בן־גבירול אין „כתר־מלכות“: ואם תבקש לעוני, אברח ממך אליך.

# אין וואַלד

איך גיי דורכן וואַלד דורכן שטילן,
אין מיטן האַלב־נאַכטיקן שווייגן ;
עס שלאָפן אין גראָזן די גרילן,
עס דרעמלען די פויגלען אויף צווייגן ;
די שטערן נאָר האַלטן דאָ וואַך
און קוקן אַראָפּ דורכן סכך.

עס פלייצט אויפן גאַנג מיר אַנטקעגן
די שטילקייט פון אַלע פיר עקן ;
עס ליגן פאַרטרונקען די וועגן
אין שטומע און שטראָמיקע שרעקן.
די שטערן נאָר, הויך אויף דער וואַך,
זיי ווינקען צו מיר דורכן סכך.

איך גיי נאָכן וואונק נאָכן מילדן ;
גרילצט בלוט־דאָרשטיק אויף אין די צווייגן.
אַ קראַק פון פאַרצוקער פון ווילדן,
אַ טויט־קרעכץ און ווידער אַ שווייגן ;
עס הערן דאָס צו דורכן סכך
די שטערן אַרום אויף דער וואַך.

און ווי עס וואָלט גאָר נישט געטראָפֿן
אין טיפֿקייט פֿון נאַכט פֿון געהיימער,
פֿאַרבלייבן זיי גלייכגילטיק שלאָפֿן,
דער הימל, די ערד און די ביימער;
עס קוקן זיך דורך אויף דער וואך
די שטערן אַריבער דעם סכך.

נעמט ווער אין געהיים מיט מיר שפּאַנען
און גיריק אַן אויג אויף מיר שאַרפֿן;
איך גיי און איך ווייס ניט פֿון וואַנען,
ער וועט, דער פֿאַרצוקער, זיך וואַרפֿן;
עס ווינקען מיט שפּאָט דורכן סכך
די שטערן הויך־הויך אויף דער וואַך.

ניו יאָרק, 1923.

# שאָטנס

נאָכן צעטומלטן טאָג מיט די מענטשן
נעם איך מײַן רו מיט די שאָטנס בײַנאַכט —
אויס מיט די הויך־רייד און פלוכן און בענטשן,
אויס מיטן מאַרק און פאַרדרוס און פאַרדאַכט.
טוט דורכן צימער אַ שוואונג און אַ שימער,
שאָטענט אַ שטיפעריש שפּיל,
ווערט מיר פאַראײַנפאַכטער אַלץ און אינטימער,
און אַזוי שטיל, אַזוי שטיל.

טראָגן זיך ערגעץ־וואו אויטאָמאָבילן,
אונטן אין נאַכטיקער גאַס נאָכאַנאַנד ;
שפּיגלען די ליכטער זיך אָפּ און זיי שפּילן
אויבן אין צימער ביי מיר אויף דער וואַנט ;
שווייגנדיק ווייהען זיי אום און זיי ווייהען,
שפּילן פאַר מיר פּאַנטאָמים ;
קומען, ווי נאַכטוואַנדלער, קומען און גייען —
ווילד־פרעמד און דאָך ווי אינטים.

שווימען די שאָטנס אין שטומקייט און שווימען,
שוואַרצע אויף ווייס, אָדער ווייסע אויף שוואַרץ ;
שווימען פון חושך פון גאס און זיי שטימען
רואיק און רואיקער אָן מיר דאָס האַרץ ;

ווערן די שווּיבלענדע־גריבלענדע גאַסן
שאָטנס פאַרגייסטיקטע נאַר ;
ווערט מיט די טויב־שטומע צייכן־גרימאַסן
פול די פאַרשאָטענטע וואָר.

לויערט אַן אָפענע טיר אין אַ ווינקל,
ווינקט מיט דער פינצטערניש אירער צום טיש ;
טוט דאָס פארהאנגענע פענצטער אַ פינקל,
טוט מיט אַ שטראַלכל גראָטעסק זיי אַ וויש ;
טענצלט אַ חברה פון שאָטנס פון ווייסע
פלוצלונג אַריין אין דער מיט ;
גיבן אַ וויג זיך אין שפּאָט פון דער מעשה
דילן און ווענט און סופיט.

נעם איך זיי אויף אין געמיט אין מיין מידן,
ווי איך וואָלט מיטלעבן שוין מיט זיי לאַנג —
נאָך די בייטאָגיקע ווערטער־ירידן,
נאָכן פאַפירענעם שטורעם און דראַנג.
טרינק איך און טרינק ביזן טאָג ביזן גראָען
שטילקייטן, ממש, קאָנקרעט ;
הער איך דעם גאַנג פון די רגעס אין שעה'ן,
הער איך דעם לויף פון פּלאַנעט.

זע איך זיך דאָ, מיט די שאָטנס אינאיינעם,
אין דער ניוטאָנישער וועלטן־סיסטעם ;
שווינגען מיר אַלע אין שוואונג אין דעם שיינעם,
האָבן מיר אַלע אַ חלק אין דעם ;
איך און די שאָטנס, דער טיש און די דילן,
פענצטער און טירן און ווענט,
פליען מיר אַלע אין פלי אין דעם שטילן,
איבערן אָפגרונט אָן ענד.

פליען מיר אַלץ אויפֿן וועג אויפֿן זעלבן,
ווילנלאָז, ווי אין דעם אור־ערשטן פֿלי,
אונטערן ענדלאָזן בלאָ פֿון געוועלבן,
מיטן מאַגנעטישן, אייביקן צי.
וועט מען נאָך טרעפֿן סיסטעמען פֿון זונען,
אָדער מען פֿליט עס אומזיסט?
וועט מען שוין קיינמאָל ניט ווערן אַנטרונען
פֿון סיסטעמאַטישער וויסט?

שפּיר איך און שפּיר, ווי די געטלעכע קרעפֿטן
שאָטענען אום אין דער שטיל אומגעזען,
ווען איך פֿאַרזוך זיך מיט זיי צו באַהעפֿטן,
ווען איך צעברען זיך מיט זייער צעברען.
שפּיר איך, געשאַרפֿט אין מיין פּיין אין פּאַטאַלן,
זייער פֿאַרבאָרגענעם פּיין —
ניט פֿון אַ תוהו אַ קאַטאַסטראָפֿאַלן,
נאָר פֿון אַ תוהו פֿון זיין.

ניו יאָרק, 1935.

# דורכן שאָטן־דראַנג

דורך דעם שאָטן־דראַנג פון קאַמער,
דורך די נעכט פון וויסט און לער,
בלאַנקט מיר ווייט און קאַלט אַ האַמער,
אין אַ הינטער־וועלט אַ גראַמער,
אויפגעהויבן אַזוי שווער.

שפּילט אין אויסגעשפּילטן צויבער
די פאַרגאַנגנהייט צעשפּרייט;
און אין שטילקייט אין דער טויבער
לוגט פון הינטער־גרונט דער הויבער
מיטן בלאַנקן האַמער גרייט.

טוט אַ שלאָג מיר אין די שלייפן,
טוט אַן אייז־גרונט וואו אַ קלונג,
פינטלען בילדער באַלד און לויפן
פון זכרונס הינטער־הויפן
אין אַ רווישנדיקן שוואונג.

קראַקען זיי אַדורך, ווי ראָבן,
פיקס און פּאַרטיק אויסגעבריט,
די זכרונות, וועלכע האָבן
זיך פאַר בושה לאַנג באַגראָבן
אין די שטאַלן פון געמיט.

ווי זיי טראָגן האָקוס־פּאָקוס,
הענדום־פּענדום, גלאַנציק, שוואַרץ,
אַט די קראַקנדיקע כּניאַקעס,
די קורץ־עקיקע סאַראַקעס
פון מיין ווינטערדיקן האַרץ.

ניו יאָרק, 1923.

---

# דער זייגער קלאַפּט און קיינער איז ניטאָ

דער זייגער קלאַפּט און קיינער איז ניטאָ
אין הויז אין ליידיקן.
טאָ וועמען מעסט ער אָפּ גענוי די שעה,
אין גאַנג אין פרײדיקן?
עס וויים דאָך ניט פון צייט
די ליידיקייט.

איך קוק אַריין־דאָרט און מיין האַרץ קלאַפּט מיט
צום טאַקט איינטאָניקן,
צום פלאַטער פון אַ שטראַלכל ביים סופּיט,
אַ ווייס־לבנהקן,
וואָס קרייזט זיך אין דער שטיל
אַראָפּ צום דיל.

און אויפן דיל די שעה'ן שאַרכן אום,
פון צייט פאַרשניטענע,
אַט פלאַטערן זיי אויף, אויף שאָטנס שטום
שוין אויסגעביטענע —
פון ענדלאָזן ניטאָ
די שאָטן־שעה.

און ווייל די שאָטן־שעה'ן טוען ניט
אין צייט זיך ענדיקן,
טאָ ברענגען זיי דאָרט ניט קיין אומרו מיט,
קיין דראנג קיין שטענדיקן;
אַ שעה אַזאַ געענט
דאָך ניט צום ענד.

דאַריבער איז עס פון סופיט ביז דיל
דאָרט פול די ליידיקייט
מיט שאָטנדיקער פלאַטערניש אָן ציל,
מיט טעניץ און פריידיקייט —
אַליך מיטן שטראַלן־קרייז,
משוגעווייז.

און אָט צענעם איך אין געדאַנק די ווענט
פון הויז פון ליידיקן;
דער זייגער קלאַפּט אין אייביקן אָן־ענד
דעם קלאַפּ דעם פריידיקן
פאַר שטערן־שאָטנס וואו,
וואָס הערן צו.

אַט, דוכט מיר, קומט מיט וואָלקנס אָן אַ ווינט,
ווי גאַרנישט אויסנדיק;
דער זייגער שטעלט זיך אָפּ, דער שטראַל פאַרשווינדט,
און איך, פון דרויסנדיק,
פאַרבלייב אין שרעק אַליין,
אַ צייט־קינד, שטיין.

דער זייגער קלאַפּט און קיינער איז ניטאָ,
און אַלץ פאַרשטענדלעכער
ווערט אונזער צער פון יע־זיין אין דער שעה,
אין שעה אין ענדלעכער;
מען איז אין אל־ניטאָ
מיט איר דאָך דאָ.

ניו יאָרק, 1934.

# אינטער־פּלאַנעטן־אייניקייט

עס ציט זיך ווייך אַ שטראַל פון דער לבנה
אַראָפּ צו מיין וואַזאָנע;
אַ שטראַל אַ האַנט, וואָס האָט אַרומגענומען
איר שטאָם און אירע בלומען;
אַ האַנט אַן אויסגעשטרעקטע פון אַן אַנדער וועלט —
ווי מיסטעריעז אַזוי באַהעלט.

ער האַלט זי לאַנג געאָרעמט אַלץ ביים פענצטער
אין פלאַטערניש אין שענסטער —
אַ טרוימהאַפטע מיסטעריע אין דער פינצטער,
אין גראַציע אין דער דינסטער;
פון ווייט פון וויטסטער אַ באַהעפטונג אין גינאָד,
מיט עפּעס אַזאַ ליבן סוד.

איך קוק אַ נאַכט אַ שלאָפלאָזע אויף ביידן —
ווי גליען זיי באַשיידן;
זיי וויסן ביידע ניט דעם גרויסן וואונדער
פון יעדערן באַזונדער;
ניטאָ קיין אַנדער וועלט, ניטאָ קיין צווישן־ווייט —
אינטער - פּלאַנעטן - אייניקייט!

קאָלד ספּרינג ראוד, מאָנטיסעלאָ, נ. י., 1936.

# נאָכן מאַסקאַראַד

איז דער מאַסקאַראַד צו ענד,
און די טיר איז אָפן־ברייט,
און עס בלייבן פּוסטע ווענט,
און דאָס ליכט איז אויסגעדרייט.

און דער לעצטער שאָטן שווינדט
מיט די מאַסקעס, מיטן שיין,
און עס יאָגט אַ זומער ווינט
אין צעעפנטקייט אַריין.

ווי מען האָט עס, ליכט פאַרפּלייצט,
אין די טענץ געדרייט זיך דאָ,
און געכישופט און געררייצט —
ערשט געווען און שוין ניטאָ!

און דער ווינט גיט מעשים אָן
מיטן פוץ אין שוואַרץ פאַרווישט —
מיט די לענטעס און קאַרטאָן,
וואָס ער קערט זיי אויס, ווי מיסט.

הער איך טריט פאַרהילכטע צו,
עכאָס פון די טענצער פיל,
וואָס זיי ליגן שוין אין רו
פון מאַזורקע און קאַדריל.

אָפּגעטופּעט און אַוועק,
און עס קומט אין שוואַרץ צו גיין —
לער און שווער אַהער דער שרעק,
און ער טרעפט מיך דאָ אַליין.

אַ פּאַרזאַמטער, טו איך שטיין,
און איך פּליסטער אַ געבעט —
אַ פּאַרבליבענער אַליין,
און ווי שפּעט, מיין גאָט, ווי שפּעט!

ווי דער חושך איז געדיכט,
און עס איז מיט אַלץ שוין אויס —
נישט פּאַרבאָרג פון מיר דיין ליכט,
ניט פּאַרלאָז מיך, ניט פּאַרשטויס!

הויב איך אויף מיין בליק צו דיר
פון דער שוואַרצער פּוסטקייט מיין,
מיט דיין ווילן, וואָס אין מיר —
לאָז דערפילן מיר דיין שיין!

אָט צערוקן זיך די ווענט
און עס הויבט זיך אויף דער דאַך;
ערגעץ הויך, אין פולער בלענד,
האַלטסטו איבער מיר גאָך וואַך.

ניו יאָרק, 1937.

# דע לאָן אתה הולך

ווייטע אָפּקלאַנגען, וואָס פאַלן
אין די נעכט די וואַכע דול;
קלאַפּט אַ גרייז מיט די סאַנדאַלן
אָן דעם שטיין־דיל פון אַ שול,
און ער וואָרנט און ער טרייסט:

וויים, וואוהין דו גייסט!

הערט מען אים מיט פרומען פלאַקער,
קעפּ אויף קעפּ און בערד אויף בערד —
אידן אַליך פון אונטער אַקער
און פון ברוינער גליל־ערד;
זיי באַגרייפן גוט, וואָס הייסט:

וויים, וואוהין דו גייסט!

טראָגט, דורך דורות־לאַנגן וואַנדער,
פון דער שול אין ירדן־טאָל,
ביי אַ קוסט פון אָלעאַנדער
און אַ קוואַלכל פון קריסטאָל —
טראָגט די וואַרנונג מיר און טרייסט:

וויים, וואוהין דו גייסט!

הער איך עם אין בראנקס; און פיבער,
און אַן אויטאָ־האָרן ברומט,
און עם רוישן באַנען איבער,
און אַן עראָפּלאַן וואו זשומט,
און איך ליג און טראַכט, וואָס הייסט:

ווייס, וואוהין דו גייסט!

און איך זע די שול, די זיידעס,
בערג צעברענטע רויטלעך־גראָ,
און אַ הימל פול מיט סודות,
אַ קופּאָל פון וואונדער־בלאָ,
און דעם גרייז מיט ווייסער טרייסט:

ווייס, וואוהין דו גייסט!

גיסן זיך צונויף און הערן
ערד און הימל און אָן־סוף,
פון די דימענטענע שטערן
ביז די בערג אין שאָטן־שלאָף, —
אַלע הערן זיי, וואָס הייסט:

ווייס, וואוהין דו גייסט!

הער איך אויך, ווי זיי, דעם זיידן,
מיטן פיבער אין דער שטים,
כאָטש יאָר־טויזנטער צעשיידן
בראָנקס און גליל, מיך מיט אים —
ווי ער וואָרנט און ער טרייסט:

ווייס, וואוהין דו גייסט!

ניו יאָרק, 1937.

# אין טאָל צלמות

גם כי אלך בגיא־
צלמות, לא אירא רע.
(תהלים כ״ג, ד׳)

ווי דער וואָלקן איז געדיכט,
פיל איך דיין געהיימע מאַכט,
וואָס באַוויזט זיך אומגעריכט,
מיט איר פולער פאַרבן־פראַכט,
אין דעם ספּעקטאָר פון דיין ליכט.

ווייס איך ניט, וואוהין איך גיי,
ווייס איך ניט, פון וואַן איך קום;
פינצטערן די תהומות צוויי
הינטער און פאָרויס מיר שטום,
און איך וואַנדער צווישן זיי.

איז מיין וואַכער בליק געווענדט
הויך צום מילך־וועג פון מיין טרוים —
דיינע ליכט־יאָרן אָן ענד,
וואָס דו שיקסט זיי דורכן רוים,
און איך גיי פון זיי געבלענדט.

אויסערלעכער פון געזיכט,
אינערלעכער פון געמיט
איז דער עצם פון דיין ליכט,
וואָס אַ חלק טראָג איך מיט —
ווי דער חושך איז געדיכט!

מיין באַוואוסטזיין איז דיין זיין;
זינק איך, כאַפּ איך זיך אָן דיר,
און די פינצטערניש ווערט שיין,
און די ענדלעכקייט — אָן־שיעור —
אייביקייט און רגע מיין!

מוז דאָך אַלץ, אָ, אַלץ פאַרגיין,
בלייבסטו דאָך אין דיין אָן־שיעור —
דו נאָר מיט דיין ליכט אַליין,
און דיין חלק, וואָס אין מיר —
מיין באַוואוסטזיין וועגן דיר!

פינצטערן די תהומות צוויי,
און דו לויכטסט מיר אין דער מיט;
גיי איך איינזאַם צווישן זיי,
אין צלמות, וויסט און ווייִ,
און איך האָב קיין מורא ניט.

ניו יאָרק, 1937.

זעקסטע אָפּטיילונג

# פלאַמען אונטערן אַש



# ווײַטע אָפּקלאַנגען

## 1

## דאָס ליד פֿון די שניטערינס

זיי זײַנען זינגענדיק געגאַנגען
אַנטקעגן זון־פֿאַרגאַנג,
און גלוטיק איז אין לופֿט געהאנגען
דער ברוסטיקער געזאַנג.

אַלץ רונדע, רויטע, אָפּגעברענטע,
אַ שפּיל פֿון בלוט און בליט,
און יעדער שטערן אין אַ לענטע,
און אַלע זינגען מיט.

דאָס ליד בלאָ־אויגיק און גאָלד־צעפּיק,
דאָס ליד פֿון קראַפֿט און וויי,
ווי סאָסנע־דופֿט, געדיכט און קלעפּיק,
און בשׂמימדיק, ווי היי.

דאָס ליד פֿון פֿאַלענדיקע זאַנגען,
דאָס ליד פֿון פֿרישן שניט,
אין פֿעלד פֿון רחבֿות אויפֿגעגאַנגען,
אין פֿורפֿור־טוי צעגליט.

און קאַסעם האָבן זיי געטראָגן,
און היציק, בליציק, שיין
האָט יעדע קאַסע אָפּגעשלאָגן
דאָס זוניקע פאַרגיין.

איך הער דאָס ליד און זע דעם ציטער,
פון בלאָ און גאָלד און רויט,
ווי אַלץ פאַרפוצטער, אַלץ צעגליטער
גענענט דער טאָג צום טויט.

איך פיל ווי דאַרשטיק טוט זיך רוקן
די נאַכט שוין, און איך זע:
ווי פלאַמיק שיקט ער, דער מסוכן,
זיין בלוטיקן אַדיע.

און די צעשטראַלטע סאַסנע־שטאַמען,
פאַרגאָסענע מיט בלוט,
און די באַגולטע קרוינען — פלאַמען
אין זינגנדיקער גלוט.

און וואו, פאַרבאָרגן אין די קוסטן,
אין אונטער מיט זיי,
אין טרעלנדיקע פלאַמען־גלוסטן
פאַרגייט דער סאָלאָוויי.

פאַרגיי איך אויך, ווי זיי, אין קלאַנגען,
אין טרעלנדיקער לופט,
געפאַנגען פון די פלאַם־פאַרלאַנגען,
פאַרשיכורט פון דעם דופט.

אָ, ווייטיק פון ערינערונגען!
ווי ציט מיך נאָך אַהין —
צום ליד, צום ברעג, צום סוד צום יונגן,
צום יונגן בלוט, וואָס האָט געזונגען,
צום וואַלד, צום ווייכן גרין.

2

## נאַכט-קאַראַהאָדן

עס שטאַרבט דער טאָג, עס נעמט זיך לעשן
אין פינצטערניש דאָס ליד;
נאָר אויף אַ סאָסנע־שפּיץ פאַרגעסן
אַ גאָלד־פּאַס גליט נאָך מיד.

דאָך באַלד אַן אָפּגלאַנץ פון אַ פייער
טוט רויט אין וואַלד אַ שיין;
עס וויל וואו ווער אין לוסט אין פרייער
דעם חושך גובר זיין.

און הויך שאַלט אָפּ, אַדורך די ביימער,
אַ ווייטער קאראהאָד,
ווען אַלץ געדיכטער, אַלץ געהיימער
שפּרייט אויס די נאַכט איר סוד.

צעשפּילט זיך לוסטיק אַ האַרמאָניק,
און ציט נאָך זיך און ציט,
און עפּעס פלאַטערדיקס לבנה׳ק
באַזילבערט מיין געמיט.

און פלאַטערדיקע כאָרן־לידער
צעטראָגן זיך, און באַלד
אַ דורכגעליכטיקטער שטייט ווידער
פאַר מיר דער כמורנער וואַלד.

אַט שטעלט זיך אויף, אַן אויפגעוועקטער,
אין קוסט דער סאָלאָוויי,
און זינגט מיר אויס, אַן אויפגערעגטער,
זיין טרעלנדיקן ווײ.

און אַלע זשאַבעס כאַפּן אונטער
דאָס ליד פון ליידנשאַפט,
און יעדער בוים איז רויט, ווי צונטער,
און יעדער שאָטן גאַפט.

דערפיל איך זיך מיט זיי צוזאַמען
צונויפגעגאָסן — איינס;
מיר טוט, ווי זיי, אַ לעבן פלאַמען
אַ וואונדערלעכס, אַ שיינס.

עס פלאַמט פאַר מיר דאָס יונגע לעבן,
דאָס גאַנצע נאָך פאָרויס —
פאַר טרעלנדיקן גליק געגעבן,
פאַר וואונדער שיין און גרויס.

אָ, היט דעם אויפפלאַם פון דער יוגנט
פאַר וויסטע נעכט און טעג,
ווען אומבאַהאַלפן, אומבאַנוגנט,
פאַרבלייבט מען שטיין אין וועג.

אָ, ווייטיק פון ערינערונגען!
אָ, אָפּנאַר, וואָס דערהויבסט,
וואָס האָט די שאָטן־וועלט באַצוואונגען,
און יעדן חושך דורכגעדרונגען,
און אַלץ באַשעהנט, באַלויכטן!

3

## די קוקאַווקע

עס ליגט דער וואַלד אין טרוים אין שווערן,
און יעדע ליד שווייגט שטום,
מיט ווייטע הימלען, קילע שטערן,
אין איינזאַמקייט אַרום.

און איינזאַם האָט געטאָן פאַרשטומען
שוין אויך דער סאָלאָוויי,
און די קוקאַווקע האָט פאַרנומען
זיין אָרט אין נאַכט־געשריי.

פאַרשוואונדן איז דער שטראַל דער מינדסטער,
דער חושך הערשט סופרים,
און גרויליק קוקעט אין דער פינצטער
אַ ציילנדיקע שטים.

זי ציילט די טעג, זי ציילט די יאָרן
אָן אויפהער, מאָנאָטאָן,
און שטעלט זיך אָפּ אַוויל פאַרלאָרן
און הויבט באַלד ווידער אָן.

— איז אַלץ אין תוהו שוין פֿאַרהוילן
אַ וועלט פֿון לאַנג־ניטאָ,
דאָך די קוקאַווקע האַלט אין ציילן
ווי אין דער ערשטער שעה.

אָט ליגט דאָס ליבסטע שוין אַהינטער,
אין אָפּגעטרוימטער וואָר!
און אַלץ אַרום איז טיפֿער ווינטער,
אַ שניי פֿון האַריץ און האָר.

דער ווייטיק פֿון ערינערונגען!
דאָס ציילן וויסט און לער!
אַ ליד, וואָס האָט שוין לאַנג פֿאַרקלונגען,
אַ פֿלאַם פֿון חושך לאַנג פֿאַרשלונגען,
ניט אומצוקערן מער.

ניו יאָרק, 1934.

# אַ בלום פאַר אַ ליד

זי ציילט מיר די וואַלד־בלומען אוים און זי לאַכט:
אַ בלום פאַר אַ ליד!
איך האַלט זיי און שמעק זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט
און ווער גאָר ניט מיד;
איך צי אין זיך דופטיקע סודות און צי,
און פול איז אין האַרצן ביז איבער די ברעגן —
דאָך זיינען די בלומען שוין באַלד אין דער פרי
פאַרוועלקטע געלעגן,
פאַרוועלקטע געלעגן.

און האָב איך דערנאָך מיט די נעכטיקע בלומען
אין וואַלד זי באַגעגנט,
טאָ האָט זי זיך צאַרט, פון אַ טרויער באַנומען,
מיט מיר זיך געזעגנט —
אַוועק, ווי אַ טרוים, מיט די טריט מיט די ווייכע!
איך האָב עד היום
זי מער ניט געטראָפן, די ליליע די בלייכע,
פאַרטראָגן פון שטראָם,
פאַרטראָגן פון שטראָם.

דאָך אָפט, ווען איך לייען די יונגינקע לידער,
דערשיינט שטילערהייט

די ליליע, זיך רייטלענדיק צאַרט אַזוי, ווידער
מיט וואַלד־בלומען גרייט —
ווי שמעקן מיר דאַן אין ערינערונג דופטיק
די בלימעלעך אירע, וואָס וועלקן שוין ניט;
ווי ווייהט זי מיר וואַלדיק און ליכטיק און לופטיק
אין ליד מיינעם מיט,
אַ ריטמישע, מיט.

איך טראָג אין געדעכניש דורך צייטן און רוימען
דעם דופט אירן נאָך,
דעם וואַלדיקן אָטעם פון יאַגדעס און שוואָימען,
פון סאָסנעס און מאָך,
דעם אויפפלאַם פון ליידנשאַפט טוי־לייכט פאַרצויגן,
וואָס גליט איבער אָפּגרונטן טיפע און וואכט,
די זוכנדע ליפּן, די בעטנדע אויגן,
אין איינזאַמער נאַכט,
אין איינזאַמער נאַכט.

ניו יאָרק, 1935

# די אור־אַלטע שלאַנג

און איז זי פֿאַרשאָלטן שוין לאַנג
און קריכט אויפֿן בויך, אום אָן פֿיס;
איז קריכנדיק צילט זי איר ביס,
די אור־אַלטע שלאַנג.

עס ברענט אין איר צישן־געזאַנג
פֿון טויזנטער דורות די זינד.
עס טריפֿט זייער גיפֿט אין מיר בלינד —
פֿון אור־אַלטער שלאַנג.

איך טראָג אַזוי לאַנג, אַזוי באַנג,
די בלינדע ירושה אין מיר,
די טומאה, די זוהמה פֿון איר,
פֿון אור־אַלטער שלאַנג.

און לויף איך פֿון העלישן דראַנג,
איז גרין־אויגיק היט זי די טריט;
זי שפּריצט מיט איר גיפֿט און זי ציט,
די אור־אַלטע שלאַנג.

פֿאַרסמט זי מיין ערדישן גאַנג,
בענקט ריינער אין מיר אַלץ די זעל:
זי לייטערט מיין זעל אין איר העל,
די אור־אַלטע שלאַנג.

ניו יאָרק, 1923.

# שובערט׳ס סערענאַדע

ווי איך הער די ליבע קלאַנגען,
גייט דאָס האַרץ מיר איין:
פיל איך ווידער זיך געפאַנגען —
יונג פון יונגן פיין.

טוט פאַר מיר אַ פּנים שיינען,
טוט אַ בליק אַ ברען —
אויגן בענקענדע, וואָס זיינען
לאַנג מיין טרויס געווען.

ליגט די פרילינג־נאַכט באַטרונקען,
גליט אין טוי געדיכט,
און דער שטאָט־פּאַרק איז פאַרזונקען
אין אַ סומנעם ליכט.

שטייען, ווי געשפּענסטער, ביימער,
אין אַלייען שטום,
וואו, אַ שאָטן אַ געהיימער,
לויף איך איינזאַם אום.

גיסט זיך צאַרט פון פארק־עסטראדע
שובערט׳ס האַרץ־געוויין;
בעט זיך וועד אין סערענאדע:
„ליבסטע, קום צו גיין!

„קום און הער, ווי פול מיט פלאמען,
זינגט דער סאָלאָוויי;
גייט ער אוים מיט אונז צוזאַמען
אין זיין ליבעס־ווײי״.

אָ, אומזיסט! זי וועט ניט קומען
קיינמאָל מער צו גיין —
ליגט אין בערגל זאַמד אין שטומען,
אַ געשטילטע שוין!

וויינט דער נאַכט־פּאַרק מיר, פאַרהאנגען
אין אַ שוואַרצן טיול —
ווי עס יאָמערן די קלאַנגען,
מיט געבעטן פול.

# פאַר איר נשמה

(צום אנדענק פון ב. מ.)

איך האָב איר נשמה געזען,
אָט גלייך ווי איר פּנים, געזען;
זי איז, ווי אַ פויגל, אַ ווייסע געווען,
וואָס האָט אויף דער אומריינער ערד אומגעפּלאָנטערט,
די פליגלען די וואַגענדע אונטערגעשאָרן,
און שוין פון די אַכצן יאָר אירע פאַרמאַטערט —
פאַרמאַטערט, פאַרלאָרן.

זי האָט פון זיך ווייניק גערעדט,
געזונגען פיל מער ווי גערעדט,
און אויסזינגען פלעגט זי איר וויי אין געבעט,
אין בענקנדע, ברומענדע יאָמער־געזאַנגען,
וואָס אויפהויבן קען זי זיך ניט פון די שטויבן,
וואָס פליגללאָז איז זי און קען ניט דערלאַנגען
צום לויטערן אויבן.

דאָך תמיד געווען איז אויף איר
צעגאָסן אַ צאַרטקייט אָן שיעור,
אַ מילדע, אַ מלאכשע גוטסקייט אָן שיעור,

און עפּעם מיט מיסטישן ווייס האָט געלויכטן
איר דורכזיכטיק פּנים, ניט־ערדיש, ניט־דאָאיק,
געגליט האָט איר בליק מיט אַ צער אַ דערהויכטן —
ווי גיך, ווי קורץ־שעהאיק!

אָ, גיך אַזוי איז עס געשען!
דער גרויליקסטער גרויל איז געשען,
און קיינער האָט קיינמאָל שוין מער ניט געזען
דעם מאַטן, באַלויכטענעם פּנים, דעם ליבן,
דעם מלאכשן שמייכל, מיט אומעט פאַרצויגן,
די טראַגיק, וואָס פאַטום האָט פאַרכטיק געשריבן
ביי איר אין די אויגן.

זי טוט זיך מיט קראַפט אַזאַ הויב,
פון ערד פון דער ענגער אַ הויב;
אַט שווינדט שוין איר ווייסע נשמה, די טויב,
אין אָפּגרונט פון בלאָקייט, וואָס טויט איז זיין נאָמען —
צי איז די פאַרשוואונדענע דאָרט נאָך פאַראַנען,
כאָטש קיינער שוין קען דורך די שטראַליקע שטראָמען
ניט זען זי פון דאַנען?

אָט זעט מען אַ טויב, ווי זי פליט,
מען פליט מיטן בליק מיט איר מיט,
ביז וואַנען עס גרייכט אונזער בליק — מיט איר מיט;
מען זעט, ווי זי לאָזט זיך די בלאָקייטן שפּאַלטן
און ווערט אין די שייניקע הויכן פאַרפאַלן,
דאָך ווייס מען געוויס, אַז זי איז וואו באַהאַלטן
דאָרט הויך אין די שטראַלן.

ווי האָב איך אומזיסט פאַר איר לייד
געזוכט אַזוי־פיל אַ באַשייד,
דורך שמאַכטיקע, שלאָפלאָזע נעכט — אַ באַשייד ;
אַט הער איך איר ברומענדן יאָמער, דעם יונגן,
לייד־דורך די יסורים פון טויט פון איר וויסטן —
צי האָט עס דען אַלץ אַזוי זינלאָז פאַרקלונגען
אין וויסטן, אומזיסטן ?

אַט זע איך זי אַלץ און איך זע,
אַט הער איך איר לעצטן אַדיע,
דורך צענדליקער יאָרן, איר לעצטן אַדיע ;
זי זעגנט זיך שטיל, מיט אַ בליק מיט אַ פייכטן,
און נעמט אַזוי קלוג פון אַרומיקן שפּאָטן,
און גייט אין דער נאַכט, מיט אַ טראָט מיט אַ לייכטן,
אַוועק מיט איר שאָטן.

ניו יאָר, 1936

# רוישט די אַלטע מיל

Веселой толпой,
С глубокого дна,
Мы ночью всплываем:
Нас греет луна.

**А. С. Пушкин**

רוישט די אַלטע מיל אין האַסט נאָך אין צעפּאָכטער,
לוגט פון וואַסער נאָך דעם מילנערס טאָכטער.

טוט זי צווישן ערד און דער לבֿנה הערן
טריט באַקאַנטע, אין געמיט אין שווערן.

שווימט זי צו די וויסטע, טרויעריקע ברעגן,
איר צוריקגעקערטן פּרינץ אַנטקעגן.

און דער שטילער שוים, דער זילבערנער, נעמט זידן,
ווי זי זעט אים אַזאַ לעבנס־מידן.

קומט ער, איר געוואָלטער, רו ביי איר געפינען —
אין איר טיף, וואו אָפּגרונטן נאָר גרינען.

שווימט זי שטיל צו אים, די גרינע האָר צעלאָזן,
מיטן ווייסן האַלז אין וואַסער־גראָזן;

מיט די רונדע אַקסלען, ווי די ווייסע שוימען,
און די גרויסע גרינע אויגן טרוימען;

מיטן ברעם אַראָפּגעלאָזן און דעם ציטער,
וואָס איז פול מיט גלוסטונג מיט צעגליטער.

רופט איר טיפע ברוסט־שטים, לאָקט נאָך אַזוי מונטער,
לאָקט און ציט און שלעפּט צו זיך אַרונטער.

ווי זי לייגט זיך אויס פאַר דער לבנה וואַרימען,
זאָל זיך אויפן מענטשן גאָט דערבאַרימען!

— — — — — — — — — — — — —

אַך קום, מיין באַטריבטער, מיין מידער, מיין ליבער,
אַהער אין דער טיפקייט אַריבער —
צו מיר אין דעם ליכטיקן חושך, דעם שטילן,
אין צערטלעכן שוים, אין מיין קילן.

איך האָב דאָך געוואוסט, אַז דו וועסט צו מיר קומען,
דערוואַרט דיך אין אָפּגרונט אין שטומען —
דו זאָלסט אין דער שטילקייט דיין אומרו פאַרגעסן,
דיין גלות אין דער קילקייט פאַרלעשן.

איצט וועט שוין קיין ערדישער גורל אונזביידן
אין אייביקן אייביק ניט שיידן;
עס וועלן שוין זון און לבנה און שטערן
נאָר בלאָנדזשענדע פייערלעך ווערן.

מיר וועלן דורך צייטן און ווייטן און טיפן
ביי הימלישע איר־ליכט זיך שיפן,
געטראָגן אויף הויכן פון כוואַליקע טורעמס,
באַגלייט פון די זינגענדע שטורעמס.

אַן אייביקייט וועלן מיר האָרכן צוזאַמען
דעם גאַנג פון די טייכן צו ימען —
דעם גאַנג פון די ימען צו וואָלקנס און שנייען,
וואָס ווידער אין טייכן צעגייען.

אין אייביקן אומבייט אַלץ ווייטער געשטויסן
פון קלייניקן ווי, פון דיין גרויסן —
דורך שעה'ן, ווי דורות, דורך דורות, ווי שעה'ן,
אין ענדלאָזן חוזק, אין בלאָען.

# דוכטעניש

(מיין זעליקער פרוי ליבע געווידמעט)

1

אויבן ליגט אין זון דער באַרג־שפּיץ,
אין אַ פייערדיקן קוש;
אונטן אומערט שוין דער אָוונט
אין אַ פינצטערן פּאַרדרוס.

שטראַלט דער באַרג אַ זון־צעפלאַמטער,
אין דעם העלסטן פּורפּור־שיין,
און דער טאָל, פאַרשוואַרצט פון שאָטנס,
זינקט אין חושך־אָפּגרונט איין.

זעען מיר די פאַנטאָמימע
פון וועראנדע, ברייט און ווייט,
ווי עס שטרייטן ליכט און שאָטנס,
און עס בייט זיך אַלץ און בייט.

נאָך צוריק אַ קליינע ווײַלע
האָט דער באַרג, וואָס פלאַמט און שטראַלט,
אויסגעוויזן גראָ און כמורנע,
פעלזן־וויסט און פעלזן־קאַלט.

און דער טאָל, וואָס ליגט פֿאַרזונקען
אין דער פֿינצטערניש געדיכט,
האָט געגליט נאָך ליב און לויטער,
פֿול מיט שפּילעוודיקן ליכט.

גייט די פֿאַנטאַסמיכע ווייטער,
בייט זיך ווידער אום אַמאָל,
פֿינצטערט אויף דער העכסטער באַרג־שפּיץ,
ווי דער נידעריקסטער טאָל.

עס פֿאַרלעשן זיך די פֿאַרבן,
און עס שווינדט די פֿלאַמען־פּראַכט;
אַלע זיינען גלייך און הילפֿלאָז
פֿאַר דער אַלטער, שוואַרצער נאַכט.

2

פֿון דער מלוכה פֿון די שאָטנס
ציען מחנות שוואַרץ און שטום,
לאַנג און לענגער, הויך און העכער,
און פֿאַרשלינגען אַלץ אַרום.

זיצן מיר פֿאַרטראַכט און קוקן,
ווי עס ווערן אויסגעמישט
וועלדער, פֿערמעס, בערג און טאָלן —
אַלע פֿאָרמען אָפּגעווישט.

אַלץ פֿאַרשווינדט אין פֿאָרמלאָזן,
שוואַרצן, שטאָטנדיקן שטראָם;
אָטעמט־אויף אַ גוף אַ ווייסער
אויפֿן אַנגעזיכט פֿון תהום.

אין געהיימניש פון דעם תוהו,
אין דער שוואַרץ און אין דער שטיל,
טויכט ער אויף, דער גוף דער ווייסער,
און ער אָטעמט פייכט און קיל.

דאַן אַ צווייטער, דאַן אַ דריטער,
ווייס־צעשויבערט, רווישלאָז, שטום,
זעען אויס אַזוי ווי שעפּסן,
ווייהען ווי געשפּענסטער אום.

ווייהען, דרייען זיך, צעגייען,
וואַקסן גרויס און גרעסער אויס,
ווייסע, שטילע, פייכטע, קילע,
קלייבן זיך צום שטרייט אַרויס.

פון דער מלוכה פון די נעבלען
ציען מחנות, ווייס און שטום,
און פאַרכאַפּן ברייט די שאָטנס,
און פאַרשלינגען אַלץ אַרום.

ווינקט ווער דורכן אַלטן תוהו:
זאָל זיין ליכט! — און מיט אַמאָל
קומט אַ ליכטיקייט פון ערגעץ
און באַלויכט דעם גאַנצן טאָל.

3

אָנגעגאָסן ווײַס מיט נעבל,
כוואַליעט לײַכט דער טאָל און וואַכט,
ווי אַ ווײַסער ים, אַ שטילער,
אין דער ווײַסער, שטילער נאַכט.

שטיל פון הינטער באַרג באַווײַזט זיך
די לבנה אין דער הויך,
אין אַ רינג פון לײַכטן זילבער,
רונד און פול און נעבל־בלײַך.

זי באַגריסט דעם ים מיט בליקן,
פול מיט ליבן נעבל־חן;
אירע שטילסטע, שענסטע שטראַלן
האָט זי נאָר פאַר אים אַליין.

פאַלן בלאָלעך־בלײַך די שטראַלן,
לײַגט זיך טוליען־לײַכט דער שײַן,
און דער ים, פאַרליבט און גליקלעך,
שלאָפט אין שטילער שמחה אײַן.

קוים נאָר מערקט זיך, ווי עס צוקט אים
דורך אַ וועל פון ווײַסן שוים;
קוים נאָר פילט זיך, ווי ער קושט זיך
מיטן שטראַל אין ליבעס־טרוים.

און דאָס זעען נאָר די וועלדלעך
אויף די בערג וואו אָן אַ זײַט,
וועלכע שאטענען אין נעבל —
שטומע עדות פון דער ווײַט.

4

גייט די פּאַנטאָמימע ווייטער:
טוט אַ פּאַך געהיים אַ האַנט,
הויבט זיך אויף דער ים פון נעבל
און ער שטעלט זיך, ווי אַ וואַנט.

ווייט פון הינטן אין די שטראַלן
שפּיגלען אָפּ זיך מחנות פיל,
שפּאַנען לאַנגע קאַראַוואַנען,
ציען, פליען אין דער שטיל.

איז דאָס יענע וואַנט פון ים סוף,
הינטער וועלכער פרייִדיק־פריי
לויפן ששים רבוא אידן
שנעל אַוועק פון שקלאַפעריי?

בייט זיך ווייטער אַלץ און בייט זיך,
שימערט, פלימערט און פאַרפליט;
אין די ווייסע נעבל־שטראַלן
הויבט זיך אויף אַ פּיראַמיד.

ליגט דער שפּיץ אין דער לבנה,
און די באָזע מײַלן־ברייט
שפּרייט זיך אויס אין זאַמד פון מדבר,
שטיל אין ווייסקייט און אין טויט.

איז דאָס פּרעהס ריזן־קבר,
אַרבעט פון אַ גאַנצן דור,
וואָס אַ גאַנצע אומה שקלאַפן
האָט געמוטשעט דרייסיק יאָר?

בייט זיך ווידער אַלץ און בייט זיך,
און דער פּיראַמיד צערינט;
זעען בערג זיך, זעט זיך אויבן
שלייכט געהיים אַ מענטשן־קינד.

מיין באַליבטער העלד פון קינדהייט,
איך דערקען אים אויפן שטעל!
גדעון נידערט דאָס אַרונטער
אין דעם טאָל פון יזרעאל.

ליגן מדין און עמלק
דאָרט מיט קעמלען און מיט פערד,
ווי אַ היישעריק אַ שווערער,
דעקן צו די גאַנצע ערד.

שלייכט געהיים צום שטרייט דער גבור,
פירט זיין הייפל העלדן קלוג,
אין דער רעכטער האַנט אַ שופר,
אין דער לינקער האַנט אַ קרוג.

זע איך זיי ביים פיינד אין לאַגער,
האַלט געשפּאַנט דעם אָטעם איין,
אָט איז שוין דער קרוג צעבראָכן,
טוט אַ פלאַקל דאָרט אַ שיין.

בלאָזט אין שופר דאַן דער גבור,
רופט דער גייסט פון גאָט אויף אים,
„חרב לאדוני ולגדעון!" —
דונערט יעדן קריגערס שטים.

5

שטראַלן אויגן שוואַרץ פון נעבל,
לויכט מיר ליב אַ בליק און גלעט,
שמייכלט מיר אַ קלוגער פּנים
און אַ שטים אַ צאַרטע רעדט:

„אַלץ איז דוכטעניש אין לעבן,
אַ פאַנטאַסטיש נעבל־שפּיל;
עס דערזעט דאָ יעדער איינער
וואָס ער זוכט און וואָס ער וויל.

„און ווי ליב איז דאָס געגאַרט זיין,
און ווי שיין — דאָס נעבל־שפּיל,
דאָך מיר זיצן אַזוי שפּעט שוין,
און די נאַכט איז פייכט און קיל.

„און ווי נעבל־ליב עס טרוימט זיך
אין פאַנטאַסטיש־שיינעם שיין,
דאָך אַ קעלט נעמט דורך די ביינער,
און מען דאַרף אין הויז אַריין."

קאַשעקטאַן, קעטסקילס, 1902.

# מוטער און קינד

## 1
## ביים וועגל

עס טראָגט זיך אַ מאַי־טאָג, אַ גוטער,
אין נעבלען אין טיולענע לינד,
אַריבער אַן עלענדער מוטער,
אַריבער אַ ווינט־קראַנקן קינד.

די מוטער שטייט שטיל אַ פאַרקלעמטע,
דאָס קינד ליגט אין וועגל דערביי —
פאַרלאָרענע ביידע, פאַרפרעמדטע,
אַרום אין דער מילדקייט פון מאַי.

עס שמייכלען פון הימל אַרונטער
געשטאַלטן פון בלאָ צו דער ערד;
זיי שמייכלען אין וואָלקנדלעך מונטער,
אַזוי ווי אין זילבערנע בערד.

עס פאַלט זייער שמייכל דער גוטער
אין טויזנטער שטראַלכלעך אַראָפּ,
וואָס לאַטשען און גלעטן די מוטער,
און שפּילן ביים קינד אויפן קאָפּ.

עס שטייט אין די שיינען די ווייסע
די מוטער פאַרשטומט און פאַרזאָרגט ;
אָ, וואָס פאַר אַ גרוויליקע מעשה
איר פּיבעריש פּנים פאַרבאָרגט !

עס פליען ווי ווייסינקע העזלעך
די שטראַלכלעך אַהער און אַהין,
אַריבער די בוימלעך, די גרעזלעך,
אין צארטן, אין יונגינקן גרין.

און גלייך ווי די גרינינקע בוימלעך,
און גלייך ווי דאָס יונגינקע גראָז,
דערפילט זיך דאָס קינד אַזוי היימלעך
און טוט זיך צום שטראַלכל אַ לאָז.

אָט שטרעקט עס פון וועגל די הענטלעך,
דאָס מלאך־געזיכטל לויכט אויף,
עס טוט זיך אַ כאַפּ אָן די ווענטלעך
און פּרואווט זיך אַ הויב טאָן אַרויף.

אַ הויב און אַ פאַל באַלד אַנידער,
מיט אויגלעך צעעפנטע גרויס,
דערזעט עס די מוטער, און ווידער
דער טרערן־קוואַל אירער ברעכט אויס :

„אָ, גאָט ! ווי איך גיב אַזוי גערן
מיין מיידעלע יעדע מינוט —
מיין נאַכט און מיין מיה־טאָג דעם שווערן,
און טראָפּן נאָך טראָפּן מיין בלוט.

„אָ, גאָט! וואָס וואָלט איך אין לעבן
ניט אָפּגעבן איר אַזוי זיס?
אָ, וואָלט איך נאָר קענען איר געבן,
איר אָפּגעבן אויך מיינע פּיס!"

ניו יאָרק, 1922.

---

2

## ביי דער מאַי־פּראָצעסיע
(צום צענטן יאָרצייט)

און אויפגערעגט רייסט זיך אַריין,
דורך אַלע צעעפנטע פענצטער,
אין שטראָמען פיל־שטימיקן שיין
אַ יונג־רויטער טאָג, אַ געבענטשטער —
געפילדער און פייקל־געקלאַנג,
פון הונדערטער קינדער אַ גאַנג.

עס ציט זי צום פענצטער, זי בליקט
מיט גרויסע און בלישצנדע אויגן —
ווי ריטמיש, ווי ליב און געשיקט
די פיסעלעך הויבן זיך, בויגן,
צום טאַקט אַזוי טופּענדיק פריי,
אין ווייהענדער ווייסקייט פון מאַי.

עס כוואַליעט די גאַס און עס ווינקט,
אַזוי ווי אַ מאַי־פעלד אין בליטן;
און שטראַלנדיק וואו־ניט־וואו בלינקט
אַ גליקלעכע מוטער אין מיטן.
זי זעט זיי דאָ אַלעמען גיין,
ניטאָ איז איר קינד נאָר אַליין.

און פֿלוצלונג, זי רײַסט זיך אַוועק
און כאַפּט זיך די פֿענצטער פֿאַרמאַכן,
אַזוי ווי זי וואָלט וואָס אין שרעק
פֿון פֿײַנטלעכן דרויסן באַוואַכן.
דאָס הילפֿלאָזע קינד טוט אַ רוף,
זי שפּרינגט אַ פֿאַרציטערטע אויף.

פֿרעג, קינד, ניט דײַן מוטער קיין זאַך!
גענוג האָט זי איבערגעליטן,
דאָך שטייט זי נאָך בראַוו אויף דער וואַך
פֿון וויסטן באַוואוסטזײַן דיך היטן.
און אויסהיטן קען זי דיך ניט,
און נאַכט־פֿינצטער איז איר געמיט.

אָט זיצט זי בײַם קינד שוין און טראַכט,
דעם בליק אירן פֿאָרשט זי דעם קלוגן —
אָ, שרעק! דאָס באַוואוסטזײַן דערוואַכט,
זי זעט אין די אייגלעך עס לוגן!
זי טוט זיך פֿאַרצווייפֿלט אַ הויב
און וויינט פֿאַרן זון־זייל פֿון שטויב.

3

# דורך די נעכט

זי זיצט דורך די נעכט ביי איר קינד,
פאַרלאָזן פון שלאָף.

זי זעט אין איר אומגליק אַ זינד
און זוכט זיך אַ שטראָף.

עס ציטערט אין צימער אַריין
אַן אומעט פון שיין.

עס צוקט דאָ און דאָרט אויפן דיל
אַ שטראַל אין דער שטיל.

און ציטערדיק צוקט איר אַליין
אַ שטיל־שטיל געוויין.

* * *

זי קוקט אויף איר טאָכטער און זעט,
וואָס איר איז באַשערט.

זי הערט יעדן הילפלאָזן בעט,
וואָס ווערט ניט דערהערט.

זי זעט יעדן שטרויכליקען טראָט,
וואָס רופט אַרויס שפּאָט.

זי פילט יעדן אָטעם פון קעלט,
וואָס פרירט איר קינדס וועלט.

זי וויינט אין זיך איבער אַליין
איר קינדס יעדן וויין.

* * *

זי וויקלט און וויקלט דעם קנויל
פון יאָרן פון שטראָף;

און מאָלט יעדע נאַכט זיך דעם גרויל
פון פינצטערן סוף.

אָט קרעכצט וואו אַ טויט־קרעכץ אַרויס,
איר טאָכטער גייט אויס.

און קיינער ניט טוט זיך אַ ריר, —
טאָ שטאַרבט זי מיט איר.

זי שטאַרבט אַזוי וויסט און צעשמאַכט,
זי שטאַרבט יעדע נאַכט.

4

## אין פּאַרק

זי לויפט מיטן קינד פון איר שרעק
אין שטילסטן, אין איינזאַמסטן פּלאַץ —
וואָס ווייטער פון מענטשן אַוועק.
דאָרט לויערט אַ שוואַרץ־שוואַרצע קאַץ.

עס פלעכט זיך אַריבער דעם וועג,
אַ פּרעכטיקער בוים־באַלדאַכין;
דאָרט טונקלען פאַרטוליעטע טעג,
דער זון־שטראַל פאַרלירט זיך אין גרין.

און הויך איז דער בוים דאָרט און ברייט,
און פול איז דאָס גרין מיט געזאַנג,
און אונטן די שוואַרצע שטייט גרייט
און לוגט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג.

עס פאַלט פון אַ צווייג ערגעץ־וואו
אַ פייגעלע — הייל נאָך און שוואַך;
די פייגלשע מוטער פליט צו
און שטעלט זיך ביים קינד אויף דער וואַך.

זי שפּרינגט אַרום קינד אַזוי צאַרט
און וויינט אין געזאַנגען זיך אויס;

די שוואַרצע, זי שטייט און זי וואַרט
און קוקט אויף דער מוטער אַרויס.

אַ שפּרונג! און אַט צאַפּלט זיך שוין
די מוטער אין טויטענדן מויל;
דאָס הילפלאָזע קינד בלייבט אַליין,
אַליין אין אַ וועלט פול מיט גרויל.

די פרוי זעט מיט סקרופּעניש צו,
וואָס ווערט איר אַנטפּלעקט אַזוי שטום,
אין טיף פון דער גרינקייט פון רו,
אין אומשולד פון מילדקייט אַרום.

זי וואַרפט זיך צום וועגל און קינד,
און לויפט אָן אַן אָטעם אַוועק;
עס יאָגט זיך נאָך איר, ווי אַ ווינט,
דער שוואַרצער, פאַרצוקנדער שרעק.

## 5

## אין האָספּיטאַל

זי ווייס ניט — ווען איז עס געשען,
ווען האָט זי די גאַס פֿון דער טעקסי געזען,
געפֿילט אויף איר פּנים צום לעצטן מאָל לינד
דעם פֿרישן, דעם דרויסיקן ווינט.
מען האָט זי געבראַכט און געלאָזן זי דאָ —
פֿיליכט שוין אַ חודש, פֿילייכט נאָר אַ שעה.
זי ליגט דאָ אַזוי אויפֿן בעט אין איר גלות,
אַ טאָג איז אַ וואָך און אַ וואָך — אַ מינוט.

און עפּעס־וואָס בעט אין איר שטענדיק:
אָ, ענדיק! אָ, ענדיק! אָ, ענדיק!
די וועסט פֿון דער ווייסקייט פֿון צימער
אַוועק־שוין אין שוואַרץ־שוואַרצן אימער.

ווי ענג איז איר, אָטעמלאָז־ענג!
זי וואַרפֿט זיך אַרום אין איר וויסטן געדרענג,
עס וואַרפֿט זיך פֿאַר איר אַזוי שטיקנדיק־שטום
איר גאַנצע פֿאַרגאַנגנהייט אום.
און צווישן די בילדער, ווי שפּיזן פֿון בראַנד,
וואָס שטעכן אין דורכפֿלי איר מאַרך נאָכאַנאַנד,
טראָגט מלאָשנע אויף איר, ווי אַ ברענענדער ווינט,
פֿון יעטווידער זייט, דאָס געוויין פֿון איר קינד.

שטייט אויף אין נשמה אין מידער
אַליץ ווידער און ווידער און ווידער
דער אַלטער, צעפּאַלמעסטער וויטיק,
דער שרעק — אַזוי שאַרף, אַזוי טויטיק.

צי ברענט עס די נאָדל־וואונד נאָך,
פון שמוציקן דאָקטאָר דער שמוציקער שטאָך,
דער עקספּערימענט, איבערגוואַלט, קרימינעל,
וואָס האָט זי פאַרגיפט אויפן שטעל?
זי ליגט אַ פאַרלאָזענע צווישן פיר ווענט,
געשענדט פון דעם עקספּערימענט, און זי ברענט.
עס שרפהן די אויגן, עס שרפהט די הויט:
„אָ, גאָט מיין, וואָס איז עס אַרום אַזוי רויט!"

עס פלאַקערט אין מאַרך אין צעגליטן,
אַ בראַנד, און איר קינד איז אין מיטן —
„אָ, פלאַמען! אָ, ראַטעוועט! פלאַמען!
אָ, קינד מיין, אָן פּים און אָן מאַמען!"

איך בין ניט געווען ביי דיין זייט,
ווען טויטלעך צעשמעטערט אין הילפלאָזן שטרייט,
געוואָרפן זיך האָסטו, מאַרטירערן מיין,
פון בעטל אין פלאַקער פון פיין.
דאָס האָט נאָר געזען אַזוי האַרט, אַזוי שטיל,
פון שטיינערנעם סדום־הויז דער שטיינערנער דיל.
דאָרט ביסטו געלעגן אַליין און געברענט;
ווי לאַנג — דו האָסט ריידן שוין מער ניט געקענט!

איך האָב נאָר אין צער אין פֿאַרריקטן
אַ מאַרד־קוויטש געהערט אַ פֿאַרשטיקטן.
איך הער אים ניט אויף נאָך צו הערן
אין שלאָפֿלאָזן נאַכט־שרעק, אין שווערן.

---

6

## אין חלום

איך האָב זי אין חלום געזען.
איר באַק איז געווען אַזוי שוואַרץ;
געוואוסט האָב איך — וואָס איז געשען,
געיאָמערט אין מיר האָט דאָס האַרץ.

זי האָט זיך געטרייסלט פֿאַר קעלט,
פֿאַרהילט האָט געקלאַפּט איר געביין;
געוואוסט האָב איך וואָס זי פֿאַרשטעלט,
עס האָט מיך געשטיקט אַ געוויין.

געשטאַנען פֿאַר מיר איז זי שטיל,
פֿאַרגליווערט אַזוי און פֿאַרשטומט;
געוואוסט האָב איך דאָך וואָס זי וויל,
נאָך וואָס און פֿון וואַנען זי קומט.

אָ, שאָטן, אָ, טייערער מיין!
ווי טויטלעך אין גרוב איז די קעלט,
דאָך ווייס איך, עס קען אַמאָל זיין
נאָך קעלטער די מענטשלעכע וועלט.

אָ, שאָטן, אָ, טייערער מיין!
ווי פינצטער די גרוב איז, ווי שוואַרץ,
דאָך ווייס איך, עס קען אַמאָל זיין
נאָך שוואַרצער דאָס מענטשלעכע האַרץ.

די אויגן, וואָס דו האָסט פאַרטרויט,
באַוואַכן די טאָכטערל דיין;
איך שווער דיר ביים פיין פון דיין טויט,
אָ, שאָטן, אָ, הייליקער מיין!

ניו יאָרק, 1922.

## 7

## אין סאָבוויי

איך פֿאָר אַזוי מיר פֿון אַ שפּעטן וויזיט
אין סאָבוויי אַהיים.
פֿליט שוואַרץ פֿאַרביי פֿענצטער אַ בייזקייט און פֿליט,
עס יאָגט מיטן ווינט־שטויב אַ סקרוכיקייט מיט
פֿון גרוב און פֿון ליים.
עס הערט זיך מיר וואו אַ פֿאַרבאָרגן געוויין
אַזוי אין געהיים.
דערפֿיל איך אַן אומרו און קען ניט פֿאַרשטיין,
איך זע, אַז איך בין אין וואַגאָן דאָ אַליין,
דאָך דוכט מיר אַלץ סומנע אַזוי,
מיר זיינען דאָ צוויי.

עס שטעלט זיך אין שטילקייט דער צוג ערגעץ אָפּ,
עס שטייגט אַרויס ווער.
דערקען איך פֿון הינטן איר דיק־שוואַרצן צאָפּ,
אין צוקענדע אַקסלען פֿאַרנורעטן קאָפּ,
איר לאַסט אַזוי שווער.
זי פֿלעגט אַמאָל גיין מיטן קינד אין געוויין
צום דאָקטאָר אַהער.
וואו לאָזט זי זיך איצט אין דעם חושך אַליין ?
אָט קלינגט מען, אָט פֿאָר איך אַוועק פֿון איר שוין.
דאָך דוכט מיר אַלץ סומנע אַזוי,
מיר זיינען דאָ צוויי.

עס פליט מיטן צוג דורכן חושך און פליט
דאָס שטילע געוויין.
אַט שטעלט מען זיך אָפּ אַזוי שטום אין דער מיט,
איך קוק זיך ניט אום, דאָך איך שפּיר אירע טריט.
וואו קען זי דאָס גיין?
איז דאָ אונזער דירה די ערשטע געווען —
ווי לאַנג איז עס שוין!
דאָרט וואוינען איצט פרעמדע — צי ווייס זי ניט דען?
אַט פאָרט מען. איך קלער אַלץ: וואָס וועט זי דאָרט זען?
דאָך דוכט מיר אַלץ סומנע אַזוי,
מיר זיינען דאָ צוויי.

טוט פלוצלונג אַ טונקל אַ שאָטן־געזיכט,
ווינקט ביינִיק אַ האַנט.
אַט שטעלט מען זיך אָפּ, און עס שפּאַרט זיך געדיכט
פון וויטן אַן עולם ביי ברענענדע ליכט
און שוואַרצן געוואַנט.
מיר האָבן פון דאַנען אַמאָל זי באַגלייט
צום פינצטערן לאַנד.
אַט פליט שוין דער צוג, און איך ווייס וואו ער גייט,
עס לעשן די לאָמפּן זיך אויס אַזוי גרייט,
און סומנער אַלץ ווערט מיר אַזוי,
מיר זיינען דאָ צוויי.

ניו יאָרק, 1923.

## 8

# אונטערן רעגן

עס גייט אין טומאַן אַ פֿאַרקלײדטער
דער עלענד ביינאַכט דורך דער שטאָט,
און וואו ער באַווייזט זיך, פֿאַרשפּרייט ער
אַ טויט־אומעט שטום אין זיין טראט;
איך זע אים אין שמאַכטנדע ליכטער
מיט געל־מאַטע רעדער אַרום,
עס שפּיגלען זיך אָפּ די געזיכטער
אין אים אַזוי צוקיק און קרום.

און טרעף איך דאָ בליענדע פּרויען,
דאַן, דוכט מיר, עס בליען דאָ רויט
ביים פלאריסט אין פענצטער אין גרויען
די בלומען פֿאַרפּוצטע צום טויט.
ווי פריש נאָך זיי קוקן און שמעקן
דאָך וואַרט שוין דער מיסט־קאַן אויף זיי!
ווי וויהען די שמייכלען מיט שרעקן,
ווי טוט מיר פֿאַר זיי אַזוי וויי!

און טרעף איך אַ גבור אַ שלאַנקן,
דאַן ווינט פֿאַר רחמנות מיין האַרץ;

איך זע, ווי די האַק טוט שוין בלאַנקן
און צילט זיך אויף אים פון דער שוואַרץ.
ווי דורכקרעכצען וועט ער די קאַרבן
און ביישטיין פון העקער די העק,
ווי שווער וועט אים זיין דאָס צום שטאַרבן,
ווי וועט ער דאָס שטרייטן אין שרעק!

נאָר דו, אָ, מיין ליבע, מיין שטילע,
דו האָסט שוין דאָס דורכגעמאַכט לאַנג!
דו פילסט ניט דעם רעגן אַפילו
וואָס דרינגט צו דיר דורך אין זיין גאַנג.
דו ליגסט אונטער צודעק פון ברעטל,
אַהינטער דעם פייכט־גרויען שטיין,
געשטילט אין דיין אייביקן בעטל,
אין צייטלאָזער שוואַרצקייט, אַליין.

ניו יאָרק, 1923

9

# עס שאָטנט אין אָונט דער באַרג

(צום איין־און־צוואַנציקסטן יאָרצייט)

עס שאָטנט אין אָונט דער באַרג אַזוי שווער
און דריקט מיין געמיט,
און אויף דער ווערענדע אַהין און אַהער
אַ פלעדערמויז פליט;
זי טראָגט זיך אין קרייזן אַרום
אַ פינצטערע, שטום.

און לאַנג־שוין פאַרגעסענעם האָט זיך דערמאָנט,
אַ שיין געטאָן מיר,
אַזוי ווי עס וואָלט זיך אין נאַכט־האָריזאָנט
געעפנט אַ טיר;
עס שפיגלט זיך שטיל אַ געשטאַלט
און ליידנפול שטראַלט.

די זעלבע ווערענדע פון וויטן אַמאָל,
און מיר זאַלבעצווייט —
דער דריקנדער באַרג, דער פאַרנעבלטער טאָל,
דער אומעט צעשפּרייט;
עס דרייט זיך די פלעדערמויז שטום
אין חושך אַרום.

און גלייך ווי איך וואָלט ניט אַ לעבן זייט דאַן
שוין אָפּגעלעבט לאַנג —
עס קריכט אַזוי קאַלט אַלץ דער זעלבער טומאַן,
די נאַכט אַזוי באַנג;
עס מאַטערט אין אָפּשפּיגלונג גראָד
נאָך טיפער דער סוד.

אָ, טייערע מיין, וואָס איך הער דיין געוויין
אין חלום און וואָר!
עס איז צו דער גרויסער באַגעגעניש שוין
ניט ווייט אַזוי גאָר;
אין פינצטערניש זעט עס אויס דאָך
פיל נעענטער נאָך.

נאָרט ברענטש, קעטסקילס, 1933.

זיבעטע אָפּטיילונג

# אין די בערג



# בילדער און שטימונגען

## 1

## זון־כמאַרעס

הויך דורכן הימל דעם ריינעם
טראָגן זיך וואָלקנדלעך איבער,
ליכטיק אין גאָלד־גלי אין שיינעם,
לופטיק אין לייכטקייט און ליבער,
גלייך ווי זיי וואָלטן דערפילן
אימיצנס העכערן ווילן.

וואַרפן זיי שאָטנס אין פּאַסן
איבער די באַרגיקע זייטן;
כמורען זיך גרין און עס בלאַסן
פעלדער און וועלדער פון ווייטן;
לויפן די שאָטנס דורך שנעלער,
לויכטן די בערג אויף נאָך העלער.

וואויל־דעם, צו וועמען די געטער
טוען נאָר זון־כמאַרעס שיקן,
כדי אין אַן אויגנבליק שפּעטער
זאָל אים נאָך טיפער אנטציקן,
נאָך אַ פאַרטונקלונג אַ קליינער,
ווידער אַ הימל אַ ריינער.

1933

## 2

# אין אַ תמוז־נאַכט

די רויטע פייער־רעדער פון אַ טאָג אין בראַנד,
די ווייסע, הייסע נעבלען פון אַ נאַכט אָן לופט;
באַווייזט זיך אין קאַשמאַר אין שלאָפלאָזן אַ האַנט,
עס הויבט זיך אויף אַ פאַרהאַנג, און איך הער, מען רופט:··

„אָ, קום, אַנטלאָפענער, אַהין צוריק, אָ, קום
און טו אַ קוק אויף די פאַרבליבענע אַרום!"

און באַלד שוין רייס איך אויף די אויגן און איך זע
פון הינטער באַרג, ווי אַ מיראַזש, די ריזן־שטאָט —
אויף מיילן־ווייט אַן ענדלאָזער אויטאָ־דאַ־פע,
און אַ מיליאָנען־מענטשהייט פרעגלט זיך און בראָט.

און שמאַכטיק שלייך איך נאָך דער אויסגעשטרעקטער האַנט
צו די מיליאָנען די געבליבענע אין בראַנד.

ווי האָט מען דאָס זיי אַלעמען צונויפגעבראַכט,
צונויפגעשלעפט אַהער פון אַלע עקן וועלט,
און פאַרן מאַלאָך אין קאַשמאַרנער פייער־נאַכט
אַ פיל־מיליאָנענדיקן בראָט־אָפּפער געשטעלט!

און פון צעשמאָלצענעם אַספֿאַלט און שטיין און שטאָל
דערהער איך פֿאַרכטיק אים, דעם רופֿנדיקן קול.

קומט טיף פֿון בראָטעניש אַ כליפּענדיק געוויין
פֿון קינדער קליינינקע, וואָס הערנדיק איין מאָל,
פֿאַרגעסט מען ניט דורך לאַנגע טעג און וואָכן שוין —
און הינטערן געוויין טראָגט פֿאַרכטיק זיך דער קול:

„אָ, ווייל דו לויפֿסט אַוועק צו קילקייט, שטילקייט, רו,
טאָ שטיי און הער זיך צו, טאָ שטיי און הער זיך צו!"

.1933

---

3

## פֿליגעלעך

עס ליכטיקט אַן עפּענונג ברייט דורכן וואַלד
און וואו נאָר דאָס אויג כאַפּט, דערזעט מען זיי באַלד.

די מחנות די פּילע, די מחנות די שטילע,
וואָס טוען אין זוניקן אונטערגאַנג תּפֿילה.

געבאָרענע פֿאַר דער פֿאַרנאַכטיקער שעה,
וואָס שפּעטער אַוועיל, און זיי זיינען ניטאָ —

טאָ לעבט מען אין פּולן אין צייט אין דער קליינער,
אין שעה אין דער איינער, אין שעה אין דער שיינער,

אין שעה, ווען די זון קומט אַראָפּ אַזוי גרויס
און רויטלט דעם וואַלד פון זיין כמאַרע אַרויס.

דאַן גליען זיי אויף פאַר דער זון אויף די וועגן
און טאַנצן אין הייליקן פלאַטער אַנטקעגן.

זיי דרייען זיך אום אַזוי שטיל, אַזוי פרום,
אין פלאַקער פון גאָלד און פון פּורפּור אַרום.

אַוואו נאָר עס פאַלן די זוניקע פאַסן,
איז פול מיט מתפללים מילי־מיליאַסן.

זיי פלאַטערן אויס זייער גליאיק געבעט
אין ציטער אין צערטלעכן פון וויאָלעט.

אין פליגלען אין פינקלענדע פון פּערלמוטער,
אין פרייד אַזאַ זאנפטער, אין פרייד אַזאַ גוטער!

און פול איז מיט זון אונטער יעטווידן בוים,
און זון אויף די וועגן, און זון אין דעם רוים,

און זון אויף די מילי־מיליאַסן פון פליגלען,
וואָס טוען אין קליינקייט די זון־גרויסקייט שפּיגלען.

צעשטראַלן זיך רויטע, קריסטאָלענע ווענט,
צעדאַוונט זיך פאַרביק דער וואַלד און ער ברענט.

— און זיי, וואָס זיי שווינדן אַן אויגנבליק שפּעטער
זיי זײַנען די פֿאַרביקסטע, פֿרײדיקסטע בעטער.

זיי פֿלאַטערן פֿײערליך אום אין דער מיט,
זיי ווערן באַלד נ י ט און זיי קימערט עס ניט.

אַט לעשט זייער לעבן זיך אויס אין די פֿאַרבן,
אַט דאַוונען זיי מעריב און גייען שוין שטאַרבן.

עס טוט זייער תּפֿילה צום לעצטן אַ צאַנק,
אין פֿלאַמיקן פֿלאַטער, אין פֿלאַמיקן דאַנק:

איין פֿאַרביקע שעה אין דער זון איז געווינשטער
פֿון צענדליקער, הונדערטער יאָר אין דער פֿינצטער.

1934.

## 4

## אימאַזשיניסטישעס

לײדנשאַפטלעך אָטעמען די שמעקעדיקע גראָז
אין ערקאָטיק פון אַ הײסן טוי, אַ קראַנקן,
און דער הימל רינט מיט פאַרבן פון אַ זײפן־בלאָז,
און אַ קנויט פון זון טוט קוים אין װאָלקן צאַנקען.

זוך איך אַ צעגאַנגענער אַן אָנהאַלט װאו אומזיסט,
װי דאָס גאַנצע װעלטאַל װאָלט צערונען װערן;
ריכטיק איז דאָס װאָרט פון פילאָזאָף, אַז אַלעס פליסט,
װי עס פליסט דער שװײס אין טײכן פון מײן שטערן.

און איך זינק אַרײן אין אָװנט, װי אין סאָבמארין
פון באַװאוסטזײן מײנעם װאָלט זיך װאָס צעריסן.
נאָך אַ טאָג פון לעבן איז פאַרגאנגען אָן אַ זין! —
האַװקען אומרואיק די שפּיר־הינט פון געװיסן.

.1934

5

## דער מולד

שרייט אַרוּם די נאַכט מיט טויזנט ווילדע שטימען,
און די שטאַרקסטע בוימער קאַרטשען זיך און קרימען,
און אַ שווערער וואָלקן, ווי אַ טורעם,
פינצטערט הימל־האַלב אַנטקעגן שטורעם.

דונערט־דורך מיט האַסט אַ שטורעם אַ פאַרריקטער,
און דער שווערער וואָלקן פליט שוין אַ צעפליקטער,
בעת די בליצן האָבן קיל צעשניטן,
שלאַנגענווייז, דעם חושך דעם צעגליטן.

און די ערד ווערט גרינגער, און די פאַרכט ווערט לינדער,
וואָס די וואָלקן־שטיקער שווינדן אַלץ געשווינדער,
און עס זעט זיך הינטער זיי שוין בולט,
ווי עס רויטלט צאַרט אַרום דער מולד.

.1936

## 6

# דער רויטער אָוונט

רויטע וואָלקנס פֿליען, איינער נאָכן צווייטן,
אַלץ צום ברענענדיקן מערבֿ נאָכאַנאַנד,
ווי אַ פּיינט וואָלט פֿינצטער דאָרט אַן אָנפֿאַל גרייטן,
און מען שיקט עס האַסטיק דעם רעזערוו אין בראַנד.

דאָך אין מזרח וואו, אין פּאָזע אין איר שענסטער,
קעניגין לבֿנה שטייט אין טיפֿער נאַכט —
ביי אַ בלויען דורכבריים, גלייך ווי ביי אַ פֿענצטער,
אין אַ טיול אַ ווייסן, און זי קוקט און וואַכט.

רייסן זיך די וואָלקנס ווילד צו איר און רייסן,
טוען אויף איר פֿענצטער מחנותווייז אַ פֿלייץ,
און זי לויפֿט פֿון דורכבריים און פֿון טיול פֿון ווייסן,
און זי ווערט אַליין אַ וואָלקנדל אַ רויטס.

.1936

## 7

# נאַכט פון צוק און ציטער

נאַכט פון צוק און ציטער דורכן טוי דעם געלבן,
נאַכט פון אומרו, שמאַכטעניש און שמעטערלינגען;
פון דעם מילך־וועג אין די הימלשע געוועלבן,
ביזן מוק, וואָס פרואווט מיר אַלץ אין אויער זינגען —
אַלע צוקן מיטן ציטער מיטן זעלבן.

נאַכט פון אור־גלוסטן, פון אור־גוואַלד פון צעוועקטן,
נאַכט פון קולות פיל און דאָך פון שטילקייט גרויסער;
און צעקלינגט זי זיך מיט זשאַבעס און אינסעקטן
אין פיל־קולותדיקער לײַדנשאַפט, אין הייסער —
ווערט זי שטילער נאָך פון קלונג פון אויפגערעגטן.

נאַכט פון איינזאַמקייט — ווי פרעמד און פרעמדער קוקן
מיר די ציטערנישן די געהיימנישפולע,
און פון געלבלעכן לבנה־סערפּ דאָס צוקן,
און די קלינגענדיקע שטילקייטן, די דולע,
און דאָס פאַלק פון מאָטן, און דאָס פאַלק פון מוקן.

.1936

## 8

# אַ זומער־נאַכט־טרוים

ציטערט אַ געזאַנג אין מיין געמיט פאַרהוילן,
דורך דער כשוף־נאַכט, אין געלן טיול פאַרהאנגען,
דער געזאַנג מוסאָרגסקי'ס פון דעם באַרג דעם הוילן,
טייוולשע חלומות, ווילדע, סומנע קלאַנגען —
פון דעם באַרג דעם הוילן, פון דעם באַל דעם וואוילן.

ציטערן אין געל־באַלויכטענע טומאַנען,
אויפן ווייטן פעלד, געשפענסטיק־לייכטע בוימער,
ווי עס וואָלטן מכשפות דאָרט געשטאַנען,
ווילד־צעשויבערטע, אין וואַרטונג אין געהיימער,
אומגעדולדיק אָפּצופליען שוין פון דאַנען.

קוקט אַ געלבלעכער לבנה־סערפּ, אַ מילדער,
ווי מען פראַוועט זיי אַרויס צום שוואַרצן שבת,
ווי אַרום ווערט פול די שטילקייט מיט געפילדער,
און אַ כאָר פון גרילן, און אַ כאָר פון זשאַבעס,
און אַ צושפּיל נאָך אַ פייגלשער, אַ ווילדער.

ציטערט אַ געזאַנג מיר אויסטערליש אין האַרצן
פון דער פרייקייט פון דער ווילדער, פון דער בלאַטער —
ווי זיי גאַפן אויפן האָריזאָנט און טאַרטשן,
גרייט צו געבן באַלד אין הויכער לופט אַ פלאַטער,
הענדום־פענדום צו דעם יום טוב צו דעם שוואַרצן.

ציטערן אין מיר מוסאָרגסקי'ס מעלאָדיעז,
ווילדע, סומנע קלאַנגען, אין געמיט פאַרהוילן —
מיט די ווידעמעס כאָטש, אַבי נאָר פליען, פליען,
צו דעם באַרג דעם הוילן, צו דעם באַל דעם וואוילן,
גליען אין עקסטאַזן טייוולשע און גליען.

כאָטש צום טייוול וואו, אַבי אַוועק פון דאַנען,
פון דער נאַכט פון צויבער פון דער אָנגעהייצטער,
פון די הייסע, געל־באַלויכטענע טומאַנען,
פון געהיימנישפולקייט פון דער שוויס־פאַרפלייצטער —
העכער פון דעם שטיק־שטאָף! העכער שפּאַנען, שפּאַנען!

.1936

---

9

# פון אילוזאָרישער ווייט

## א.

## די ווייטע בערג

וועלדלעך אין זומפן פאַרגעסענע,
וועלדלעך אין בערג איינגעקלעמט,
לאַנדשאַפטן לאַנג שוין דערעסענע —
בלייבט איר מיר אַלץ אַזוי פרעמד.

זיינען דאָך גרעזל און בלימל
אייגענע אַלע — פון דאַנען;
אונטערן אייגענעם הימל
בליען זיי אויף און פאַרוויאַנען.

איך, פון דער פרעמד אַ געקומענער,
ניט אין אַ גליקלעכער שעה,
בלייב דאָך אַ ניט־צוגענומענער,
בלייב דאָך אַ זייטיקער דאָ.

וואָלט איך, ווי גרעזל און בלימל,
וואויל, ווען די צייט קומט, פאַרוויאַנען,
אונטער אַ היימישן הימל —
דאָרט, וואו מיין וויג איז געשטאַנען!

וואָלט איך די באַרג־שיינקייט אייערע
אָפּגעבן נאָר פאַר איין בליק —
זען מיינע פלאַכן די טייערע,
זען מיין געבורט־שטאָט צוריק!

ב.

## היים מיין, דו גרויסע געפענגעניש

דאָרט, וואו מיין וויג איז געשטאַנען,
ווייט, אויפן צפון דעם ליבן,
אונטער די הימל־טומאַנען,
איז מיין נשמה געבליבן.

לאַנד מיין, אָ, גרויסע געפענגעניש!
ווייס איך דיין ווייטקייט און וויי;
ציט מיך צו דיר דאָך אין בענקעניש
צענדליקער יאָרן אַזוי.

לויפן פון לעבן פון מאַטן
צו עקזאַלטירטקייט צו יונגער;
לויפן פון גלאַטן און זאַטן
צו דעם פאַרווילדערטן הונגער.

קומען, אַ זון אַ דערוויטערטער,
ווידער צום היימישן ליים,
ווערן צוריק אַ געליטערטער,
ליידן די לייד דיינע, היים.

וואָלט איך צוריק נאָך אין לעבן
זען דיינע וועלדער זיך הוידען,
פעד־לופט אַן אָטעם געגעבן,
הערן די סאָסנעס זיך סודען.

רחבות אַלץ זען און געפענגעניש —
הייליקן זיך אין דיין פּיין;
צענדליקער יאָרן פון בענקעניש
וועלן מכפּר שוין זיין.

קאַמישא, נ. י., 1932.

## 10

# וויאַנען

עס זײַנען פֿאַראַנען
פֿאַרשיידענע פֿאַרבן פֿון וויאַנען —
געל־העל און געל־ראָזיק, און אָראַנזש און רויט,
און אַלע באַדײַטן זיי טויט.

דאָך פֿוילן איז ברענען,
און וואָלט איך נאָר אויסקלײַבן קענען,
טאָ וואָלט איך גענומען די פֿאַרב פֿאַרן טויט
דעם פֿלאַמיקסטן פֿלאַקער פֿון רויט.

אין הערבסט־נעכט צו פֿלאַמען,
מיט פֿראָסט אויף די בלעטלעך און שטאַמען,
און טויט נאָר אַן אָטעם די גאָלדענע זון,
צעשמעלצן זיך פּערל דערפֿון.

ווי גוט איז צו שטאַרבן
אַזוי מיט די פֿלאַמיקע פֿאַרבן —
אין גאָלד און אין זילבער און פּערל צו שטיין,
און זײַן אין דעם טויט אַזוי שיין.

ניו יאָרק, 1935.

## 11

# איוב אין די קעטסקילס

ניט אין לאַנד פון עוץ, אין מדבר אין צעברענטן,
האָבן מיר אין אומגליק אים דערוויסט —
ניט פון שווערד פון שבא און כשדים אַ פאַרלענדטן,
ניט פון הימל־פייערן פאַרוויסט.
און געהעזן איז ער ניט פון קרעץ צעעסן,
און זיין הויט פון אייטער ניט צעפּלאַצט,
און אין אַש אַ הוילער איז ער ניט געזעסן
און זיין לייב מיט שערבלעך ניט געקראַצט.

דאָך געפילט זיך האָט ער עלענדער אַ סך,
איידער אויך אַפילו איוב פון תנ״ך.

האָבן מיר דאָ אונזער וויסטן פריינט געפונען
צווישן סאָסנעס, אין אַ באַרג־האָטעל,
וואו עס האָט דער זומער לייכטע טעג געשפּונען —
בלומען־אויגיק, דופטיק, ליב און העל;
וואו אין זוד־קאָליר, אין ברוינעם, אין געזונטן,
שטעלן מענטשן מונטערער די טריט,
און די הימלען אויבן און די ערד פון אונטן
שמייכלען מונטער מיט די מענטשן מיט.

דאָך פון ערגעץ האָט אַ טראָג געטאָן אַ ווינט
און אַוועקגעטראָגן זיין באַליבסטע קינד.

און אין לופט איז בליציק אַ געדויש געשטאַנען
פון די שטרעקעס־שלינגנדיקע קאַרס,
און געפינטלט האָבן הויך־וואו עראָפּלאַנען —
הויך און העכער, נעענטער צו מארס.
און אַרום האָט לוקסוס אַלץ דאָס אויג געשטאָכן,
אַלץ טריאומפן פון דערפינדעריי —
וואונדערלעכער אויפטו, מענטשלעכער נצחון
איבער אָט־די ווילדע בערג דערביי.

דאָך אין טאָג פון בראָך איז אַלץ געווען אָן נוץ,
גלייך ווי וואוינען וואָלט ער וואו אין לאַנד פון עוץ.

זיצט ער, אַ פאַרצאָגטער, אין די צאַרטע שיינען,
קוקט, ווי איוב, אַלץ צום ווייטן בלאָ;
דאָך ער האָט ניט דאָרט מיט וועמען איינצוטענהן,
ווייל, לויט אים, איז קיינער דאָרט ניטאָ.
נעמט ער זיך, ווי איוב, זיין געבורט פאַרשילטן,
ווייס ער דאָך, אַז קיינער הערט אים ניט;
זוכט ער אַלץ דעם סוד דעם שטראַלנדיק פאַרהילטן,
און ער זעט די נאַכט פון זיין געמיט.

הענגט ער אין אַ פוסטקייט מיט זיין גרויסן בראָך —
אויסער זיך, מיט קיינעם ניט פאַרבונדן דאָך.

רייסט ניט אויף קיין הימלען קעגן אים דער שטן,
און עס האָט קיין גאָט אים ניט געפּרואווט;
ווי אַ וואָרעם האָט מען פּשוט אים צעטראָטן,
ווי אַ שטויב, וואָס ווערט פאַרווייהט אין לופט.
שעפּט ער ניט קיין מוט אין צאָרן אין געדעכטן,
ווייל ער טראָגט אויף קיינעם ניט קיין האַרץ;

איז קיין פראַגע ניט פון גוטן און פון שלעכטן —
אַלע זיינען אויסגעגליכט אין שוואַרץ.

זעען מיר, די פריינט, דעם אָפּגרונט פון זיין גרויל,
קענען מיר שוין אויך ניט עפענען קיין מויל.

ווי ער קאָרטשעט זיך, פאַרשטומט אין די יסורים,
און פאַרשווערונג זיינען נאָר די רייד —
וועט דאָך אים קיין גאָט, ווי איובן, דורך שטורעם
שוין ניט געבן ענטפער און באַשייד.
טוט די שטומקייט שווערער, פיינלעכער פאַרכאַפּן,
איידער יעדער ווייררוף אין דער וויסט,
ווי מיר שווייגן אַלע, און די הערצער קלאַפּן
אין דער טיר פון אייביקייט אומזיסט.

שטומען מיר, די פריינט, אין וויטיק, וואָס איז גרויס,
וואָס פון גאָרנישט איז ניטאָ קיין גאַנג אַרויס.

פּוירנדייל, נ. י., 1935

12

# איך וואַרט ניט מער

איך וואַרט ניט מער שוין אויף קיין ענטפער ענדלעך,
איך ליג און האַלט מיט דער לבנה וואך;
עס ווערט מיר דורך דער לאַנגער נאַכט פאַרשטענדלעך,
אַז ערגעץ פירט ער ניט, דער ברייטער שליאַך.

אַ טרייסלען יעדע ווילע זיך די פענצטער,
עס לאָזט דורך וואַלד און באַרג אַ צוג זיך שווער;
אַ שאָטענען וואַגאָנען, ווי געשפּענסטער,
איך הער דעם רויש און ווייס ניט — גאָרנישט מער.

און איז פאַרבאָרגן ערגעץ אַ כּונה?
און נאָך דער רייזע וואָס־זשע וועט געשען?
דאָס איז די אַנדער זייט פון דער לבנה,
וואָס קיינער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען.

1935.

## 15

# א ו מ ע ט

אַ שטיקנדער אומעט. איך נעם זיך צונויף,
פון זיך וואו אַנטרונען צו ווערן.
עס טראָגט מיך פון הויז אין דער נאַכט, און איך לויף
אַריין אין איר חושך איר שווערן.

זי שטייט איבער מיר אַזוי נידעריק־דיק,
אַ סומנע, אַ הייסע, אַ נאַסע ;
די ערד און דער הימל — איין פינצטערע שטיק,
איין שווערע, איין שטיקנדע מאַסע.

איך לויף, און עס לויפט מיט מיר מיט אַ געוויין,
אין שוואַרצקייט אין הייסער באַהאַלטן ;
צי וויינט עס אַ פרעמדער, צי איך עס אַליין ?
עס שלאָגט מיט אַ שוויים מיט אַ קאַלטן.

מאנטיסעלאָ, נ. י., 1937.

13

## שרייַען שוואַרצע קראָען

שרייַען שוואַרצע קראָען פֿון טומאַן פֿון גראָען,
צווישן רויטע בוימער, אין די פֿריע שעה'ן.

ווי צום מאָרגנשטערן קוקט דער וואַלד אַ שטומער,
אַ פֿאַרלאָזענער פֿון פֿויגל־כאָרן לאַנג,
און עס פֿליען ערגעץ צו אַן אַנדער זומער,
ווייַטע־ווייַטע שוין, די טעכטער פֿון געזאַנג.
וואַך איך שטום אַזוי און קוק צום מאָרגנשטערן,
וואָס ער טרינקט זיך וואו אין וואָלקנס, וויסט, פֿאַרצאָגט,
און איך הער זייַן אָנזאָג פֿון אַ טאָג אַ שווערן,
פֿון מיליאָסן טויטן, וואָס דער הערבסט־ווינט טראָגט.

שרייַען שוואַרצע קראָען סומנעדיק פֿאַר שעה'ן,
דורכן וואַלד דעם שטומען, אין טומאַן אין גראָען.

ווי עס גליווערן די ווינטיקע פֿאַרטאָגן,
שוין אָן גרינעם ציטער, אין באַגולטן רויט,
און די צווייַגן קלאַפּן, און די בלעטער קלאָגן,
און זיי פֿאַלן, פֿאַלן, קלאָגנדיק, צום טויט.
פֿרירן גראָ אַזוי אין מיין געמיט טומאַנען
און דער קרעכץ פֿון וואַלד קלינגט געל אין האַרץ מיר אָפּ,
און די שענסטע טרוימען מייַנע וויאַנען, וויאַנען,
און זיי פֿאַלן טויטע, וויאַנענדיק, אַראָפּ.

שרייען שוואַרצע קראָען, און די ווינטן וואָיען,
רייסנדיק די בוימער אין טומאַן אין גראָען.

ווי מיין טאָג גייט אויף אין שוואַרצע קראָ־געשרייען,
נעמט מיך דורך דער סקרוך פון פראָסט־באַדעקטן וואַלד,
וואו אין גאָלד פון הערבסט פאַרגליווערט בוימער שטייען,
און אין גרויס רציחה פליקט מען אָפּ זיי באַלד.
קלאַפּן, ווי סקעלעטן, טרוקן־ווייס מיר צווייגן,
ווייגען מיר אין ווירוואַר בלעטלעך רווישיק־רויט,
און צום בליי פון הימל טוט דער יאָמער שטייגן
פון אַ וועלט מיט פאַרבן, אויסגעפּוצט אין טויט.

קאלד ספרינג ראוד, מאנטיסעלא, נ. י., 1936.

## 14

# אינדיאַנער זומער

אַ הייסער נאָכמיטאָג. עס שווימען אין הימל
פון וואָלקנדלעך ווייסע צעשמאָלצענע שטיקער,
און היי, פריש געקאָשעט, און גרעזל און בלימל
און יונגינקע יאָלקעס צעשמעקן זיך שכור.
און וואו נאָר די בליקן די שמאַכטיקע פאַלן,
אַלץ פלאַטערן פרישע און פאַרביקע פליגלען:
אַ שמעטערלינג בליאַשקעט אום גרין אין די שטראַלן,
אַ שפין־געוועב טוט פערלמוטערדיק שפיגלען,
און גלאַנציקע זשוקעס אין גראָז־טוי געבאָדן,
און גאָלדענע בינען מיט האָניק געלאָדן,
און גליאיקע פעלזן, און פעד־דופט געדיכטער,
און פרוכטן און ליכטער און פרוכטן און ליכטער.

דער אויפשפיל פון כוחות, דער לעצטער, צערייצטער,
פון רויטער, פון צייטיקער זאַפט אַ פאַרפלייצטער.

און ווערט עס דער יום טוב פון שפע און ליכט
געפייערט פון אַלעמען פריידיק אַזוי,
גיט פלוצלונג פון ערגעץ אַ פאַטש אין געזיכט
אַ פייכטער און פייפנדער ווינט אַזוי רוי.
און וויסט ווערט און פוסט וואו מען טוט נאָר אַ קוק,
אַזוי ווי עס וואָלט זיך צעאָטעמען פויל,
אויף מענטש און אויף מאָט און אויף בין און אויף זשוק,
אַ ברייט אויפגעעפנטער ריזיקער מויל.
עס ווערט קאַלאַמוטנע אַרום. עס דערמאָנט

איך באַלד דער פאַרצאָרנטער הערבסט־האָריזאָנט
אָן ביטערן דאַטום — צי ווילט איר, צי ניט,
עס האָט שוין דער זומער פון לעבן פאַרבליט.

דער לעצט־לעצטער אויפפלאַם אין בייזן געשיק —
אַ הוליע געגעבן, און האַידאַ צוריק!

עס געלט דורך דער וועלט דער פאַרוויאַנעטער זומער,
עס קריכן אין האַרצן די פוילע טומאַנען;
אָט קומט מיט דער קעלט מיט דער גרויסער דער קומער,
איר טראָגט זיך אין פחד וואוהין־וואו פון דאַנען,
און טויזנט באַגלייטנדע הערבסט־ווינטן ברומען:
אָט טוט ער, דער קומער, שוין קומען, שוין קומען.

איך גיי אים אַנטקעגן, דעם וויסטן מחבל,
און בין אים מיט מיינע געזאַנגען מקבל.

קאלד ספרינג ראוד, מאנטיסעלא, 1936.

# באַרג־איִדן

## 1

### זעאונגען

אויף די שפּיצן בערג, ווי אויף רעסאָרן,
ליגט אַ וואָלקן, ווי אַ מתים־אָרון.

און דער באַלעבאָס אין צער אין שווערן
זיפצט צום וואָלקן פון האָטעל פון לערן;
וויינט זיין אבל־בליק אין אויג אין רויטן,
ווי ער קוקט אויף זיין געשעפט דעם טויטן.

און אַ וועקסל, וואָס איז פעליק, פלאַטערט
אים אין יעדער כמאַרע, און אים מאַטערט
דער באַנקראָט, וואָס קומט: שוין אויס! געפּטרט!

נעמט דער ווינט זיך קייקלען הויך און העכער
איבער דעם האָטעלס פאַרפוילטע דעכער;
און ער לאַכט אַרונטער אין שגעון,
און ער טוט אין טרייסט אין ווילדן וואָיען:

וועלכער ווינטער שוטה וועט זיך קוואַפּען,
ביים פּראָצענטניק דיין מציאה כאַפּן!

קאמישא, נ. י., 1932.

2

## דער רעגנבויגן

דער האַלבער קרייז פֿון רעגנבויגן לייגט זיך שײַניק,
ווי אַ טריאומף־טויער, אַריבער צוויי האָטעלן;
איין עק שפּאַרט אָן אויף דעם „האָטעל פֿון זיבן תּענוג",
דער צווייטער עק — אויף דעם „האָטעל פֿון זיסע טרעלן".

און דורכן טויער יאָגן וואָלקנדלעך און יאָגן,
און מיט געפֿילדער לויפֿן זומער־רעגנס פֿריילעך,
און ביי די זייטן פֿידלט מען און זאָגערס זאָגן,
און אידן זיצן ביי אַ טיש כּיד המלך.

און ווען דער שוואַרצער קו־קלוקס וואָלקן דונערט פֿינצטער,
לאַכט רויט אים אויס די זון דורך שפּעלטעלעך דורך בלאָע:
כּל־זמן עס איז נאָך ניט פֿאַרמאַכט דער שפּאַלט דער דינסטער,
כּל־זמן אין חושך שפּילט דער אָפּשטראַל נאָך דער מינדסטער,
וועט האָבן אַלץ נאָך אין האָטעל דער איד הנאה.

.1932

3

## בײַם זון־פֿאַרגאַנג

עס גייט מיט זיין עולם אַ פּאָשל־דירעקטאָר —
פּאָרויס, ווי אַ באָק פֿאַר דער סטאַדע ;
אַ רווישיקער עולם, אַ העכסט אויפֿגערעגטער,
וואָס לאָזט זיך נאָך אייז־קרים אודאי.

אַלץ מיידלעך אין לאַנגע און העסלעכע הויזן,
וואָס פּיפּקען און שפּייען און שמייען,
און אַלע געשמינקטע, געמאָלטע, ווי רויזן,
און יעדע טוט שרייען פֿאַר דרייען.

און אָט ווי זיי גייען אַזוי און זיי האַלטן,
אין ליפּלעך פֿול פֿאַרב, פּאַפּיראָסן,
האָט איבער זיי הויך אין פֿאַרגאַנג אין צעשטראַלטן
אַן אויסשטעלונג גרויס זיך צעגאָסן.

אַ גאַנצע וואלהאלא פֿון העלדן און דאַמען !
און טויערן לויכטן אין רויטן,
דורך וועלכע עס טוען וואלקירן אין פֿלאַמען
די ריזן אין הימל באַגלייטן .

אָ, וואָלט זיך אַ קינסטלער אַ גרויסער באַוויזן,
צו מאָלן די הימל־קאָלירן —
דעם פלאַם פון די פורפורנע רעק פון די ריזן,
די פייער־פערד פון די וואַלקירן!

דאָך נעמט אַ קליין ווינטל אין לופט אין דער הייסער
די גאַנצע וואָלהאַלאַ צעטרייבן,
און באַלד וועט אין אָוונט פון זעאונג פון גרויסער
קיין סימן אפילו ניט בלייבן.

עס וועלן נאָר בלייבן די מיידלעך אין הייזן,
וואָס פיפקען און שפּייען און שמייען,
און אַלע געמאָלטע, געשמינקטע, ווי רויזן,
און יעדע טוט שרייען פאַר דרייען.

.1932

## 4

# פנימלעך

איך האָב זיי געזען — מיט די פרומע געזיכטער
פון דורות פון מאַמעס אָן ענד,
וואָס האָבן, ווי פרייטיק־צו־נאַכטיקע ליכטער,
אין קדושה געברענט.

דאָך בריקען זיי הפקר שוין לאַנג אַלע צאַמען;
זיי זינדיקן אָפּ פאַר איין וועג
אַפילו שוין אויך פאַר דער אור־אַלטער מאַמען
פון אור־אַלטע טעג.

די מינע פון תחינה איז אָבער געבליבן,
ווי אַלץ וואָלט געטאָן געוועזן נאָר,
אַזוי ווי אַמאָל, פאַר „זיין נאָמען דעם ליבן״ —
צדקניות הדור,
צו אַל־די־שוואַרץ־יאָר!

1933.

5

## וויק-ענד

צעטראָגן זיך הינטערן וואַלד
די רויכן און פּייפן פון באַנען.
און אָט שוין באַווייזן זיך באַלד
און שפּאַנען מיט די טשעמאָדאַנען
די בלייכע, סוף־וואָכיקע מאַנען.

עס וואַרט שוין אַ חברה ביים וועג,
באַשיידן אין שאַלן פּאַרטוליעט —
די ווייבלעך, וואָס האָבן פינף טעג,
ווי קעלבלעך צעשטאָפּטע, געהוליעט ;
איצט קוועטשט אין נשמה און מוליעט.

איצט זיצן זיי שטילינקערהייט,
שוין גאַנץ קאַלעמוטנע, אין מאַסקעס
פון צנועות, וואָס וואַרטן עס גרייט
אויף זייערע מאַנען מיט לאַסקעס ;
זיי גלאָצן אַראָפּ ווי מאָנאַשקעס.

די דינער, די יונגינקע לייט,
די סאַרווער, די פידלער, די פּייפער,
זיי האַלטן זיך שוין פון דער ווייט
און טרעטן אַליין מענלעכער, שטייפער ;
זיי ווערן פון אייפערזוכט רייפער.

אַט קומט ער, דער מאַך־קאַראַוואַן,
און ברוין, מיט אַ בליק אַ צעשטראַלטן,
טוט באַלד יעדע ווייבל אַ שפּאַן
און כאַפּט זיך אַרום מיט איר אַלטן,
וואָס טוט זי אויף פּאַשע דאָ האַלטן.

די דינער, די יונגינקע לייט,
זיי שיסן מיט שטעכיקע בליקן,
און אַלע אַרום פון דער זייט
געלעכטערלעך שעלמישע שטיקן;
עס טוט יעדער ווינקל כיכיקען.

דאָך איידער מען קוקט זיך נאָר אום,
און שוין ביי אַ קערטל צעהיצטע,
זיי זיצן, די מאַנען, אַרום,
און וואַרפן מיט ווערטלעך פאַרשפּיצטע,
און גלאַנצן מיט פליכעס פאַרשוויצטע.

דאַן פּאַקן די יונגען שוין וואו
די ווייבלעך אַהינטער די טירן;
זיי פאַלן, ווי דאָרשטיקע צו,
די לוסטיקע, ליבע וואַמפּירן;
זיי ווילן מיט אַלץ ריזיקירן.

און אונטערן נאָז זיצן „סמארט"
אין ניקערס די מאַנען פון גלויבן,
און האַקן די קאָרט מיט אזארט,
און טרייסלען די הערנער געהויבן
אַריבער די פליכעס פון אויבן.

טרעפּט — ווער פֿון די יונגינקע לייט
צעלאָזט זיך שוין גאָר אַ צעגליטער
און קריכט פֿון די כלים פֿאַרשייט,
דערפֿילט זיך זיין ווייבל גאַנץ ביטער,
זי כאַפּט שוין אין ערנסט אַ ציטער.

זי בעט זיך מיט בליקן פֿון שולד
ביים בהורל אירן ביים האַרטן:
אָ, ליבינקער, האָב־זשע געדולד!
דו מוזט מיטן אימפּעט דעם צאַרטן
ביז איבערן וויק־ענד שוין וואַרטן.

.1932

6

## צוויי פֿאָרלעך

ער איז שוין לאַנג פֿאַר איר אַ דורכגעלייענט בוך,
וואָס האָט מיט לאַנגווייל אַלץ און האָט;
און זי פֿאַר אים איז לאַנג אַ מוליענדיקער שוך,
וואָס האָט אין ווייטיק אים פֿאַרפּאַקט.
דאָך האַלטן זיך די זקנים נאָכאַנאַנד צוזאַמען,
די עקשנטע, דער עקשן,
ווי אויפֿן באַרג די צוויי פֿאַרדאַרטע בוימער־שטאַמען,
אַזוי צונויפֿגעוואַקסן.

און אַמאָל לאָזן ביידע זיך צום באַרג אַהין,
צו די פֿאַרדאַרטע שטאַמען צוויי;
אַ וועלדל רוישט זיי יונג, און בוימער ברענען גרין
און האָפֿערדיק אַנטקעגן זיי;
דערזעען זיי די שטאַמען־פּאָר באַהעפֿט אין טרויער
און קוקן לאַנג זיך איבער;
און איינער זיפֿצט צום צווייטן זיס אַזוי און זויער:
מיין ליבינקע! מיין ליבער!

און אַלע בוימלעך הודיען פֿולע, פֿריידיקע,
מיט יעדן בלאַט צעציטערטער;

און נאָר די בײדע שטאַמען שטומען לײדיקע,
אין װיסטקײט און פֿאַרביטערטער —
אָט װי אַ יונגע חבֿרה װאָלט אַרום געהוליעט,
און זײ, די זקנים, טרוקן,
פֿאַרבלײבן אָן אַ זײט, אַזױ צונױפֿגעטוליעט,
און אַלץ זײ קוקן, קוקן.

זײ שטײען, פּאָר אַנטקעגן פּאָר, אין יונגן װאַלד,
מיט זײער זומערדיקן װײ,
און חלומען פֿון װינטער, װאָס ער קומט דאָך באַלד,
אין װײסן װאַונדער פֿון זײן שנײ —
אַ טרױם אַן אײביקער אין װעלט אין דער צעגרינטער,
װי אַלץ װערט אױסגעגליכן
אין טרױעריקן פּוך פֿון שװײַגנדיקן װינטער,
אין װײסן, װאַונדערליכן.

אָט שטעלן זײ זיך פֿאָר, װי יעדער בױם אין שנײ
װעט זײבער־װײס זײן אָנגעקלײדט,
און דעמאָלט װאָלטן שױן די װיסטע שטאַמען צװײ
פֿון קײנעם זיך ניט אונטערשײדט —
װי פֿלוצלונג אין האָטעל, אַ שטײגער, װאָלט גרױסאַרטיק
געטראָפֿן זיך אַ מעשׂה,
און אַלע, פּראַנט און פֿלעפּער, װאָלטן פּיקס און פֿאַרטיק
באַקומען הערלעך װײסע.

און װי זײ טראַכטן, טרױמען, פּאָר אַנטקעגן פּאָר,
פֿון אַ פֿאַרשנײטן װײסן װאַלד
און אַ האָטעל אַ גאַנצן פֿול מיט שיװע האָר,
האָט חבֿרה אױסגעשפּירט זײ באַלד;

אַט האָבן זיך געלעכטערס יוגנטלעך צעקלונגען,
אַט לאָזן טריט זיך הערן,
און ביידע זקנים ציען אָפּ פון שפּאַט פון יונגן,
אין ברוגז אין אַ שווערן.

זיי נידערן אין טאָל אַראָפּ און שמייכלען קרום:
עס איז, דער ווינטער־לעב, נאָך ווייט,
און זומער זינגט דערווייל און גרינט געדיכט אַרום,
און זיי, די קוקער פון דער זייט —
זיי מוזן בלייבן אין דער זומער־וועלט צוזאַמען,
די עקשנטע, דער עקשן,
ווי אויבן אויפן באַרג די צוויי פאַרדאַרטע שטאַמען,
אַזוי צונויפגעוואַקסן.

.1935

## 7

# אַ מעשה

### א.

איז לינע אַ יאָדערדיק ווייבל, אַ גאָלד,
וואָס האָט נאָר איר מאַן איר געזעצלעכן האָלט.

טאָ גייט זי אין שאַפּ און באַזאָרגט אים פֿון בעסטן,
ער זאָל מיט דער מוזע די כּוחות זיך מעסטן.

דער כּבֿוד וועט קומען! זי גלויבט אין דעם צאַרט;
זי קוקט אויף זיין ליולקע און שטעקן און וואַרט.

איז צאָלט זי די חבֿרות, זיי זאָלן אים דרוקן:
עס זאָלן מיט קנאה די חבֿרטעס קוקן.

זי צאָלט אַזוי גערן צו זען אים אַ לייט,
צו שטראַלן אין רויך פֿון קאַפּע ביי זיין זייט.

אָט שטייגט ער שוין הויך אויף די דיכטערשע שטופּן;
אַ קריטיקער האָט אים „בונטאַר" שוין גערופֿן.

בונטאַר־ניט־בונטאַר, אָבער זיכער אַ כוואַט,
וואָס זינגט וועגן כּלל און פֿאַרגעסט ניט אָן פּרט.

זיין גוסט איז גראָד מוזעס פֿון קיך, ניט פֿון פֿעדער;
ער ווייס וואָס עס קאָכט זיך אין טעפּל ביי יעדער.

און אויב ער איז הילפלאָז אין פּערז און אין זין,
דערפֿאַר איז ער שטאַרק מיטן ווייבערשן מין.

עס האַלט נאָר ביינאַכט אויף אים לינע איר אויגל;
און זיצט זי אין שאַפֿ, איז ער פֿריי, ווי אַ פֿויגל.

איז לעבט ער זיך ברייט אויפֿן פּעטס פֿון דער ערד
און ווערט דורכן ווינטער פֿון מוזעס פֿאַרצערט.

ב.

טאָ שיקט אים זיין לינע, אין טרייקייט אין פֿרומער,
אַוועק אין די בערג זיך צו פּיטערן זומער.

דער באָס פֿון האָטעל מיטן חוש אַזוי שאַרף
דערשפּירט אין אים גלייך שוין דעם יונג, וואָס מ'דאַרף.

ווערט באַלד אונזער העלד פֿון די חשובסטע קרעפֿטן,
וואָס זיינען אַן אנרעגונג פֿאַר די געשעפֿטן.

דער באָס פֿון האָטעל, וואָס זיין אויג קרימט זיך לינק,
און רויט איז זיין ליפּ, און זיין פּנים איז פּינק —

ער האַסט פּרינציפּיעל בורזשואַזע העוויות;
ניטאָ אפּוטרופּסות ביי אים אויף עריות!

טאָ שאַפֿט אונזער העלד אין האָטעל אַ האַרעב;
ער איז דאָך שוין איינמאָל אַ מאדים אויף דעם.

ברונעטקעס, בלאָנדינקעס, פון אַלערליי מינים —
אַלץ אהבת חינם! אַלץ אַהבת חינם!

ער גייט, ווי אַ האָן צווישן הינער, און קרייט —
דער קאַם אַזוי רויט, אַזוי רויט, אַזוי רויט!

און קלייבן זיך ליבעס אַלץ נייע און קלייבן,
פאַרגעסט ער שוין לינען אַפילו צו שרייבן.

וואַרט לינע מיט אומרו, וואַרט לינע מיט שרעק
און לאָזט זיך צו איס אין האָטעל שוין אַוועק.

האָט באַלד, ווי אַ קעסל, דאָרט קאָכן גענומען:
דאָס ווייב דאָס געזעצלעכע זיינס איז געקומען!

ג.

און באַלד איז שוין גרייט אַ סטראַטעגישער פּלאַן;
און שטיל, ווי אויף שפּיצפקעס, נעמט אומגיין דער מאַן.

ער טוט אַזאַ צניעותדיק פּנימל שטעלן —
נאָר פאַותלעך פעלן, נאָר פאותלעך פעלן!

ער קוקט בלויז אויף מאַנזביל און לינען אַליין;
די דאַמעלעך זיינע דערקענט ער ניט שוין.

ער מאַכט פון די ליבסטע זיך גאָר כלא ידע,
ביז וואַנען מען שטעלט זיי איס פּאָר, ווי די מאָדע.

צעטראָגט זיך דער וויץ, ווי אַ בליץ, אין האָטעל,
און פֿאָרשטעלן פֿירט מען זיי אים אויפֿן שטעל —

דעם גאַנצן הארעם, יעדע איינע באַזונדער;
דער גאַנצער האָטעל לויפֿט צונויף אויפֿן וואונדער.

און לינע קלייבט נחת: זי איז פֿון וועג מאַט,
דאָך קוקט זי און קוקט, און זי ווערט גאָר ניט זאַט.

זי זעט, ווי מען פֿירט רק צו אים די פֿאַרערער;
זי משובעט זיך אוים פֿון איר מידקייט איר שווערער.

זי פֿילט אַזאַ גדולה — אָ, וואָלטן זיי זען
אַט דאָרט אין קאַפֿע, וואָס עס קען נאָר געשען!

און העכער און פֿרעכער, אין היץ אין פֿאַרשייטער,
די חברה גייט אָן מיט דער פֿאָרשטעלונג ווייטער.

מען פֿירט די פֿאַרערער רק צו און רק צו
ווען זי, אַ פֿאַרהאָרעוועט ווייב, וויל שוין רו.

ד.

און אומרואיק ווערט שוין דער מאַן פֿון ספּעקטאַקל:
עס קען נאָך גאַנץ טרויעריק זיין דער סך הכל!

און אומרואיק ווערט שוין אַליין אויך דער באָס:
ווער ווייס, ווי פֿאַרענדיקן ווערט זיך נאָך דאָס!

אָט רוישט אַרום לינען, אָט קייכט מען פון לאַכן;
אָט וויל שוין ויברה דער מאַן מיט איר מאַכן.

צעשטעלט זיך די חברה פאַר זיי, ווי אַ וואַנט,
און פלעסקעט צעיושעט די הענט נאָכאַנאַנד.

עס פלאַצן געלעכטערס אַלץ ווילדער און פלאַצן,
און לינע הויבט אָן די פאַטילניצע קראַצן.

זי זשמורעט די אויגן, זי טראַכט אַזוי שווער,
דאָך פילט זי, אַז עפעס איז דאָ שוין דער מער.

אָט נעמט דער בונטאַר שוין זיך טרייסלען כסדר,
אַזוי ווי אַמאָל פאַרן קאַנטשיק אין חדר.

ווען לינע טוט פלוצלונג אַ שאָס מיט אַ גוואַלד:
אַהיים זאָל מען פאָרן! און טאַקע שוין באַלד!

און פאַרטיק! זי פליט שוין מיט איר תנא ברא;
און חברה, זי פלעסקעט און מאַכט זיי אַ וואַרע.

און אָ, ניט געדאַכט זאָל עס זיין, וויפיל צער
עס וויהט פון צעשראָקן געזיכט פון בונטאַר!

ניט העלפן שוין ווען כאָטש פעק מיט געדיכטן —
ער מעג שוין זיך ריכטן! ער מעג שוין זיך ריכטן!

1933.

## 8

# דער אָוונט־גלאָק

*Those evening bells! Those evening bells!*
*How many a tale their music tells.*

—Thomas Moore

Вечерный звон, вечерный звон,
Как много дум наводит он!

**А. А. Козлов**

דער אָוונט־גלאָק, דער אָוונט־גלאָק!
ווי לאַנגזאַם קלינגט דורך יעדן שטאָק,
און טראָגט זיך פֿון האָטעל און קריכט,
דורך פֿעלד און וואַלד, אין שקיעה־ליכט.
ווי ווער וואָלט רויט אין קלאַנג באַגלייט
אַ טאָג פֿון לעבן, וואָס פֿאַרגייט.
און הענדום־פּענדום, אויפֿן שטעל,
ווערט אויסגעליידיקט דער האָטעל.
דער עולם גייט צערעמאָניאַל,
אין אָוונט־שטראַל, צום מאָלצייט־זאַל —
צום רוף פֿון גוף, צום דינסט פֿון בויך,
אין אָפּגלאַנץ ווי פֿון פֿיינסטער יויך.
און וויפֿיל טעמים וועקט דער קלאַנג,
אַזש סליונע רינט שוין אויפֿן גאַנג.
פֿאַרפֿיום און שווייס, פֿאַרפֿיום און שווייס,
און מאַנזביל מאַכן פֿאַסן לויז,
און ווייבער שנורעווען זיך אָפּ,
און אַלע האָבן איינס אין קאָפּ:

אַ, װעלכע איבערראַשונג נאָך
װעט האָבן צוגעגרייט דער קאָך!

דער אָוונט־גלאָק, דער אָוונט־גלאָק!
און ערגעץ, איינזאַם אויף אַ שטאָק,
אַ דאַמע זיצט אין זון־פאַרגאַנג
און הערט דעם רופנדיקן קלאַנג.
זי קלייבט און קלייבט אין זאַל זיך אַלץ,
דאָך נעמען מוז זי ביטער־זאַלץ!
אָט קלינגט געשיר, אָט רימפּלט דזשעז,
דאָך פילט זי גאָר־שוין ניט גראַציעז.
אָט הירזשעט מען פון זאָגער שוין,
דאָך זי פאַרבלייבט אין צער אַליין.
און נאָך אַזאַ אַן איינזאַמער
דערהערט דעם גלאָק און סאָפּעט שווער,
און טרינקט מאַגנעזיע אויס אַ פלאַש,
און בינדט פאַנאַנדער ברייט דעם פאַס,
און טוט געוואַגט אין זאַל אַ גיי,
מסירת נפשדיק אַזוי,
און זעצט זיך צו צום מאָלצייט זאַכט,
אַזוי פאַרטיפט, אַזוי פאַרטראַכט:
אָ, װעלכע איבעררעשונג נאָך,
װעט האָבן צוגעגרייט דער קאָך!

דער אָוונט־גלאָק, דער אָוונט־גלאָק!
דערהערט אַ תכשיט, אַ בנ׳אָק,
אין אָטאָ וויַיט, דעם רוף און פליט —
אַ, לויפט פון וועג! אַ, גאָט באַהיט!
ער וועט צעטמיתן אַ וועלט,
אַבי דעם פאַרשפּייז ניט פאַרפעלט!

און טאַטע־מאַמע הינטער אים,
זיי ברומען ביידע מיט איין שטים;
עס ברומט דער מאַן: מיר זיינען שפּעט!
און גיט אַ גלעט דעם בויך זיך פעט.
עס ברומט דאָס זעלבע אויך דאָס ווייב
פון טיף פון זיבן פּוד מיט לייב.
דאָך איידער נאָך דער גלאָק פאַרשטומט,
דער דריילינג, ווי אַן אויפרייס, קומט
און שיסט פּלים־פּלאָם אין זאַל אַריין,
מיט מאָרדעס דריי מאָל דריי אין שיין;
ניין מאָרדעס שיינען אויפגערעגט
פון טראַכטונג, וואָס דער גלאָק דערוועקט:
אָ, וועלכע איבערראַשונג נאָך
וועט האָבן צוגעגרייט דער קאָך!

קאַמישאַ, נ. י., 1932.

9

## נאָך האַלבער נאַכט

וועז רועגדיק לייגט זיך אין נומערן אוים
דער גאַנצער האָטעל־טאַראַראַם,
און שמאַכטענדיק קריכט די לבֿנה אַרוים
פֿון הינטערן וואַלד, ווי אַ פֿלאַם,
גייט־אויף פֿון די שטיין־בערג אַ זינגענדע שטים,
אַזוי ווי אַ חלום, אינטים.

פֿאַלט־צו מיט די ליפּן די הייסע און זויגט,
פֿאַרשכורט די נאָך־האַלבע נאַכט;
האָט איבערן טאָל אַ קאשמאַר זיך צעלייגט,
פֿון טויזנטער ריחות צעשמאַכט;
און העכער פֿון שמאַכטונג און לעבן אַליין
צעזינגט זיך די מאַסע פֿון שטיין.

האָט אויך עס אַזוי אין פֿאַרטשאַדיעטער נאַכט
געמאַטערט זיך דאָ אין דעם טאָל,
פֿון ריחות צעשכורט, פֿון תּאוות צעשמאַכט,
דער אור־אַלטער מענטש נאָך אַמאָל.
האָט אויך אַזאַ חלום געזונגען צו אים,
אין שרעק אין זיין בלינדן, אינטים.

און מיר, אויך נאָך איצט, ווי דער אור־מענטש אַמאָל —
מיר שטייען, די בליקן געווענדט,
צום גייסט פון די בערג, פון קאָשמאַר פון דעם טאָל,
פון ציוויליזירטע פיר ווענט,
און אַלץ אַזאַ אייביקע זינגט אונז די שטים,
און פאָרכטיק אַזוי און אינטים.

אָ, דו, וואָס דו גייסט הויך אין וואָלקן אַוועק
און ווערסט פון קיין וואָר ניט פאַרשוועכט!
ווי קליין קעגן דיר זיינען אונזערע טעג,
ווי וויסט זיינען אונזערע נעכט,
און אונזער פאַרנעבלטער טרוים, וואָס פאַרשווינדט,
אין שמאַכטונג און שרעק אַזוי בלינד.

.1932

אכטע אָפּטיילונג

# לידער וועגן רוסלאַנד



# פונדערווייטנס

Мне тайный голос говорил,
Что некогда и я там жил,
И стало в памяти моей
Прошедшее ясней, ясней.
**М. Ю. Лермонтов**

ווי דער וויסטער טאָג דערמאָנט,
גראָ אַזוי און רוי,
אָן דיין וויסטן האָריזאָנט,
אָן דיין וויי־געשריי!

אַ באַטרונקן־שווערער טאָג
און אַ פּיין פון שיין;
טוט דיין אָנבליק זיך אַ טראָג,
גייט דאָס האַרץ מיר איין.

אַלטע, בעטלערישע היים,
ברודנע, נודנע מיין,
קלעפּיק איז דיין ליבער ליים,
קלעפּ מיך ליב אַריין.

שפּאַנט אַ וואָלקן־קאַראַוואַן,
שפּאַנט אויך מיין געמיט;
שפּאַן איך, שפּאַן צו דיין טומאַן
אַ פאַרבענקטער מיט.

זומפּן דומפּן פול און פויל,
רויכערן אין רו;
בעזים־וועלדלעך ריטלען הויל,
ברומען ווענען צו.

אַלטע ליבע, וויסט און ווינד,
היים דו אַלטע מיין,
נעם אַריין צוריק דיין קינד
אין דיין שאַרן שיין!

וואָלקן־שטיקער, דיקער בליי,
טשאַטעס שיזוע וועלף;
גוואַלטן שפּאַלטן וואו דערביי:
העלף, אָ, העלף, אָ, העלף!

הער איך דיך, פאַרצוקטע מיין,
טאַקע אויפן וואָר,
וואָלקן־אויס און וואָלקן־איין,
נאָך אַזוי פיל יאָר?

טוליע איך צו דיר זיך טריי,
הער דיין אָטעם צו;
איז דיין קריזיס ניט פאַרביי,
פיבער איך, ווי דו.

פאַלט ניט אָפּ דיין וואונדן־בראנד,
דיין קאָשמאַר — נאָך ניט,
שטיק איך זיך מיט דיר ביינאַנד,
טרוים דיין היק־טרוים מיט.

אויסגעמאַטערט איז מיין האַרץ,
אויסגעבענקט נאָך דיר;
אומעט אין דער פרעמד איז שוואַרץ,
קעלט איז קאַלט אָן שיעור.

טרינק איך שיכור דעם געניום
פון דיין קראַנקן שיין,
רויטע, פיבערדיקע רום,
דו קאָשמאַרנע מיין.

ניו יאָרק, 1928.

# די סאָוועטישע הונגער־יאָרן

## 1

## זומער אויף די סטעפּעס

זיי גייען דעם לייד־וועג מיט קינד און מיט קייט,
מיט גיריקע ראָבן אין לופטן צעשפּרייט;
אַ גלוט־לאַווע האָט זיי געגעבן אַ ריס,
אַ ערד אַ פֿאַרברענטע ברוינט אונטער די פֿיס,
אַ הימל פֿון קופּער שמאַכט איבער די קעפּ,
און שטויב־גראָ אַנטקעגן זיי כוואַליעט דער סטעפּ.

דאָס לאָזט זיך צום מערב אַוועק־וואו צו פֿוס
די וויסטע, פֿון הונגער־געטריבענע רוס.

זי גייט מיטן אַלטן היסטאָרישן וועג
פֿון הון און פֿון טאָטער און פֿון פּעטשענעג;
און דאָ איז אַ מלבוש, און דאָ איז אַ שפּאַן,
וואָס האָט נאָך געזען טאַמערלאַן, טשינגיסכאַן.
דאָס בלוטיקע בילד פֿון אַטילאַ'ן שטייט אויף
און יאָגט אויף איראָפּע אַן אימה אַרויף.

אַ, פֿאַלשע בהלה! אָ, שרעקיקע שטות!
דאָס גייט דאָך די וועלט־גאולה אויספּרואוון רוס!

זי טראָגט פיל־געדולדיק דעם עקספּערימענט,
אַ האָר־העמד פֿון אפּקום, וואָס שטעכט און וואָס ברענט.
זי טראָגט די מיסיאָן צו דער וועלט אין דער פֿרעמד,
אַ פּודן־קייט תשובהדיק איבערן העמד.
אַ מדבר־דור בלאָנדזשעט צום סיני פֿאַרשמאַכט,
ביי טאָג מיטן וואָלקן און פֿלאַם־זייל ביינאַכט!

געשטאַרקט זיי, אין לאַפּטשע געשוואָלענע פֿוס —
אין הייליקער תמימות צעווילדעטע רוס.

ניו יאָרק, 1921.

2

## ווינטער אונטערן שניי

עס וויינט אין דיינע גרענעצלאָזע רוימען
אַ בענקשאַפט אָן סוף;
אָ, לאַנד פון אָניטשעס און טרוימען,
ווי גרויס איז דיין שטראָף!

דיין חורבן ליגט פאַרפראָרן שטום אין שטראַלן
און בלענדיקן שניי;
אָ, לאַנד פון וועלף און נאַכטיגאַלן,
ווי שווייגסטו אַזוי!

פאַרגראָבסט זיך מיט מיליאָנען שטרויען־דעכער,
פאַרוויעהט און פאַרשמידט;
אָ, לאַנד פון קדושים און פאַרברעכער,
צי לעבסטו, צי ניט?!

1922.

## 3

## פרי־פרילינג

און נאָכן בלי־טאָג קראַכט אַ שניי־שטורעם ביינאַכט,
און יעדע פרי־שפּראָצונג ווערט איינגעפראָרן טויט.
איך ליג אין גרויל דערוואַכט, און טראַכט פון דיר און טראַכט,
אָ, רוס, אָ, פרי־שפּראָצונג פון שניי־שטורעם פאַרוויהט!

אָ, ווייס־פאַרהילטע רוס! ווי ליגסטו אין דיין טראַכט,
אַ בר מינן צעשפּרייט, צום אויסריכטן שוין גרייט:
אַ ווייסע מרה שחורה — שטייט דיין לאַנגע נאַכט,
אַ שכור בלאָ און רויט — דיין קורצער טאָג פאַרגייט!

און ווייס־פאַרהילט, ווי דו, פאַרגליווערט אין די פרעסט,
פאַרטייעט ליגן אויך דיין הונגער און דיין פעסט,
עס ליגט פאַרפראָרן־שטום דיין אידעאַל אַליין.

דיין אַלטער קלאָג־ווינט נאָר, ער ווייַנט נאָך אַלץ אַזוי,
ווי פאַרן גראָזנעם צאַר, ווי פאַרן כאַן באַטעי,
און צען מיליאָן הרוגים ברומען אין געוויין.

.1922

## 4

## באַלשעוויזם

Не поймет и не заметит
Гордый взор иноплеменный,
Что сквозит и тайно светит
В наготе твоей смиренной.
**И. Тютчев**

צוקאָפּנס טונקלען ימען אייז,
צופוסנס גליט קאַווקאַז —
דו ליגסט צעשפּרייט, אַ ריזן־גרייז,
אין הילפלאָזן עקסטאַז.

פאַרצויבערט מילד, צעשויבערט ווילד,
אין ווייסן ווינטער־העמד,
אַ הייליק בילד, אַ גרויליק בילד,
ווי נאָענט און ווי פרעמד!

אין מזרח־זייט מיט שווערדן צוויי
דער געלער מאָנגאָל שטייט;
ער שאַרפט זיין מאַנדל־אויג אַזוי
אויף דיינע אינגעווייט.

אין מערב־זייט דער ווייסער קריסט,
ער צלמט זיך געטריי,
און גרייט אַ פיעטלע דיר און שיסט
מיט פרומקייט און מיט בליי.

אין מיטן ליגט אַ זעקסטל וועלט,
וואָס דו פאַרנעמסט אַליין —
אין פעסט, אין הונגער און אין קעלט,
אין טרוימען גרויס און שיין.

דו ליגסט האַלב־גוסס און דו זעסט —
אין חלום נאָר, געוויס:
עס קומט די וועלט צו דיר אין געסט
און זיצט ביי דיינע פיס.

דו לערנסט תורה מיט דער וועלט,
און דעקסט איר אויף דעם סוד
פון שם המפורש, אויסגעשטעלט
אין קדושה און גינאָד.

עס הערשט אַ ס״ם, אַ שוואַרצער ס״ם,
און טוט אַלץ שלעכטס און טוט;
די מענטשהייט טרינקט זיך אין אַ ים
פון פינצטערניש און בלוט.

און רעדט מען אויס דעם שם, דאַן באַלד
ווערט ס״ם שוין אַש און רויך,
און מיט די וואָלקנס קומט און שטראַלט
משיח אין דער הויך.

דו חלומסט און דו גלויבסט אין דעם,
אין ברענענדן באַגער —
פון אויבן נאָר און דורך אַ שם
קומט אָן דער איבערקער.

צוקאַפּנס טונקלען ימען אייז,
צופוסנס גליט קאַווקאַז;
דו ליגסט צעשפּרייט, אַ ריזן גרייז,
אין הילפלאָזן עקסטאַז.

אין מזרח צופּט דיך אַלץ און שטעכט
אין זייט דער סאַמוראַי;
אין מערב שעכט און בלייבט גערעכט
דער מאַן פון קרייץ און בליי.

פאַרצויבערט מילד, צעשויבערט ווילד,
גייסט אוים אין טרוימען־יאָך;
אַ הייליק בילד, אַ גרויליק בילד,
ווי פרעמד און נאָענט דאָך!

ניו יאָרק, 1922.

5

## אַ ג ר ו ס

אַ פרייד פון צעגאַנגענע שנייען
פאַלט צו מיר צו;
עס טוען מיט לינדקייט מיר וויהען
אייז־קריעס וואו;
פאַר־פּסחדיק וואַסערן גייען,
מורמלען מיר רו . . .

אַוויל האָט אין האַרץ מיר געזונגען
פרילינגדיק־פריי —
אַ פלי פון אַ חלום אַ יונגען,
בליציק פאַרביי,
אין אייביקן אייביק פאַרקלונגען
טרויעריק־טריי.

אַוויל טוט אַן אָטעם מיט שניי מיר,
בלאַנקט מיר און בלענדט;
פון קינדהייט טוט וואָס אַ געשריי מיר,
רופט מיך, דערקענט;
עס וויינט זיך, עס טוט אַזוי וויי מיר,
ווי אָן אַן ענד.

איך זע די מדבריות פון שנייען
ווייט אין דער היים,
און שנייען נאָך שנייען צעגייען
רווישיק אין רוים;
בית עולמדיק שמעקט מיר מיט רויען
געל־ברוינעם ליים.

איך זע חוילע בוימלעך זיך וויגן
וויסט אין אַ בוש;
אַ ווינט פון דאָרט קלאָגט מיר אַ נגון,
טראָגט מיר אַ קוש;
פון טאַטן און מאַמען, וואָס ליגן
אונטן — אַ גרוס.

ניו יאָרק, 1922.

# די באַלאַדע פון יוחנן המטבל און פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקום*)

(ווי זיי גייען אַריין אין דער רעגירונג און פאַלן ווידער אָפּ אין דער אָפּאָזיציע)

און יוחנן טויפער און פּאָפּ אַוואַקום,
זיי האָבן געקעמפט קעגן זינד אַזוי פרום,
געגאָסן מיט שוועבל און פעך אַזוי בראַוו,
די פלוכער די צוויי, דער סעמיט און דער סלאַוו.
זיי זיינען געלעגן אין גרוב און געפלוכט,
די מלוכה פון הימל צו ברייגנען געזוכט.
און ענדלעך, אַ שלאָג האָט געגעבן די שעה,
די ניט־פון־דער־וועלטיקע מלוכה איז דאָ.

זיי גייען אַרויס פון די גריבער,
זיי גייען אַריין אין די שטיבער.

---

*) די צוויי פּלאַמיקע שטראָפער און גוואַלטיקע עקשנים, וואָס האָבן געפלאַקערט מיט משיח־זעאונגען. יחנן המטבל, דער „קול, וואָס האָט גערופן אין מדבר", דער פאָרגייער און אָנזאגער פון ישו הנוצרי, איז צום סוף געשליידערט געוואָרן אין אַ גרוב און איז געקעפּט געוואָרן פון איינעם פון די הורדוסעס. פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקום דער הויפּט־פירער און לערער פון די ראסקאלניקעס, דער טאַלאַנטפולסטער שילטער אפשר, וואָס רוסלאַנד האָט געהאַט, איז אויך געשליידערט געוואָרן אין אַ גרוב. 14 יאָר האָט מען אים דאָרט געהאַלטן, און צום סוף איז ער פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטער פון צאַר פיאָדאָר אַלעקסעיעוויטש.

און יוחנן טויפער און פּאָפּ אַוואַקום,
זיי קוקן אַנטציקטע אַרום און אַרום:
ניטאָ איז דער טייוול שוין מער אויף דער וועלט,
וואָס האָט אין געשטאַלט פון טיראַן זיך פאַרשטעלט,
וואָס האָט זיי אין פינצטערע טורמעס פאַרפּאַקט,
אויף שייטערס געברענט און די קעפּ זיי געהאַקט —
ניטאָ איז דער שטן, די שלעכטס איז פאַרלענדט,
עס האַלט שוין דער צדיק די מאַכט אין די הענט.

זיי מוזן זיך אויפהערן שילטן,
זיי מוזן פאַר שטאַטסמענער גילטן.

און יוחנן טויפער און פּאָפּ אַוואַקום,
זיי טוען אַ שמייכל צום שפּאַס אַזוי קרום,
און שטייפן זיך איין אין צילינדער און פראַק,
און כאַפּן שוין ערגיץ פּאַפּירן אַ פּאַק
און לויפן פאַרסאַפּעטע מיטן פּאַרטפעל
אין די קאַנצעליאַריעס אַוועק אויפן שטעל,
און פאַלן צום שרייב־טישל צו אַזוי גיך,
אַז שיר וואָס זיי לינקען ניט אויס זיך דעם דיך.

עס הוזשעט אַרום מיט דער גאולה,
און אַרבעט פאַראַן איז אַפולע.

און יוחנן טויפער און פּאָפּ אַוואַקום,
זיי טענטלען אַזוי מיט די פעדערן פרום,
דאָך טיף אין זיי פּיקעט און טיקעט דער לץ:
איז טאַקע שוין ריכטיק געקומען דער קץ?

זאָל זיין עס אין גאַנצן — דער אלף און תו,
דער ערשטער און לעצטער, דער אָנהייב און סוף?
צי האָבן אויף דעם אַזוי גלוטיק און צאַרט
דורך ענדלאָזע דורות די קדושים געוואַרט?

זיי קרימען די רוקנס אין דבקות,
דאָך טיף אין זיי עגבערן ספקות.

און יוחנן טויפער און פאפּ אוואקום,
זיי קנייטשן די שטערנס און פרעגן זיך שטום:
צי קומט דען גאָטס־טאָג, ווי אַ גנב, ביינאַכט —
טאָ וואָס־זשע אַנטפּלעקט זיך ניט גאָט אין זיין מאַכט?
און בליקט צו גאָטס־שטול דאָס געקוילעטע לאָם —
טאָ וואָס־זשע פאַרבאָרגט זיך דער גואל הדם?
און וואו איז דער טויער, אין הימל פאַרטיפט,
ווי אויסגעמאָלט איז אין דער הייליקער שריפט?

עס שטייט דאָך בפירוש! טאָ, ליידער,
ווער אַנדערשט דאָס איבער דעם סדר?

און יוחנן טויפער און פאפּ אוואקום,
זיי זוכן די אותות און מופתים אַרום:
וואו זיינען די הימלען אין קופּערנער גלוט,
די זונען אין זעק און לבנות אין בלוט?
וואו זיינען די זיבענער דונערן רייד?
וואו זיינען די זיבענער פאַקעלן פרייד?
און וואו איז דער כבוד פון גאָטס אנגעזיכט,
וואָס דאַרף שוין פאַרבייטן די זון מיט איר ליכט?

עס לויכט גאָר ניט אַפּאָקאַליפּטיש,
עס הערשט גאָר אַ חושך עגיפּטיש.

און יוחנן טויפער און פּאָפּ אַוואַקום,
זיי קוקן זיך גאַנץ קאַלאַמוטנע אַרום:
ניטאָ פון די צייכנס און וואונדער קיין שפּור,
אַלץ רויע און גראָע און גראָבע נאַטור.
אַלץ האַלטן נאָך מענטשן מלחמה פאַר שפּייז,
און פאַלן וואו ברעקלעך, באַווייזן זיך מייז.
אַלץ אימער געראַנגל און מאַנגל און רויב,
עס טוט זיך אַ הויב פון געראַנגל אַ שטויב.

אומצאָליקע אָפּער אומזיסטע,
אומצאָליקע ווילנס פאַרוויסטע.

און יוחנן טויפער און פּאָפּ אַוואַקום,
זיי קנייטשן די שטערנס און פרעגן זיך שטום:
צי האָט דער ניט־גוטער עס חוזק געמאַכט?
און גרעסער און פינצטערער וואַקסט דער פאַרדאַכט:
צי האָט עס דער אַלטער און בייזער בעל זבוב
שאַרזשירט אַזוי שענדלעך דעם יונגינקן כרוב?
צי אשמדאי האָט עס זיי טשאַד־פרום פאַרבלענדט
אין רויכיקן ווייראָך פון עקספּערימענט?

האָט שאַלקהאַפט אַזוי דער מנוול
געפּרואווט זיי מיט עפּעס אַ פּרוואָוול?

און יוחנן טויפער און פּאָפּ אַוואַקום,
זיי פילן זיך ביטער, זיי פילן זיך דום —
אָט טוט זיי שוין באַלד פאַר די אויגן אַ האַק

דאָ־דאָרטן אַן עקעלע אונטערן פּראַק,
אַ האָרנדל אין דעם צילינדער פאַרשטעקט,
עס גרוילט זיי אַן עקל, עס שטיקט זיי און שרעקט ;
דערהערן זיי באַלד שוין אַ בת קול, וואָס ברומט :
א, ראַטעוועט זיך פון דעם צאָרן, וואָס קומט !

זיי פליען אַרויס פון די שטיבער,
זיי פליען צוריק אין די גריבער.

און יוחנן טויפער און פּאָפּ אַוואַקום,
זיי זעען באַשיינפערלעך רק אומעטום
דעם האַר פון דעם חושך און נמרוד דעם ריז,
די אור־אַלטע שלאַנג מיט די פליגלען און פיס,
צאַר פיאָדאָר׳ס אפריטשניק מיט שייטערס צעלייגט,
און הורדוס׳עס האַק אין די בלוטן געווייקט.
זיי וואַרפן מיט שטורעם אַוועק דעם פּאָרטפעל,
זיי בלייבן שוין אייביק אָפּאָזיציאָנעל.

זיי ווילן פאַר פלוכער נאָר גילטן,
און שילטן און שילטן און שילטן.

ניו יארק, 1928.

# איוואַן

געאָגראַפישע ברייטקייט
און היסטאָרישע ענגקייט;
פון נאַטור אַזאַ גרייטקייט
און פון מענטש אַזאַ שטרענגקייט.

שמעקסטו ליב, ווי דו ביסט,
אין מוזשיצקן געגוס,
דורכגעזאַפּטע פון מיסט,
דורכגעדזעגאַכצטע רוס.

העי, איוואַן, כוואַט פון דאָרף,
מיטן ווילד־וואַלד אין מינע,
ווי דו טוסט אַזאַ וואָרף
מיט דיין כוואַטסקער טשופּרינע!

אָבער טיף אין דיר וויינען
די יסורים פון דורות,
פון די ענדלאָזע פלוינען
דיינע ענדלאָזע מוראס.

ווען דער מענטש פון דעם כאַן,
האָט ביים טשוב דיך געפּאַקט,
און אין רייטער־געשפּאַן,
אין גאַלאָפּ, דיך געהאַקט.

דיך געשעטקעוועט מונטער,
פון די היציקע פערדלעך,
קאָפּ און קאָלטן אַרונטער,
מיט די קרומינקע שווערדלעך.

און פאַרשווינדט שוין דער כאַן,
ווי אַ חלום אַ בייזער,
איז פאַר דיר נאָך, איוואַן,
אַלץ ניטאָ קיין דערלייזער.

העי, בויאַן דו פון דאָרף,
מיטן ווילד־וואַלד אין מינע,
ווי דו טוסט אַזאַ וואָרף
מיט דיין כוואַטסקער טשופּרינע!

דאָך דער מענטש פון דרוזשינע,
שוין פון צאַר פּראַוואָסלאַוונעם,
טוט אַ פּאַק דיין טשופּרינע
אין כאַפּ־לאַפּ אין זאַבאַוונעם.

האָבן פּריציש און שטאַרק
שוין ראַסעיסקע באַנדיטן,
אויף דיין אָרימען קאַרק,
כאַן און טאָטער פאַרביטן.

האָט יאָרהונדערטער ווילד
אַלץ די צאַרישע שאַיקע
אויף דיין רוקן געשפּילט
מיטן קנוט און נאַהאַיקע.

דאָך אַ שטורעם האַקט אָפּ
אָט דעם שפּיל אָט דעם נודנעם,
וואַשט די שאַיקע אַראָפּ,
ווי אַ גרים ווי אַ ברודנעם.

העי, בונטאַר דו פון דאָרף,
מיטן ווילד־וואַלד אין מינע,
ווי דו טוסט אַזאַ וואָרף
מיט דיין כוואַטסקער טשופּרינע!

אָט פאַרשווינדט שוין דער צאַר
אַזוי שפּורלאָז, ווי רויך;
ווערט אַן אַנדערער האַר,
און ער שלעפּט דיך שוין אויך —

פאַרן טשוב דעם גערדיכטן.
ווי־זשע אַנדערש? אודאי!
גאָר די וועלט צו פאַרריכטן
אין אַ מלוכה פון שדי.

העי, איוואַן, וואָס דו ווייסט
פון דער מלוכה פון שדי!
נאָר דו גייסט אַז מען הייסט,
ווי־זשע אַנדערש? אודאי!

און מען כוואַשטשעט דיך צו,
ווי־זשע אַנדערש? אודאי!
גייסטו, „ביט פּאַ סעמוֹ",
צו דער מלוכה פון שדי.

נאָרטה ברענטש, נ. י., 1928.

---

# שוין פערציק יאָר

שוין פערציק יאָר — און ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטן!
איך פיל דעם פיבער נאָך: עס טראָגט אַ קעלט פון צפון;
דאָך פרילינגט שוין און שוואַלבן טוען נעסטן פלעכטן.
איך גנבע זיך צום באַן. איך פאָר. די וועלט איז אָפן.

אדיע, מיין בייזע היים! דו בלייבסט מיר אַליין פון כמאַרע,
פאַרביי וואַגאָן־פענצטער, מיט שטריכן מיט צעקרענקטע —
אָ, ווייפיל פיין און רעטעניש און ליכטער שאַרע!
איך פאָלג זיי נאָך ביז היינט מיט בליקן מיט פאַרבענקטע.

ניו יארק, 1937.

# אָקטיאָבר

הונדערט טויזנט דערפלעך, שטעטלעך,
אין דיין גרויסן טאָל פּאַרטוליעט;
קרומע הייזקעס — שטרוי און ברעטלעך,
וואו אָקטיאָבר כמורנע הוליעט.

אין דיין שטומקייט איינגעגראָבן
קוועלט דער דלות, ווי אַ פּיאַווקע;
קראַקען ווייסט נאָר וואו די ראָבן,
טוט אַ הונט נאָר וואו אַ האַווקע.

און דיין זיפץ פון געלע בלעטער,
און דיין שוויים פון בלייכן הימל,
און דיין קייך־הוסט פון אַ וועטער,
און דיין ערד פון זומפּן־שימל.

טרוימען פון טומאַן באַנומען
הונדערט טויזנט דערפלעך, שטעטלעך:
וועט אַ סוף, אַ סוף ווען קומען
אויפן כמורנעם, אויפן שטומען,
אויף די פוילע שטרוי און ברעטלעך?

און אין כמאַרע דיינער, פון דיין טיפסטער טיף,
בליצט פאַר מיר אַ מיף.

מוראַמעץ איליאַ, איוואַנאָוויטשעס זון,
איז געזעסן יאָרן לאַנגע אַ סידון,
ניט געגעבן מיט די הענט און פיס קיין ריר.
ברענגט אַ קאַליקער גאָטס־מענטש אַ הייל־געטראַנק,
טוט איליאַ אַ טרונק און ווערט אַ באָגאַטיר,
דער באַליבטסטער פון לעגענדן און געזאַנג,
דער באַרימטסטער סוויאַטאָ־רוסקי באָגאַטיר.

שאָטנס פליען, שטורעמס יאָגן,
און דער וואָלקן־בליי צעשפּאַלט זיך.
טוט איליאַ זיך בליציק טראָגן
אויף זיין שטראַלנדיקן וואָגן,
און זיין דונער־רוף צעשאַלט זיך.

פליט ער מיט דער בולעווע צו דער „זאסטאווע",
ווייהעט ווייס די באָרד און רויט די קודרעס גליען,
ראַנגלט ער זיך פאַרן פאָלק אין קאַמפן בראַווע,
פליען פון זיין קלאַפּ די פיינט אין לופט און פליען —
העכער פון די וועלדער פון די שטייענדיקע,
העכער פון די וואָלקנס פון די גייענדיקע.

בליצסטו מיר פון כמאַרע, ווי איליא, אַנטקעגן —
אויף דיין וועג אָן וועגן.

װעסטו פון די הײל־געטראַנקען,
פון גאַטס־קאַליקעס געבראַכטע,
אױפשטײן באַלד פון קלעם פון קראַנקען,
מיט די גבורות די דערװאַכטע?

בושעװעסטו אױף פּאָר בענקשאַפט,
אין צעהיצטער קראַפט־באַװאוסטקײט,
װען דו װערסט דערשטיקט פאַר ענגשאַפט
אין דײַן זעקסטל װעלט פון פוסטקײט?

און אין זעאונג אין צעגליטער,
אין מוזשיצקן באַט, אין שװערן,
שטעלסטו װײַט אין צײַט די פוס.

װי עס טוט מײַן האַרץ אַ ציטער,
װען איך טו דײַן נאָמען הערן:
רוס....

ניו יאָרק, 1928.

# דאַנס מאקאַבר

## 1

סקעלעטן־סומנע עלעגאַנץ.
זיי קלאַפּן קנאָכנדיק דעם טאַנץ,
זיי דרייען זיך אין לעצטן דריי,
אַט טוט שוין באַלד דער האָן אַ קריי.

די שוואַרצע, טאַנצנדיקע ציילן,
ווי עלענד נעמען זיי זיך איילן,
ווי קנאַקן ביינערדיק די לאַסקעס,
ווי שאָרכן יאָמערלעך די מאַסקעס,
ווי קלאָגט דער שאָטנדיקער פּליסטער
אין ליידנשאַפֿטלעכקייט אין וויסטער.

און אין פֿאַרטאָג, אין ווינט און ווילד און וויסט,
אין מוטנער ווייסקייט, אויף אַ בערגל מיסט,
אַ רויטער האָן, אַ גאַלאַגוטסקער, שטייט,
די נעבל־נאַסע פֿעדערן צעשפּרייט,
און אויפֿגעשטעלט איז האָפֿערדיק דעם קאַם,
און פֿלאַקערט מיט רציחהדיקן פֿלאַם.

אַט פּאַטשט דער האָן די פליגלען אויף אָנטציקט,
די אויגעלעך די טעמפּע האַלב־פאַרדריקט,
דאָס קעפּעלע פאַרויס געשטרעקט קאַקעט,
און כאַפּט אַ בליק, צי קוקט ניט ווער און זעט,
ווי ער, דער רויטער קרייער, שטייט און וואַכט,
און קרייט און טרייבט די רוחות פון דער נאַכט.

אַט טוט זיך שוין דער קריי אַ טראַג
אין גרויען טרויער פון פאַרטאָג,
אין שאַטנדיקן טאַנץ־געדריי —
דער דריטער קריי, דער לעצטער קריי.

צעטראָגט זיך הייזעריק דאָס קרייען,
און באַלד צעשמעלצן און צעגייען
די שוואַרצע, טאַנצנדיקע ציילן,
די ביינער טרוקענע, וואָס איילן
צוריק צום וואָרים פון די קברים,
צו דער געהיימניש — טיף און ארעם.

זיי גייען ערנסט, ווי דער טויט,
און מערקן ניט דעם האָן, וואָס קרייט
פון שמעטניק אין טומאַן אַריין,
און רייסט זיך רויט, באַמערקט צו זיין,
ווי ער וואָלט טאַקע דאָס געמאַכט
אַ סוף צו נאַכט.

ווי שדייאיק, אָנגעבלאָזן, פּוסט!
ווי האָן־באַוואוסט!

און באַלד אין גרינען פֿון באַגינען
צעגייען האַסטיק און צערינען:
דער טרויער פֿון דעם טאַנץ דעם טויטן,
די גדולה פֿון דעם קריי דעם רויטן.

עס בלייבט נאָר אויפֿן שמעטניק אויבן־אָן
אַ נאַסער האָן.

2

אָ, אַלט איז דער פֿאַרטאָג דער גרויער,
און אַלט — דער קריי, און אַלט — דער טרויער,
ווי אַלט עס איז די נאַכט די אַלטע,
ווי אַלט עס איז די גרוב די קאַלטע!

און אַלט איז אויך דער טאָג דער דולער,
וואָס קומט אַ העלער און אַ פֿולער,
און וואַרימט זיך אין זון, אַ זאַטער,
און בלאַנקט אין גאָלד אָן פֿורכט, אָן פֿלאַטער,
און אַלץ איז קלאָר, געשיקט, געלונגען,
און ווערט צום סוף פֿון נאַכט פֿאַרשלונגען.

די פֿלאַטערדיקע נאַכט, די לייכטע,
מאַכט ווידער אויף די גרוב די פֿייכטע,
און אין אַ פּאַטאָס אין אַ באַנגען
פֿון גלוסטן שטומע און פֿאַרלאַנגען,
וואָס קענען קיינמאָל זיך ניט שטילן,
טוט ווידער סומנע זיך צעשפּילן
דער קאַרניוואַל פֿון די געשפּענסטער,
דער שמאַכטענדיקסטער טאַנץ, דער שענסטער.

און ווידער צאַפּלט־אויף אַ הענדל
און שטעלט  דעם קאָם אָן, ווי אַ פּענדל,
און קרייט, אין נאָמען פון געשיכטע,
אין די טומאַנען די געדיכטע.

און ווידער גייען שאָטנס שטום
און קוקן זיך אויף אים ניט אום.

זיי האָבן שוין, די שטומע גייער,
געהערט אַן אייביקייט פון קרייער.
און וועלכער רוח וועט דערמאָנען
אַ קרייער, איינעם פון ביליאָנען?

די קלוגע מתים גייט ניט אָן
דער דומער האָן.

ניו יאָרק, 1929.

# אַמאָל

און געווען בין איך אַמאָל
אויך אַ קינד פון גרויסן טאָל —
און אַנטציקט געפילט די מורא,
דעם עקסטאַז פון די זאַווייען,
און די העלע מרה־שחורה
פון די שווייגנדיקע שנייען.
בין איך דאָך געווען אַמאָל
אויך אַ קינד פון גרויסן טאָל.

נעכט אין דימענטן פון שניי,
ווי איך ליב נאָך היימיש זיי —
טיף־צעשטראַלטע, הויכע, בלאָע,
מיט דער אייביקייט ווייט־אָפן,
נאָך די ענגע טעג, די גראָע,
א געשאַנק פון ליבן צפון.
נעכט אין דימענטן פון שניי,
ווי געכשופטע האָבן זיי.

און געפלאַמט אין ווינטער־קלעם
האָט אַ טרוים פון וועלט־פאַרנעם —
ברייטער פון דעם טאָל דעם ברייטן,
העכער פון דער נאַכט דער הויכער,
פאַלן אייז־ווענט, שמעלצן קייטן
פאַרן אָטעם פון דערגרייכער.
האָט אַ טרוים פון וועלט־פאַרנעם
זיך געריסן שטאָליק פון קלעם.

און אין רייך פון פרילינג־נאַכט
האָט אַ בענקעניש געוואַכט —
וואר אַ צויבער־ליכט אָן ליכטער
מאַכט פון אָוונט אַ באַגינען,
און אין ווייסקייט אין געדיכטער
אונטערגאַנג און אויפגאַנג גרינען —
אין דעם חלום פון אַ נאַכט
האָט אַן אומרו ווילד געוואַכט.

האָבן פרילינג־נעכט געגליט
און מיין מאַרך און בלוט געבריט,
האָבן קלאַנגען אויפגעוועקטע
ראַש אין מיר אַדורך געקלונגען —
אויפגעוועקטע, אויפגערעגטע,
רייַ נאָך רייַ באַגייסטערונגען.
ווי זיי האָבן רויט געגליט,
און געררייצט מיך און געבריט.

און אין ווייכע זומער־טעג
בין איך אויף אַ גראָזן־שטעג
נאָך אַ שטילן טרוים געגאַנגען,
ביי אַ בלאָען ברעג פון הימל,
אין אַ גאָלד־געדרויש פון זאַנגען,
צו אַ ליבן, בלאָען בלימל —
אויפן גרינעם גראָזן־שטעג
דורכן העל־בלאָ פון די טעג.

דאָך גערופן און געמאָנט
האָט אַ ווייטער האָריזאָנט —
צו דער זוניקער פאַרשמאַכטקייט
פון דער ווילדער סטעפּ־געשיכטע,
צו דער פינצטערער פאַרטראַכטקייט
פון די וועלדער די געדיכטע.
האָט גערופן און געמאָנט
מיך דער ווייטער האָריזאָנט.

און אין בייזן, ברודנעם ברום
פון דעם גראָען הערבסט אַרום
האָב איך אין דעם ווינט דעם פוילן,
איבער אַלע שוואַרצע זומפּן,
אַלץ געהערט אַ קרעכץ פאַרהוילן,
און אַ רוף נאָך הילף אַ דומפּן.
ווי געמאָנט האָט בייז דער ברום
אין דעם גראָען הערבסט אַרום.

האָב איך טיף דערפילט די קראַפט
פון אַ גרויסער ליידנשאַפט —
און געהערט מיט פרייד דעם ציטער
פון דעם קריגס־מאַרש פון די צייטן,
און דאָס קומען פון געוויטער
אין די קלינגנדיקע ווייטן.
האָט באַצוואונגען מיך די קראַפט
פון דער גרויסער ליידנשאַפט.

און געזען האָב איך פאַר זיך
נאָכאַנאַנד און וואונדערליך:
אויגן, אויגן, רויט־געצונדן,
וואָס עס קומט אויף זיי קיין שלאָף ניט;
וואונדן, וואונדן, ניט פאַרבונדן,
און צום בלוטן נעמט קיין סוף ניט.
ווי איך זע זיי נאָך פאַר זיך,
גרויליק, הייליק, וואונדערליך.

ניו יאָרק, 1929.

# אין דער היים

איך דרעמל, און וואַך איז מיין האַרץ, און איך הער:
עס רופט אין דער נאַכט מיך ביים נאָמען דאָרט ווער.
איך כאַפּ פון די טרעפּ זיך אַרונטער אויף גיך,
דערזע איך דעם היימישן שול־הויף פאַר זיך.

דערזע איך די שול און די אַלטינקע קלויז;
איך האָב דאָ געלעבט צווישן חדר און הויז,
איך האָב דאָ די קינדערשע טרוימען געוועבט,
די פרימסטע עקסטאַזן דאָ איבערגעלעבט.

ניט לאַנג, דוכט זיך, האָב איך מיט זיי זיך צעשיידט,
איצט הער איך שוין גרויליק, מען רופט מיך: „יעמוד!"
אַט גיי איך אין שול אין דער קאַלטער אַריין,
עס גלעט אין דער שטיל אַ פאַרהוילענער שיין.

ווי ווייסט איז די ווייסקייט פון קהל אַרום,
אין קיטל און טלית, באַוועגלאָז און שטום!
איך זע דאָרט מיין טאַטן, זיין פּיין־בלייך געזיכט
שיינט דורכזיכטיק אויף מיט אַן אינערן ליכט.

איך זע דאָרט אויך אויבן די ווייבערשע שול,
ווי ווייס פון תכריכים, געל־פּנימדיק פול!
איך זע דאָרט מיין מאַמען, ווי לאַסטשעט איר בליק:
„דו קומסט נאָך פיל יאָר צו אונז, קינד מיין, צוריק.

„דו קומסט פון דער פרעמד צו דער היימישער ערד,
וואָס האָט נאָך די אור־זיידעס דיינע גענערט;
דו קומסט צו אונז רוען דיין אייביקע רו
ביים אייגן געביין, ביי מיין זייט ערגעץ־וואו.

„ווי פול דער בית עולם זאָל זיין — איז פאַראַן
אַ פּלאַץ נאָך פאַר דיר אונטער אונזער טומאַן,
און הודיען וועט איבער דיין גרוב אַזוי לינד
אין היימישע בוימלעך דער היימישער ווינט.

„דו בלייבסט שוין אויף אייביק מיט אונז אין דער היים,
און גרינג וועט דיר זיין אונזער אָרימער ליים,
און ווייקט דיך דער הימל מיט טרערן פון ווײ —
די היימישע בלאָטע איז ליב דאָך אַזוי".

ניו יאָרק, 1921.

ניינטע אָפּטיילונג

# פון אונזערע בלוטיקע טעג

# אל תירא עבדי יעקב

איך זע אים אויפן וועג אין חרן, ווי ער וואַנדלט —
עס גייט דער ערשטער איד זיין ערשטן גלות־וועג;
די ברכה אויסגענאַרט, די בכורה איינגעהאַנדלט,
דאָך לויפט ער סוף כל סוף פון עשו׳ן אין שרעק.
פון אַלע חכמות בלייבט אים נאָר דער וואַנדער־שטעקן,
דאָך טרוימט ער פון אַ לייטער ביזן הימל אַזש;
צוקאָפּנס האַרט אַ שטיין, אַרום אַ וועלט מיט שרעקן,
דאָך זעט ער אַלץ מלאכים, הערט אין גרויס עקסטאַז:
„אל תירא עבדי יעקב".

און ווייטער זע איך: עשו יאָגט אין ווילדן צאָרן,
אַט פלאַקערט־אויף דער ערשטער אידישער פּאָגראָם.
און שאַרף ביים ערשטן יעקב ווערט דער פּלאַן געבאָרן,
וואָס איז דער סוד פון אונזער קיום עד היום.
ער טיילט זיין הויז־געזינד אין מחנות ווייט פאַנאַנדער —
דערשלאָגט מען איינעם דאָ, פאַרבלייבט אַ צווייטער דאָרט.
און פינצטערט אַלץ דער טויט־שרעק אויף זיין וועג פון וואַנדער,
באַגלייט אים ליב און לויטער, ווי אַ ליכט, גאָטס־וואָרט:
„אל תירא עבדי יעקב".

איך כאַפּ זיך אויף, אַן אור־קינד יעקב׳ס, אין מיין צימער;
עס זשומט אַרום אַ פליג און יאָמערט אין דער שטיל;
און בלעטער זע איך נעבן בעט אין לבנה־שימער,
אַלץ גרויסע אותיות, פּאָגראָם־נייעס, גרוילן פיל, —
אַלץ ער, דער איד דער אייביקער, אין בלוט און טרערן!
און שטיל לויכט־אויף אין מיר, אין טרוים, צי אויפן וואָר,
דער רוף דער געטלעכער, וואָס האָט געלאָזט זיך הערן,
פון טיפעניש פון אַנגסט, דורך פערציק הונדערט יאָר:
„אל תירא עבדי יעקב".

ניו יאָרק, 1920.

# נקמה

(פאַר די קדושים אין אוקראַינע)

זי באַווייזט זיך פאַר מיר ניט אין טרויער באַדעקט,
ווי זי האָט זיך אַמאָל פאַרן נביא אַנטפּלעקט;

ניט אַ מוטער אלמנה, אין שוואַרצן פאַרהילט,
אויפן שפּיץ פון באַרג ציון, אַ יאָמערלעך בילד,
מיט צעלאָזענע האָר, מיט פאַרבראָכענע הענט,
בעת עס רויכערט נאָך אונטן דער מקדש און ברענט,
און עס קוילעט דער קוילער אין בלוט ביז די קני,
און די רעשטלעך אין גלות פאַרטרייבט ער, ווי פי.

זי באַווייזט זיך פאַר מיר מיט אַ פאַקל אין האַנט,
אין די רווישיקע וועלט־שטעט, אַ שרעק־בילד פון בראַנד.

זי דערשיינט אַזוי פאַרכטיק, אין רויטן פאַרהילט,
מיטן פאַקל, וואָס פלאַקערט און לויכט אַזוי ווילד —
אומעטום אויף דער ערד, דורך דער לענג און דער ברייט,
וואו דער גלות האָט נאָר אירע קינדער צעשפּרייט;
זי אַנטפלעקט זיך אין פייער, זי גייט מיטן ווינט,
און זי צינדט, און זי צינדט, און זי צינדט.

אַ נקמה פון פלאַקער, אַ צאָרן פון פלאַם —
פון דער טיפקייט פון טויזנטער יאָרן פון סם.

פאַרן בלוט פון די קדושים, וואָס שרייט פון דער ערד,
און עס ווערט דער געשריי ניט פון קיינעם דערהערט!
פאַר די טויטן פון טעכטער, פאַרפייניקט אין שאַנד!
פאַר די עופּהלער־מוחות, צעקלאַפּט אָן דער וואַנט!
פאַר די ימען יסורים און האַס אַזוי בלינד!
און זי צינדט, און זי צינדט, און זי צינדט.

ניו יאָרק, 1920.

---

## אין אַ פרילינג־פאַרטאָג

אין שלאָפלאָזער נאַכט קומט דער פרילינג צו שוועבן,
פון טויען פון אויפלעבונג פייכט;
דערפיל איך אים באַלד דורך די ווענט, דורכן פענצטער,
עס ווערט אַזוי לינד, אַזוי לייכט.
איך שפיר אויף מיין ברענענדן שטערן זיין אָטעם,
טרינק דאָרשטיק זיין טויאיקן דופט;
איך הער, ווי ער פאָכט מיט די פליגלען, וואָס טראָגן
מיליאָנען געבורטן אין לופט.

איך קוק, ווי עס יאָגן זיך שטיקער פון וואָלקנס,
צעשמעלצטע, ווי קריעס פון אייז,
און צווישן זיי טרינקט זיך אַ שטערן — אָט זינקט ער,
אָט טוט ער זיך גלוטיק אַ ווייז.
איך זע, ווי עס ווייקט זיך די ערד אין דעם נעבל —
ווי גיריק, ווי גלוסטיק אַזוי;
פון אויבן געהיימניש, פון אונטן געהיימניש,
און איך בין אין מיטן פון זיי.

אין שלאָפלאָזער נאַכט קומט דער פרילינג צו שוועבן,
אין אומרו צו מיר, אומדערוואַרט;
ער קומט צו מיין פענצטער אויף טרוים־לייכטע ווינטלעך
און גלעט מיך און פליסטערט מיר צאַרט.
און גלייך ווי דאָס קינד ביים געבאָרן פאַרגעסט זיך
אָן הימל פון מלאכ׳ס אַ קוש,
אַזוי אויך פאַרגעס איך די וועלט און איר יאָמער
פון פרילינגס פאַרטאָגיקן גרוס.
פאַר־קלונגען ווערט ערגעץ דער דונער פון קרעכצן,
דער שרעק פון מיין שלאָפלאָזער נאַכט;
פאַרווישט ווערט דער בלוטיקער אָפשיין פון שחיטות,
דער וואנזין, וואָס איבער מיר וואַכט.
איך זע זיי, די שרעק־בילדער, בלייכער און בלייכער,
און ווייט, אַזוי ווייט ערגעץ־וואו;
איך קען דאָס אַליין ניט באַגרייפן פון וואַנען
עס נעמט זיך צו מיר אַזאַ רו.

אין שלאָפלאָזער נאַכט קומט דער פרילינג צו שוועבן
און נעמט מיך אַרום אַזוי שטיל;

דערפיל איך אין זיך דעם אָן־סוף פון דער שטילקייט,
פון שטילן אָן־סוף דאָס געפיל.
אין מיר איז דער פרילינג, און איך בין אין פרילינג,
און ביידע — אין שטילקייט אָן סוף;
איך פיל זיך באַרואיקט אַזוי, אַז איך שעם זיך,
און שטראָף זיך אַליין אַלץ און שטראָף:
צי זיינען דען ווירקלעך מיין צער און מיין צאָרן
אַן אטעם פון פרילינג ניט ווערט,
און איך בין ניט מער ווי אַ שטויב אַ באַהעפטער
צו אַט־דער צעוויקטער שטיק ערד?
איך שטראָף זיך און פרעג, און די טרערן, זיי פליסן,
און לייכטער אַלץ פיל איך דערביי;
דאָס איז דאָך דער טוי פון באַלעבנדן פרילינג,
וואָס גיסט פון די אויגן זיך פריי.

ניו יארק, 1920.

# אונטער מיינע פענצטער

אונטער מיינע פענצטער וואַקסט אַ בוים אַ ריז,
אין אַ ווינקל אַ פאַרטריבענער —
אין דעם מדבר פון די מויערן, געווים
נאָך פון ווילד־וואַלד אַ פאַרבליבענער.

האָב איך היינט דורך גאַנצע וועלט־טיילן געשפּרייזט,
אין געדאַנקען־גאַנג אין שטייגענדן;
און צעפּייניקט־מיד אין קערפּער און אין גייסט,
קוק איך אויפן בוים דעם שווייגנדן.

ווער איז קליגער? ווי ער וואַקסט אין קלעם און גרינט,
גלייכגילטיק צו דער אַרומיקייט —
צו די העק אַמאָל און איצט צום שטורעם־ווינט,
צו זיין בייזקייט און זיין ברומיקייט.

ניו יאָרק, 1937.

# נאָכן פּאָגראָם

און פּלעגט אויף דיר אָנפּאַלן, פאָלק מיין, אַ נביא אין צער,
איז ד אָ ך ווייל ער פּלעגט פאַר גאָטס־כבוד זיך שטעלן:
וואָס שלעכטער דאָס פאָלק, אַלץ גערעכטער איז גאָט אין זיין גזר —
ווער קען דאָס איצט וועלן!
מע קען צו דיר, פאָלק מיין, ניט קומען מיט ווערטער פון שטראָף
אין בראָך אין דעם גרויסן, וואָס האָט דיך געטראָפן;
איך זע דיך פאַרצוקט צווישן זיבעציק וועלף, ווי אַ שאָף —
ווי קען מען דיך שטראָפן!

ווי קען מען דיך זידלען און שילטן
און דאַן פאַר אַ נביא צו גילטן?

איך קען אויך ניט לעסטערן גאָט, אונזער אידישן גאָט,
אין ברענענדן ווייטיק דערמיט זיך צו שטילן;
דיין גאָט איז דאָך, פאָלק מיין, דיין אייגענער גייסט; זיין געבאָט —
דאָס איז דאָך דיין ווילן;
דיין אויסשטראַלונג איז דאָס, דיין אור־אַלטע אינערע שטים,
דער גאָט פון אברהם און יצחק און יעקב;
ניט קריגער און ניט מיסיאָנערן געבראַכט האָבן אים,
ניט סוחרים אין איינקויף.

איך קען מיט אַ וואָרט מיט אַ פּרעכן
דיין הייליקן גייסט ניט פאַרשוועכן.

איך קען אויך דעם פעלקער־פאַרברידערנדן וועלט־אידעאַל
ניט אויסשרפהן, פאַלק מיין, אין גלוטן פון ראַכע;
ווי ווייסט וואַלט אונז ווערן די וועלט אָן זיין מונטערן שטראַל —
אונז, שוואַכסטע פון שוואַכע!
איך ווייס, צו דער מענטשהייט אַנטקעגן דער מענטשהייט אַליין
איז זינלאָז, איז דום נאַכאַנאַנד זיך צו ווענדן;
נאָר אויפגעבן אויך אַט דעם גלויבן, וואַלט הייסן דאָך שוין
דאָס לעצטע פאַרלענדן!

אונז בלייבט אין דער וועלט אין דער ליבער
נאָר טויט און פאַרטיליקונג איבער.

ניו יאָרק, 1921

# א י ן  ד ו ר כ פ ל י

עס האָט מיר אַ פֿלאַטער געטאָן פֿאַר די אויגן,
אין שטילקייט פֿון נאַכטיקן שרעק,
און עפּעס־וואָס שוואַרצעס איז איבערגעפֿלויגן,
און איז אין דעם חושך אַוועק.

און לאַנג איז דער פֿליגל־געררויש נאָך געהאַנגען,
און לאַנג האָט געפּייניקט מיך שווער
דער נאַכט־סוד, וואָס איז אין דער שוואַרצקייט פֿאַרגאַנגען
און וועט זיך ניט אומקערן מער.

און פּלוצלונג האָט שנעל אַ געדאַנק דורכגעפֿלאַטערט,
אין שטילקייט פֿון נאַכטיקן שרעק;
ווי שמערצלעך איך האָב זיך אים כאַפּן געמאַטערט —
ער איז אין דעם חושך אַוועק.

דאָך, דוכט מיר, איך ווייס, אַז איך האָב אין געדאַנקען
שוין איבערגעלעבט דאָס אַמאָל;
געוואַכט ערגיץ־וואו אין אַ טרוים אין אַ קראַנקן
צוריק נאָך מיט דורות אָן צאָל.

אין פּדן ארם, צי נאָך פֿריער אַפֿילו,
אין מדבר ערב נאָך פּילייכט —
אַליין־וואו אין סומנע געצעלטן אין שטילע,
ווען שלאָף האָט פֿון אויג מיר געווייכט.

איך זע זיך דורך ווייטן פון צייטן אַלץ אימער,
מיט אויגן ברייט־אָפן, דערוואַכט,
אין דורכפלי פון שאָטנס, טיף־איינזאַם אין צימער,
פאַרלאָרן אין סוד פון דער נאַכט.

ניו יאָרק, 1921.

---

# מזלות...

אָ, מיין פאָלק! ווי די הימלישע ווייטקייטן זיינען
אין פאַרהוילנקייט אַלץ ניט באַוואוסט —
טוען אפשר די אַלטע מזלות דאָך שיינען,
און דער חושך פון נאַכט איז ניט פוסט?

אָ, מיין פאָלק! אפשר איז אויף אַ שטערן אַן אַנדערן
צו דיין גורל אַ ביישפיל פאַראַן —
אין דעם סוד, וואו עס טוט אַזוי טרויעריק וואַנדערן
אויף די מילך־וועגן דאָרט דער טומאַן?

ניו יאָרק, 1937

# כנסת ישראל

הינטער די הונדערטער לענדער
בלוטיקט פאַר מיר דיין געזיכט ;
צאַפלסט זיך אונטערן שענדער,
הפקר, אין זוניקן ליכט.

שרייסט, ביז דו חלשט אין שטומקייט,
וויינט אין דער שטיל דיין געבליט ;
דורות צעשמאַכטע אין פרומקייט
וויינען אין בלוט מיט דיר מיט.

הויבסטו זיך אויף אַ פאַרשוועכטע,
קאָרטשעט די שאַנד דיך און קרימט ;
וואָגלסטו אום אַ פאַרפרעכטע,
אייביק צום שענדן באַשטימט.

שטורעמט אַ וועלט נאָך דיר טעגלעך :
שענד, ווער עס וויל, און פאַרשוועך !
קוקסט אַזוי הילפלאָז און קלעגלעך,
קוקסט אַזוי ציניש און פרעך.

ווערט מיר פאַרמיאוסט דיין פעקל,
ליב איך דיך האַסנדיק דאָך ;
פיל איך צו דיר אַזאַ עקל,
ווערסטו מיר טייערער נאָך.

שלעפּ איך דיין פּעקל יסורים,
ברען מיט דיין שאַנד און דיין פּיין;
קוש איך דיין טראָט דורכן שטורעם,
כנסת ישראל דו מיין.

ניו יאָרק, 1924.

---

# צום לאַנדסמאַן

העי, לאַנדסמאַן דו, אין דורכגעבראַנפּענטן קאָזשוך,
דו העלד אין לאַפּטשעס פון דער דיכטונג פון דער שענסטער,
ווי פלעגסטו נעבעכדיק אַרויספלעמלען פון בוך —
אַ שיין פון קינעלעך אין נידעריקע פענצטער.

ווי הודיען פלעגט אין מאַרק־רוויש מיר דיין ליידן־ליד,
און דורכן שיינק־רויך פלעג איך זען דיין קראַנץ פון דערנער,
און ווי דער חוזק האָט מיך וויטיקדיק געבריט,
ווען דיינע קרענצלעך דערנער וואַקסן אויס אין הערנער.

העי, לאַנדסמאַן מיינער, ווי איך שעם זיך עד היום
פאַר מיין קאָזשוד־ראָמאַנס און יונגן לאַפּטשע־גלויבן,
ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין ברודער אין פּאָגראָם,
ווי שטעכעדיק דו פלעגסט אים אויף די הערנער הויבן.

איך האָב אין דיר די חיה, וואָס דו ביזט, דערזען,
מיין ברודערס שטעכער, זיינע קליינע קינדערס ווערגער;
איך האָב דיך טיף געהאַסט, ווי האַסן נאָר איך קען,
געחלומט פון נקמה, פון אַ שטראָף וואָס ערגער.

דאָך אַפּגעבושעוועט האָט דער וואולקאַן צו ענד,
און אויף דער אָפּגעקילטער לאַווא וואוינט מען ווידער;
געמאָרדעטע און מערדער גיבן זיך די הענט,
מען לייגט די העק און מעסערס ביז אַ צייט אַנידער.

העי, לאַנדסמאַן מיינער, וואָס דערציילט מען דאָרט פון אייך,
די וואונדער איבער וואונדער, וואָס איך הער פון וויטן:
מיין ברודער ווערט בדיל הדל, און דו ווערסט רייך,
אוןביידנס אַלטע ראָליעס בייטן זיך און בייטן.

ווי גיך איר וואָרצלט אויס, אַזוי פון העלער הויט,
אַליץ שוויבלנדיק און גריבלנדיק מיט די דעקרעטן:
אַט טרוימט מיין ברודער שוין פון דאָרף און שוואַרצן ברויט,
און דו... דו טרוימסט פון שטאָט און אוניווערזיטעטן.

און בעת מיין ברודער שטייט אין לאַפּטשעס און קאָזשוך
און פליאָבעט שוין, ווי דו אַמאָל, פון קוואָרט די וואָדקע,
איז מעשה תלמיד חכם זיצסטו שוין ביים בוך
און רייסט זיך וועגן מאַרקס די ריפּסענע קאַפּאָטקע.

און בעת דו ווייסט פון זייף שוין, און דו וואַשט זיך אויס,
און וואַשט און וואַשט אַראָפּ אין גאַנצן שוין דעם פּויער,
טאָ שווימט מיין ברודער אויפן וועג צו ערד אין שוויים
און הויבט ערשט אָן צו שמעקן, ווי אַ פּויער, זויער.

און בעת דו זיצסט, אַ באַנק־קוועטשער, פּאַרטיפּטערהייט,
און קוועטשסט אין פּלפּול אָן עכט־אידישע מערידן,
טאָ שטייט מיין ברודער רויט, מיט שפּאַן און אַקער גרייט,
און גויאיש טוט אין אים די טריפה יוכע זידן.

דו האָסט אים פאַר דער קראָם פאַרשפּראָכן ערד אין סטעפּ,
און וואָס איז פון דער ערד און פון דעם בייט געוואָרן?
דו ביזט נאָך אַלץ קיין געבער ניט, אַ חוץ נאָר קלעפּ,
העי, לאַנדסמאַן, לאַנדסמאַן דו, צו אַל־די שוואַרצע יאָרן!

ניו יאָרק, 1928.

## אויסגעפייניקטע פון שטורעם

אויסגעפייניקטע פון שטורעם,
וואַרטנדיקע אויפן מאָרגן,
זוכן מיר דאָס ליכט פון טורעם —
לויכט ער וואו אין נאַכט פאַרבאָרגן?

וועט ער פון דער שוואַרץ דערשיינען —
אָ, ווי אויסגעשעפּט מיר זיינען!

טויט־מיד זיינען מיר פון וועג שוין,
אַלץ דעם שוים פון תהום צו מעסטן;
צי געגעגעט זיך דער ברעג שוין —
מיטן באָדן מיטן פעסטן?

שטאַרק זיך, אָ, מיין מידער ברודער,
לאָז ניט אָפּ פון האַנט דעם רודער!

1937

# דער דור הפלגה

וואַקסט דער בנין דאַך אויף דעכער,
הויך און העכער, פרעך און פרעכער;
פליט צום טיפן סוד פון רוים
אין דער העלקייט פון די הויכן;
פליט צום נעבל פון אַ טרוים
גאָט אין הימל צו דערגרייכן;
זאָל דאָס ליכט אַרום זיין שטול
מיט די בויער ווערן פול.

טוט דער איבערשטער אַ לאַך
און צעמישט די שפּראַך.

נעמט שוין יעדער אַנדערש ריידן,
נעמט מען טראַכטן שוין פאַרשיידן;
ברומט עס בייז פון יעדער זייט
מיט אַ ווילדער ווילדע ווערטער;
רעדט מען מער ניט, נאָר מען שרייט

ביי דער אַרבעט דער צעשטערטער;
בלייבט מען אָפּגעזונדערט שטיין,
יעדער מיט זיין שפּראַך אַליין.

אָפּגעזונדערט, אָפּגעצאַמט,
און מיט חשד פאַרסמט.

ווערט פאַרשוועכט דער גאַנצער ענין
פון דעם הימל־הויכן בנין;
איז מען נאָר אַליין גערעכט!
נעמט מען זידלען, נעמט מען שפּעטן;
איז דער אַנדערער נאָר שלעכט!
און מען כאַפּט זיך מוחות פּלעטן —
לאַכט אַ וואָלקן זיך אין באָרד,
שווימענדיק פאַרביי דעם מאָרד.

זעט מען וואַנזין שוין אַ סך
אין דער עצם־זאַך.

און די העכסטע אויף די פּאָסטן,
וואָס זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן
שטייגן אַזש אין הימל־רייך,
צו די קוואַלן פון די שטראַלן,
און צו ווערן געטער־גלייך,
און מיט דונערן צו קנאַלן —
שטייען איינגעשצעמעט גאָר
איינער אין דעם צווייטנס האָר.

גייט אַזש פון די קלעפּ אַ רויך,
אויף דער העכסטער הויך.

אַך, איר פּאַניעס, פּאַניעס, פּאַניעס,
אויף די הויכע רעשטאָוואַניעס,
וואָס איר אַרבעט מיט דער גאַל
אַלץ צו ווערן הימל־ברעכער —
פּליט איר שטאַרקער כּף הקל,
וואָס איר זייט געשטיגן העכער,
און דאָס פֿאָלק, וואָס קנעט די ליים,
איז אַנטלאָפֿן שוין אַהיים.

און אָט שטירצט די גאַנצע זאַך
אין אַ וויסטן קראַך.

ניו יאָרק, 1937.

# סדום

תיכּף ווי די צוויי מלאכים זיינען
אויסצושפּירן סדום אַוועק,
הייבט אברהם אָן מיט גאָט צו טענהן
אין זיין אויפרעגונג און שרעק:
ווּעסטו לאָזן מיטן רשע שטאַרבן
אויך דעם צדיק, אויך דאָס קינד?
צי דו ווּעסט אין צדיקס זכות ניט דאַרבן
אויך דעם גאַנצן נעסט פון זינד?

צוואַנציק, צען נאָר — דינגט זיך אין זיין תפילה
אַלץ דער פּאַטריאַרך מיט גאָט:
שוין צוליב צדיקים צען אַפילו
דאַרף מען שאַנעווען די שטאָט!
זיינען אָבער אין דער שטאָט פון זינדער
צען צדיקים אויך ניטאָ,
און עס זיינען זינדער אויך די קינדער,
און עס קומט איר לעצטע שעה.

איז נאָך סדום מיט בלענדעניש געשלאָגן!
נעמען אַלע, גרויס און קליין,
אויך אַליין די גאָט־געשיקטע פּלאָגן
סדומיש־גרויזאַם און געמיין.
הויבט זיך פּלוצלונג אויף אַ הייסער נעבל,
הוליעט סדום נאָך אַלץ צעווילדט;
נעמט עס רעגענען מיט פלאַם און שוועבל
און אין רויך ווערט סדום פאַרהילט.

לויפט, אָ, ווער עס קען נאָר, וואָס געשווינדער,
ווייל מיט זאַלץ באַדעקט זיך אַלץ!
קוקט ווער צום געזאַלצענעם אַהינטער,
ווערט אַליין אַ דראָנג פון זאַלץ.
קוקט ניט אויף צוריק צו די רואינען,
ווייל עס איז מיט סדום שוין אויס —
לויפט און קוקט אַהין, וואו אַלץ טוט גרינען,
נאָר פאָרויס, פאָרויס, פאָרויס!

ניו יאָרק, 1937.

# די לעצטע

ואפּל על פּני ואזעק קול גדול ואמר
אהה אדוני יהוה כלה אתה עשה את
שארית ישראל.
(יחזקאל, יג׳, יא׳)

פֿאַלן בלעטער, דאָך עס בלייבט דער בוים;
פֿאַלן בוימער, דאָך עס בלייבט דער וואַלד.

און אין רויטן, אָוונטיקן טרוים
פֿון דעם סומנעם אונטערגאַנג באַשטראַלט,
הער איך צו דעם וואַלד זיך צו,
צו דעם טיפֿן וואַלד פֿון צער —
צו זיין אומרו פֿון זיין רו,
צו זיין שווערן שלאָף־קאָשמאַר.

שטייט דער וואַלד, פֿון שטורעמס אַ צעהאַקערטער,
פֿון די דונערן אַ דורכגעפֿלאַקערטער,
שטייט אַזוי און שלאָפֿט, אַן אויסגעמאַטערטער,

און מיט יעדער סאָסנע־נאָדל פּלאַטערט ער,
זעט פֿאַר זיך אין חלום: איינגעשלאָגענע,
אויסגעוואָרצלטע, אָוועקגעטראָגענע,
גאַנצע הורבעס בוימער אויסגעריסענע,
גאַנצע בערג מיט צווייגן ווייט־פֿאַרשמיסענע.

זעכטער, וועכטער! וואָס איז מיט דער נאַכט!
איז עס שוין פֿון אַלטן וואַלד דער סוף ?

וואָלקענט אין פֿאַרגייענדיקער פּראַכט,
שטורעם־דאָרשטיק, חורבן אַליך און שטראָף;
שפּילט דער אונטערגאַנג אין פֿלאַם,
און דער וואַלד צעברענט זיך רויט;
פֿלאַמט מיט יעדן הוילן שטאַם,
אַ פֿאַרמשפּטער צום טויט.

צייל איך זיי, די לעצטע, אָפּגעקליבענע,
פֿון די בייזע שטורעמס די פֿאַרבליבענע,
מיט די וואָרצלען טיף אין ערד פֿאַרנורעטע,
מיט די קרוינען שוואַרץ אין נאַכט פֿאַרכמורעטע,
ווי זיי הודיען, וויסטע, ביטערע,
מיט די שפּיצן מיט די שיטערע.
ווייטיק איך דעם ווייטיק דעם געמיינזאַמען,
צוק מיט יעדן בלאַט אין שרעק אין איינזאַמען,
ברום מיט יעדן בוים דעם ברום דעם ביטערן,
ציטער־דורך מיט יעדן צווייג דאָס ציטערן.

גאָט, מיין האַר! צי וועסטו מאַכן שוין
צו דער איבערבלייבעניש אַן ענד?

ווייס איך דאָך, אַז אויך דער רוף אַליין
האָט שוין ליידנשאַפטלעך דורכגעברענט
לאַנג צוריק ביים ברעג פון כבר —
אַלץ דער ברענענדיקער וויי,
נאָך דריטהאַלבן טויזנט יאָר,
אַלץ דער זעלבער ווייגעשריי.

הער איך צו דעם וואַלד זיך צו,
צו דעם טיפן וואַלד פון צער —
צו זיין אומרו פון זיין רו,
צו זיין שווערן שלאָף־קאַשמאַר,
אין דעם רויש, אָוונטיקן טרוים,
פון דעם סומנעם אונטערגאַנג באַשטראַלט.

פאַלן בלעטער, דאָך עס בלייבט דער בוים ;
פאַלן ביימער, דאָך עס בלייבט דער וואַלד.

נוי יאָרק, 1930.

# אַ נאַכט אַזאַ

דער הימל איז שוואַרץ, די לבנה איז רויט,
און אונטן אַ נאַכט אַ באַטרונקענע שכור,
און ריחות פון גרעזלעך פאַרשניטענע טויט,
און הייס־ווייסע נעבלען צעפליקטע אויף שטיקער.
אָט פלעמעלט־אויף גרין אין די בושעס אַ שיין,
גליט־אויף און פאַרגליט כהרף־עין;
איך קוק אויפן וואַלד און דאָס האַרץ גייט מיר איין:
צי טוט זיך אַ וואָלף דאָרט פאַרטייען?

איך ווייס, אַז עס זיינען ניטאָ דאָרט קיין וועלף
און אויך ניט קיין אַנדערע חיות פאַרהוילן;
דאָך הילכט פון אַ וועלט אַזוי שווידערלעך: העלף!
אַז אומעטום זעען זיך גרוילן און גרוילן.
איך זע אין דער נאַכט נאָכן שרעק נאָכן טעגלעכן
רק אים, דעם מחבל, אַנטקעגן —
אַזאַ אומגעזעענעם, דאָך אַזאַ מעגלעכן,
אַ לויערער אַליך אויף די וועגן.

אַט שטומען, אין היציקער פייכטקייט געבאָרענע,
ווי שאָטנס פֿאַנטאַסטישע, ריזיקע בוימער;
אַט שמעלצט זיך, פֿון טויען אַן איבערגעלאָדענע,
די טונקעלע לאָנקע אין שמאַכטונג געהיימער;
אַט רוט אין פֿאַרגעסנהייט ערגעץ דער ווינט —
אַ, אומרואיק האַרץ מיין, פֿאַרגעס זיך!
אַזוי ווי דאָס פֿלעמל, וואָס צינדט זיך און שווינדט,
אַ, ברענענדער ווייטיק, פֿאַרלעש זיך!

און באַלד אין מיין אויפֿרעגונג טו איך דערזען,
עס האָט זיך די לאָנקע מיט פֿלעמלעך צעהוידעט;
אַוואו נאָר דאָס אויג פֿאַלט — אַ ברען נאָך אַ ברען,
עס ווינקט און עס שווינדט און ווינקט ווידער און סודעט;
אַלץ גרינינקע אַלע, אין ליידנשאַפֿט ברויזנדער,
וואָס טוען פֿאַרכשופֿט זיך לאָזן
רק צינדן און שווינדן און צינדן אין טויזנטער,
אַריבער די גיריקע גראָזן.

איך קוק, אַ פֿאַרכאַפּטער, אין שטומקייט אין איינזאַמער,
ווי וואונדערלעך כּשופֿט דער אויפֿפֿלאַם, דער גרינסטער;
דאָך אומגעזען שצירעט די ציין וואו, אַ גרוויזאַמער,
און חוזקט און שיפּעט אין אויער מיר פֿינצטער:
דאָס זיינען דאָך טרוימען פֿון דורות פֿון פּליאיקע,
וואָס וואָר ווערן וועלן זיי נ י ט שוין —
די שטרעבונגען אַלע, די שיינע, די גליאיקע,
וואָס זיינען ביים אויפֿבלי פֿאַרגליט שוין.

און אַט אין דער שטילקייט דער טיפֿער, פֿאַרצוויבערטער,
האַט הילכיק און גרילציק אַ ראָב זיך צעקראַקעט;
אַנטפּלעקט זיך אַ דעמאָן פֿאַר מיר, אַ צעשויבערטער,
אין העסלעכקייט זיינער אין טייוולשער נאַקעט;
באַוויזן זיך פֿליגלען, אַ צורקע אַ מערדערשע,
מיט האָר מיט געדיכטע באַהאנגען;
דערזע איך — די פּיס זיינען קאָפּעטעס פֿערדישע,
דערזע איך — די האָר זיינען שלאַנגען!

מעדוזא, אָ, שרעק, וואָס דו קענסט דאָך פֿאַרשטיינערן
אַ וועלט מיטן בליק דיינעם נאָר, מיטן שווערן!
צי האָסטו געזען ווען אַ דור אַ געמיינערן —
אַ וועלט, וואָס פֿאַרדינט מער פֿאַרשטיינערט צו ווערן?
פֿאַרשטיינער די טעג די צעבראָסטעטע, קנאַקענדע;
פֿאַרשטיינער די נעכט די געהיימע —
די צוקענדע פֿלעמלעך, די ראָבן די קראַקענדע;
פֿאַרשטיינער אַליין אויך די אימה!

פּוירנדויל, נ. י., 1935.

# די גלות־שיף

דער טריאומף פון דעם ווילדסטן געוויטער,
און איך ליג אויפן בעטל און ציטער.

די משוגענע נאַכט אַזוי טיף,
און דער צאָרן פון פינצטערן רעגן,
און אַט פליט זי, די אַלטינקע שיף,
צו איר פאַרכטיקן גורל אַנטקעגן,
צום גזר־דין, לאַנג־באַשטימטן גזר־דין —
אָ, וואוהין! אָ, וואוהין!

און עס טראָגן זיך בלינד די סכנה־סיגנאַלן
דורך די חושכים די וויסטע,
און עס ווערן די רופן אין שטורעם פאַרפאַלן,
ניט דערהערטע, אומזיסטע.

אָ, ניטאָ קיין דערלייזער, קיין רעטער —
די פאַרטיליקונג, פריער צי שפּעטער!

און צעריסן איז לאַנג יעדער אַנקער,
און צעבראָכן — דער אַלטינקער רודער,
און אין וויסטער בהלה, אין קראַנקער,
וואַרפט אַ ברודער זיך ווילד אויף אַ ברודער,
און אַריבער די פינצטערע וואַסערן
זינגט און וואָיעט די טייוולשע שפּאַסערין

און זי פּלאַצט אין געלעכטערס אַלץ ברויזנדער,
אין צעהוליעטע דונערן טויזנטער,
אין צעווילדעטער וואַי־וואַקכאַנאַליע,
און אָט טראָגט אַ גיגאַנטישע כוואַליע,
און מען זעט ביי די שיכורע בליצן,
ווי מען פליט אויף די פעלזיקע שפּיצן.

און אָט עפנט זיך פּלוצלונג אַן אָפּגרונט פון אונטן,
און מען פליט כּף הקל אונטער העלישן וואָי,
און אָט קראַכן פון אונטן די פינצטערע גרונטן —
אדונאָי! אדונאָי!

ניו יאָרק, 1935.

# אין שטורעם

שומר מה מלילת, שומר מת מליל.
(ישעיה, כא׳, יא׳)

עס ברענט אַ טאָג, אַ בליי־צעלאָזענער, אַוועק —
אין שטיקעניש, יסורים און פּאַגראָמען־נויט;
פאַרנאַכט טוט ברוין אַ סומנע כמאַרע זיך אַ ווייז —
אין צענטער גרויזאַם־שוואַרץ און פלאַמיק־רויט ביים ברעג.

איך קוק און וואַרט, צערודערט און צעשמאַכט:
אָ, וועכטער, וועכטער, וואָס־איז מיט דער נאַכט?

איך קוק אין נאַכט אין אָנגעלאָדענער און הער,
ווי אָט געגנעענט זיך דער בייזער שטורעם באַלד,
ווי פינצטער אונטער פענצטער רוישט דער אַלטער וואַלד,
ווי פאַרכטיק ער צעוויגט זיך און צעקרעכצט זיך שווער.

אָט האָבן הונדערט היטלערס אויפגעקראַכט:
אָ, וועכטער, וועכטער, וואָס־איז מיט דער נאַכט?

און פלוצלונג אין די קולות, די צעברומטע ווילד,
צעזינגט זיך מיר אין האַרץ אַ נאַכט אַזאַ אַמאָל —
אָט זיץ איך ביים תנ״ך, אָט קלינגט מיין רבים קול,
ווי פייערליך, ווי עקזאלטירט, און דאָך ווי מילד!

איך רוף פון חדר מיט מיין גאַנצער מאַכט:
אָ, וועכטער, וועכטער, וואָס־איז מיט דער נאַכט?

דערהער איך, ווי דער רוף האָט דורות דורכגעשאַלט,
אין ווילדע נעכט אַזוינע, אין חדרים שפּעט;
עס זיינען מיינע אַנגסטן און מיין וויי־געבעט,
ווי איך אַליין, דאָך אַלט, אַזוי אַן שיעור דאָך אַלט.

יאָרטויזנטער געוואָרט, יאָרטויזנטער געשמאַכט:
אָ, וועכטער, וועכטער, וואָס־איז מיט דער נאַכט?

אין מינסק, אין מאינץ, אין פּומבדיתא, דור אין דור
האָט אויפגעטרייסלט אַלץ מיין אויסגעשריי די לופט;
און וויפיל בין איך שוין אין שטורעמס אויסגעפּרואווט!
איך בין פון וואַלד פון עלטסטן עלטער דאָך פיל יאָר.

עס הודיעט, ווי דער וואַלד, מיין וויי, וואָס וואַכט און וואַכט:
אָ, וועכטער, וועכטער, וואָס־איז מיט דער נאַכט?

פּווירנדייל, נ. י., 1935.

# די סדרה לך־לך

אַלטע זכעניש פון טרייסט אין ספר ,
און אַ וועלט־געשריי פון האַס און חעץ ;
גייען מיר און וואַרטן אויפן שופר,
ציילן אַלץ און רעכענען דעם קץ.

מיט די אויגן צו די כמאַרעס אויבן,
מיט די פיס דורך לוזשעס אייגן בלוט,
גייען מיר, פאַרשכורטע פון גלויבן,
וואַנדערן און וואַרטן אין מאַרשרוט.

קוקן מיר צום ליכט, וואָס איז פאַרבאָרגן ;
הערן אַלץ פון אויסלייזער די טריט :
היינט, צי מאָרגן, אפשר איבער־מאָרגן —
קומען וועט ער, ווי ער זאָמט זיך ניט !

קומט מען אום אָן צאָל אין גאַנג אין האַרטן,
אונטערן מחבלם האַס און העץ —
בלייבט נאָך איבער תמיד ווער צו וואַרטן,
תמיד ווער צו רעכענען דעם קץ.

זוכט מען דאָרשטיקער די טרייסט אין ספר,
און מען פאָרשט די פסוקים מער און מער ;
וואַרט מען עקזאַלטירטער אויפן שופר,
ווערט נאָך אָנגעשפיצטער דער געהער.

ווי מיר גייען אין עקסטאַזן פֿרומע
תּמיד מיטן ספֿר קעגן שווערד —
פֿאַלן וואַרטער, דאָך עס בלייבט די אומה
ביזן סוף פֿון וואַרטן אויף דער ערד.

איז עס אונזער פֿלוך, צי אונזער ברכה,
אונזער פֿינצטערניש, צי אונזער שיין —
אונזער גורל אין דער וועלט־משפּחה
איז די וואַרטער אויף דער ערד צו זיין.

און מיר גייען און די בעסטיעס ברומען,
לויערן אונז טויט אויף יעדן קער און ריר,
און מיר וואַרטן, מוכן און מזומן,
אויסדערוויילט — אַ ברירה האָבן מיר!

ניו יאָרק, 1937.

# ביי דער וויג

(פון די אידיש־פוילישע געזאַנגען)

שמייכלסט קרענקלעך, ווערסט אַנטשלאָפן,
מלאכ'ל דו מיין...
ליגט פאַר מיר דיין צוקונפט אָפן
און מיין האַרץ גייט איין...
וואַך איך לאַנג ביי דיר צוקאָפּנס
פאַרן סומנעם שטראַל,
און די הייסע טרערן־טראָפּנס
פליסן, ווי אַ קוואַל.

הערסטו, ווי די ווינטן וואָיען
דאַרשטיק, אימהדיק...
שוואַרצע שרעקן, שוואַרצע קראָען
קראַקען ביי דיין וויג...
זינג איך, זון מיין, דיר אַ מעשה
פון צעקלעמטן האַרץ —
ניט פון ציגעלעך פון ווייסע,
נאָר פון שרעקן שוואַרץ.

זעסטו די לבנה אויבן,
ווי אין גרווילן־גלוט
קוקט זי דורך די שוואַרצע שויבן —
רויט אַזוי, ווי בלוט...
זעסטו אויגן, גרינע פלאַמען,
וואַלפיש הינטער טיר...
לויערן אויף טאַטע־מאַמען,
לויערן אויף דיר.

טראָגן זיך אַלץ אימות איבער,
ווי אין ווייסט און ווינד...
האָב קיין מורא ניט, מיין ליבער,
ליווּלינקע, מיין קינד...
זאָלן בייז די בעסטיעס ברומען,
דראָען ווילד און ווייט...
האָבן מיר דאָך בייגעקומען
זיי אין אייביקייט.

זאָלן די טיראַנען סמען,
ברענען אונז די ערד...
וועסטו שמידן אין די פלאַמען
פון דער קייט אַ שווערד —
אַ געהייליקטער צו שטרייטן
אין דער וועלט־אַרמיי,
אין די גרויסע גורל־צייטן,
גרוים אין גרויסן וויי.

טוט דיין מאַמעס האַרץ אַ ציטער —
דיך נאָך זען אַמאָל
אין דעם פרייהייט־שטרייט אַ ריטער,
מיט אַ גייסט פון שטאָל...
ווי דו וועסט ביי מיר נאָך וואַקסן,
טריי דיין אַלטן שטאַם,
אַ געברענטער, בראַווער עקשן,
מיט אַ האַרץ פון פלאַם.

טראַכט איך פון דער וועלט מיט שונאים,
וואו דו פירסט דעם קריג,
לויכט מיר וואונדערלעך דיין פנים,
ווי דו ליגסט אין וויג...
ווי איך וועל מיט דיר שטאַלצירן,
ציטערן דורך נעכט,
בעת דו וועסט די מחנות פירן,
די באַפרייטע קנעכט.

ווי נאָך טויזנט יאָרן גאָרן
טראָגסטו הויך די פאָן,
און אין טויזנט טויט־געפאָרן
צינדסטו מאַסן אָן...
ווי איך זע דיך אַ באַהעלטן,
גייט דאָס האַרץ מיר איין...
צינדער פון פאַרפלוכטע וועלטן,
אויסלייזער דו מיין.

פֿאַר די כוואַליעס פֿון נגישות,
פֿאַרן תהום פֿון סם,
פֿאַר די מערדערלעכסטע רשעות,
בלאָז־זשע אויף דעם פֿלאַם...
צינד־זשע אונטער פֿון פֿיר עקן
יעדן העק פֿון שלעק...
זאָלן אַלע שוואַרצע שרעקן
מיטן פֿלאַם אַוועק.

ניו יאָרק, מאַי, 1936.

---

# נחמו, נחמו!

האָט די זעאונג וואונדערלעך זיך אָנגעצונדן —
אָנגעצונדן און פֿאַרשוואונדן.

ווען דער מיטינג האָט געהודיעט, ווי אַ פֿלאַם,
און געריסן האָט דער פֿלאַם זיך ווילד פֿון צאַם,
פֿון דער נאַכט דער טיפֿער, פֿון די ענגע ווענט,
האָט עס, ווי אַ ווייטער אָפּשיין, דורכגעבלענדט,
האָט אַ פֿאָך געטאָן פֿאַר מיין צעהיצטן בליק —
און אַוועק אין נאַכט צוריק.

ווען די הערצער זיינען אָנגעגליט, ווי אייזן,
טוט אַזאַ מיראַזש זיך ווייזן.

אָפּשײַן פֿון אַ בילד, װאָס האָט געטאָן דערשײַנען
מיר אין קינדהײט נאָך, אין חדר, װאו מיר זײַנען
שפּעט אין װינטער־נאַכט געזעסן בײַם תנ״ך,
מיט פֿאַרקלעפּטע אױגלעך, דאָך מיט הערצלעך װאַך,
און דער רבי, אין זײַן פֿרומען פֿלײַס, אין טרײַען
האָט געלױכטן מיט ישעיהן.

פֿלעגט מען גאָרניט װעלן אױפֿן זײגער קוקן,
פֿלעגט דער ענגער חדר זיך פֿאַנאַנדעררוקן,
פֿלעגט דער באַלקן איבער קאָפּ זיך נעמען הױבן,
און צעלױכטן האָט זיך װאונדערלעך פֿון אױבן;
טוט אונז פֿון אַ טראָן אַ זון־געשטאַלט אַ בליק,
אין עטרה און אין תּפֿילין אױפֿן שפּיץ;
האָבן ליבע שטראַלן שטראָמען אַלץ גענומען,
אין די שטראַלן איז אַ צאַרטע שטים געשװאומען,
טוליעט אונז די שטים געהײליקט־געטלעך צו,
װי זי רופֿט: נחמו! נחמו!

האָט אַ לעבן לאַנג־װאו די געשטאַלט געגליט —
אין דער טיף פֿון מײַן געמיט.

הױב זיך אױף, אָ, באַלקן! אָ, צערוקט זיך, װענט!
זאָל עס געבן װידער װאונדערלעך אַ בלענד —
אָ, אַנטפּלעק זיך, װײַז זיך, לאָז זיך הערן, טרײסטער!
כּשוף אונז אַרױס פֿון אימה פֿון צעבײזטער;
האָבן מיר דאָך לאַנג פֿאַרגעסן שױן װאָס הײסט
די געלײטערטקײט פֿון טרײסט.

װעסטו אױפֿגײן נאָך אין לױטערקײט אין שענסטער
פֿון דער פֿינצטערניש פֿון פֿענצטער?

ווי מיר קוקן אוים אויף דיר די אויגן בלינד —
צינד זיך אָן, און צינד און צינד!

און דער מיטינג הודיעט, ווי אַ פּלאַם, כּסדר,
שרייען מיר און שמאַכטן, ווי אַמאָל אין חדר,
וואַרטן אַלץ אויף וואונדער ניט געשעענע,
גאַרן אַלץ צו זען דאָס ניט־געזעענע,
און ווי מיד מיר זיינען, ווי אַרום איז פינצטער,
ניט קיין שטראַלן־שפּור קיין מינדסטער.

רופן אַלע מיר אין אונזער האַרצן־ברומען:
וועסטו קומען? וועסטו קומען?

ניו יאָרק, 1934.

# אַ קאָשמאַר

אַ פינצטערער ים, אַ קאָשמאַר אויף דער וואָר;
עס זעגעלט די שיף מיטן האַמער פון טאָר.

אָט הערט זיך דאָס בריאַזגען פון פיקעס אויף שילדן;
איך זע אויפן באָרט שוין דעם וויקינג דעם ווילדן.

אָט לאָזט זיך זיין מאַנשאַפט מיט האַק און מיט שווערד,
אין שופּענע פּאַנצערס און פלאַקסענע בערד.

די בעסטיעס די בלאָנדע! די בראַנד־ברוינע כמאַרע!
אָט וואַרפט מען זיך שעכטן אַזש גיין וועט אַ פּאַרע.

צי וועט אויף אונז טאַקע אין פינצטערן גוואַלד
דער האַמער פון טאָר זיך אַראָפּלאָזן באַלד?

נאָר ניין! אָט פּראַלט־אויף אין דער כמאַרע אַ פענצטער;
אָט פליט פאַרן אויפשיין די שיף פון געשפענסטער.

אָ, וואָטאַן, דו וועסט אין פּיראַטישער גלוט
ניט אויסטרינקען שוין דיינע בעכערס מיט בלוט!

אָט גליען וואַלקירען אין וואָלקנס אין רויטע —
דיין חברה קדישא, וואָס זוכט דיינע טויטע.

אָט שמעלצן זיי באַלד קעגן זון אַלע מאָט;
אָט שמעלצט דער סקעלעט פון דיין לעצטן פּיראַט.

מאָנטיסעלאָ, נ. י., 1937.

צענטע אָפּטיילונג

# די ערשטע לירישע לידער



# דער מצבה־קריצער

זי האָט אין מאַי די וועלט פאַרלאָזן,
אין רעכטן אויפשיין פון איר מאָרגן;
זי האָט אַ ווילע אויפגעלויכטן
און באַלד אין חושך זיך פאַרבאָרגן.

עס איז געבליבן פאַרן קבר
איר בליענדיקער גוף, איר צאַרטער,
און פאַרן לעבן אַ געדעכעניש —
אַ קאַלטער מירמעל־שטיין, אַ האַרטער.

עס פוילט דער גוף אין שוואַרצן קבר
און ווערט וואָס ווייטער מער פאַרגעסן;
עס האָבן אים געוויס די ווערים
שוין ביזן הוילן ביין צעעסן.

עס גלאַנצט דער מירמעל־שטיין אין זון־שיין,
און איצט, צום יאָרצייט אירן, מונטער
האַקט אויס אַ יונג די אויפשריפט־ווערטער
און זינגט זיך ביי דער אַרבעט אונטער.

די ווערטער וועגן בייזן גורל —
צו שטאַרבן פרי, אין פרילינג־מאָרגן,
אַ לויכט טאָן אויף דער וועלט אַ ווילע
און באַלד אין חושך זיך פאַרבאָרגן.

און אויבן שפּילט די זון און שמייכלט,
און וואַרפט איר פולן פרילינג־פלאַקער
אויף דער צעוואַרימטער מצבה
און אויפן זינגנדיקן האָקער.

דער יונגער האָקער זינגט פון ליבע,
און די מצבה ווערט אַלץ וואַרמער;
עס קומען פלינק אַרויס די ווערטער
און קוקן פריילעך פון דעם מאַרמער.

מינסק, 1894.

---

## ביים טייך

און וואַלקנדיק הויך איז דער זילבערנער הימל
אין טיפן, אין פּראַכטיגן אָסיען;
עס שטייט די לבנה ביים טייך אַ פּאַרקלערטע,
און האָט אים מיט שטראַלן פאַרגאָסן.

דער טייך האַלב־פאַרגליווערט, ער ליגט אין די שטראַלן,
און מוט־וואָס און זאָגט־וואָס און סודעט;
ער קוקט פול מיט גלוסטן אַרויס פון די קוסטן,
און רירט זיך און הויבט זיך און הוידעט.

ער הוידעט און שפּיגלט מיט זילבערנע פּאַסן
און שטיקלעך צעבראָקטע לבנות;
און עפּעס מיר דוכט זיך, אַזוי ווי ער כשופט,
און ציט מיך און שלעפּט מיך סכנות.

אַנטקעגן מיר נאַקעטע שטייען די ווערבעס,
די רווישלאָזע צווייגן צעשויבערט;
זיי שטייען צעשטראַלטע, באַוועגלאָזע, קאַלטע,
און קוקן אַזוי ווי פאַרצויבערט.

און טיפער און פעסטער אין פראָסטיקער שטילקייט
די וועלט די פאַרשלאָפענע זינקט אַלץ;
דער טייך נאָר, ער רוט ניט, ער שטומט אַ מינוט ניט,
און מאַכט זיינע קונצן און ווינקט אַלץ.

ער ווינקט און ער ציט מיך צו זיך אין דער שוואַרצקייט,
אין וואַסער, אין טיפן, אין קאַלטן,
אין רופנדער אָפּרו, אין פרירנדן צויבער,
אין סוד — אויפן אָפּגרונט באַהאַלטן.

מינסק, 1894.

# דער חודש ניסן

## 1

### די וואַסערן

עס הענגען ליכטלעך אייז נאָך וואו,
עס שוואַרצט נאָך וואו דער שניי;
דאָך קומט ער שוין, דער ניסן, צו,
מיט שטראַלן און געשריי.

ער קומט מיט זונקראַפט אָנגעזאַפּט,
און שרייט אין טיר און רופט און קלאַפּט:
שטייט אויף, עס האָט זיך אויפגעכאַפּט
דאָס לעבן איבעראַל!

עס קומט צום שיין די ערד אַרויס,
און שלאָגט אַרויף איר אָטעם הייס,
און שמידט פון טויטן אייז זיך אויס,
און שפּאַרט זיך, ווי אַ קוואַל.

דאָס וואַסער לויפט, דאָס וואַסער שרייט,
מיט לוסטיקייט, מיט האַסטיקייט,
אַזוי ווי פון אַסטראָג באַפרייט,
און שפּיגלט אָפּ דעם שטראַל.

עס שפּיגלט אָפּ דער זון אַ דאַנק,
און יום־טובדיק און פרײַ און פראַנק
דערצײלט עס איצט אין פרייד
פון ווינטער־ווײ, פון ווינטער־וועג,
פון לאַנגע נעכט, פון שוואַרצע טעג,
פון פראָסט און דרוק און לייד.

שוין אַלעס־אַלעס דורכגעמאַכט
און דאָך אַרויס אין פולער פּראַכט.

עס איז אַרויס, עס איז באַפרייט,
עס שטראַלט און שאַלט פון יעדער זייט,
עס שטייט אין לופט אַ גוואַלד;
עס רוישט און ברויזט, עס זשומט און ברומט:
דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט
שוין באַלד, אָט באַלד, באַלד־באַלד!

2

# די זון

דאָס ווינטל אָפּטמאָל טוט אַ לאָף
און מאַכט אַ טומל ווילד;
עס ווערט מיט וואָלקנס אָן אַ סוף
דער הימל איבערפילט.

די זון באַהאַלט זיך אַ מינוט,
באַהאַלט אַוואו איר גאָלדן־גלוט,
און קאַלט און מיאוס און ניט גוט
ווערט פלוצלונג די נאַטור.

נאָר באַלד פאַרשווינדט ער שוין, דער ווינט,
דער שטיפער, טראָגט זיך דורך געשווינד,
און ווידער לייטערט אויס זיך לינד
די זיידענע לאזור.

עס שפּרייט זיך אויס דער הימל רייַן,
מיט שפּילעוודיקע כוואַליעס חן,
עס שמעלצט און עס צעשמעלצט זיך שוין
דער לעצטער וואָלקן־שפּור.

ווי ווער וואָלט אונז טעאַטער־שטיק
דאָרט אויבן פאַרגעשטעלט,
ווי לייכט עס בייט זיך צער און גליק
אויף אונזער קליינער וועלט.

און ווידער טאַנצט די זון אַרויס
און רופט אין דרויסן קליין און גרויס.

זי רופט און גיסט מיט היץ און ליכט,
און מונטערט און דערקוויקט ;
די ערד באַקומט אַ ניי געזיכט —
דערקוויקט, באַגליקט, אַנטציקט.

ווי ווער, אַ ליכט־אַנטציקטער, שוועבט,
אין גאָלד און בלאָקייט אויסגעוועבט,
פון הימל הויך און רופט.
עס ווייהט און שפּרייט אַרום די פרייד :
דער פרילינג גייט, דער פרילינג גייט,
ער פילט זיך שוין אין לופט.

3

# דער אָפּרוף

דעם גאַנצן ווינטער איז מיין האַרץ
געלעגן איינגעפּרעסט
אין כמאַרעס גראָ, אין כמאַרעס שוואַרץ,
פאַרפראָרן אין די פרעסט.

דער הימל נידריק איבער קאָפּ,
ער הענגט אַ בלייערנער אַראָפּ,
און טאָג און נאַכט אַלץ כלאָפּ און כלאָפּ,
עס שנייט און שנייט און שנייט.

דער ווינט, פאַראומערט, טומלט, טראָגט,
באַפאַלט די וואָלקנס, טרייבט זיי, יאָגט,
און פירט ניט אויס, ווערט בייז און קלאָגט,
און דרייט דעם שניי און דרייט.

און היינט און מאָרגן אַלץ אַזוי —
די זעלבע וואָלקנס, בליי און שניי,
דער זעלבער ווינט, דער ווייי־געשריי,
עס מאַטערט אַזש צום טויט.

נאָר ווי דער ערשטער פרילינג־שטראַל,
מיט וואַרימקייט און ליכט אַ שלל,
ער טוט זיך נאָר אַ ווייז,

טוט לינד דורך מיין געמיט אַ בלאָז,
עס טוט אַ זון־שטראָם זיך אַ לאָז
און רייסט מיך אויס פון אייז.

און איבעראַשט, מיט לוסט, מיט האַסט,
עס רופט מיין האַרץ זיך אָפּ,
און וואַרפט די וויסטע ווינטער־לאַסט
געשווינד פון זיך אַראָפּ.

און עפּעס הימל־העלעס דרינגט
אַריין אין זעל מיר און באַצווינגט —
און ברייט און טיף און בלאָ.
עס בליט און גליט מיר אין געמיט:
דער פרילינג ציט, דער פרילינג ציט,
דער פרילינג איז שוין דאָ.

4

## די אומרו

דער פרילינג גלעט, דער פרילינג טרעט,
באַגלייט פון ווינטלעך מילד,
אויף גרין אויף צאַרטן אויסגעבעט,
אין זון־שיין איינגעהילט.

ער גייט זיין שטילן זיידן־וועג,
דורך שטראַלן־שפּע אָן אַ ברעג,
דורך פּורפּור־גאָלד־געוועבטע טעג,
דאָך ווייס איך ניט וואָרום —

עס פֿאַלט אַ בענקעניש מיר צו,
און ציט און גיט מיר ניט קיין רו,
איך לויף און לויף און ווייס ניט וואו
אין פרילינג אומעטום.

אַלץ עפּעס רופט מיך וואו און ציט,
אַלץ עפּעס שפּילט אין מיר און גליט,
און היצט די בלוטן מיר און ברית,
און טראָגט און יאָגט מיך אום.

איך פּיל אַרום דעם שפּיל פון זאַפט,
דעם איבערפאַל פון לעבן־קראַפט,
וואָס בונטעוועט און רייסט.

און עפּעס גייט דאָס האַרץ מיר איין,
ווי מיטן פרילינג וואָלט אַריין
אין מיר אַ שלעכטער גייסט.

און פּלוצלונג ווערט מיר עפּעס באַנג
און אומעטיק אַזוי;
עס בענקט זיך נאָך דער תּפיסה לאַנג,
נאָך וואָלקנס און נאָך שניי.

דאָך אין דער לופטן שווימט און שפּילט,
פאַרשכורנדיק, וויסט און ווילד,
דאָס גלוטיקע געטראַנק.
איך טרינק די גלוט, די זונען־גלוט,
עס פלאַמט מיין בלוט, עס סמט מיין בלוט,
איך בין, אָ, פרילינג־קראַנק!

מינסק, 1894.

# לבנה־נאַכט

די לבנה, זי שיפט זיך
אויף לופטיקע וועלן,
אין טיפן לאזור־ים,
דורך שטילקייט און נאַכט;
זי שיפט זיך און כשופט,
און שפּרייט פון זיך שטראַלן,
און ווייהט מיט חלומות,
פאַרבענקט און פאַרטראַכט.

עס פאַלן די שטראַלן
אויף בערג און אויף טאָלן,
אויף פעלדער און וועלדער —
און הילן זיי איין
אין צאַרטער פאַרקלערטקייט,
אין טוי־לייכטן טרויער,
אין ווייכן, אין בלייכן,
אין בלאָלעכן שיין.

עס שפּרייט זיך דער חלום,
אַ היילונג פאַר זעלן,
וואָס וואגלען גלגולים
אין עלענד און לייד;
ער גיסט אין זיי זיסקייט
פון זעלטענע וועלטן,
פון הימלשער מילדקייט,
פון פרידן און פרייד.

מינסק, 1894.

# די דערוואַכונג

ברן יחד כוכבי בוקר.
(איוב, לח׳, ז׳)

שטיל איז אַרום די נאַטור, און זי דרעמלט
צערטלעך אין שווים פון דער נאַכט;
טיף האָט דאָס לעבן פאַרשטומט, און דער הימל
ליגט אין פאַרכשופטער פּראַכט.

שיינענדיק ליגט אַ צעשפּרייטער דער הימל,
גלייך ווי פון זיידנס געוועבט;
האָפערדיק פּירט די לבנה דעם נאַכט־מאַרש,
פלאַמט אין איר פולקייט און שוועבט.

טויזנטער שטערן, באַגליקטע, אַנטציקטע,
שטעלן מעלאָדיש זיך פאָר;
שלאַנק און האַרמאָניש אויף טויזנטער שטראַלן
טראָגט זיך דער הימלשער כאָר.

עפּעס־וואָס לויטערעס, הערלעכעס, גרויסעס,
גיסט זיך פאַנאַנדער אין לופט;
גיסט זיך דורך טויזנטער שטראַלנדע טענער,
קלינגט אונז, באַצווינגט אונז און רופט.

עפּעס אומשטערבלעכעס, געטלעכעס רופט אונז,
אייביק פון הימל־געצעלט —
אונז, די פאַרגייאיקע ברואים פון אונזער
שטויביקער, שטערבלעכער וועלט.

שטיל איז אַרום די נאַטור, און זי דרעמלט
צערטלעך אין שויס פון דער נאַכט.
דאָך ווי זי האָט נאָר די שירה פאַרנומען,
רירט זי זיך אויף און דערוואַכט.

צווישן די בוימער וואו וועקט זיך דאָס ווינטל,
מורמלט אַדורך אַזוי ווייך;
טוט זיך אַ הויב פון די צווייגן אַ תפילה
ווישיק אַרויף אין דער הויך.

צווישן די תפילות וואו וועקט זיך דער פויגל,
טרייסלט זיך טרוימעריש אויף;
אויפגערעגט שיקט ער דורך טרעלן אַן אָפקלאַנג,
פריי צו די הימלען אַרויף.

צווישן די טרעלן וואו וועקט זיך דאָס גרעזל
ליב אין די אָרעמס פון שטראַל;
בשמים, פאַרפיומען — אַ ריח גן עדן
שפּאַרט זיך און שלאָגט, ווי אַ קוואַל.

ריחות און בשמים און טרעלן און תפילות
טייכנווייז שטראָמען אין רוים,
שטראָמען און דרינגען אין האַרצן פון דיכטער,
ציטערן דורך, ווי אַ טרוים.

צווישן די מענטשן וואו וועקט זיך דער דיכטער;
וואַנדעלט אין מיטן דער נאַכט;
שווימט אויף די וועלן פון ריחות און טרעלן,
טיף אין אַנטציקנדער פּראַכט.

זילבערנע שטראַלן באַפאַלן די שאָטנס,
ציען זיי איבער מיט שיין;
זילבערנע ריימען באַפאַלן דעם דיכטער,
קלינגען און שלינגען אים איין.

ריימען און ריחות און שטראַלן און טרעלן,
אונטערן דיכטערישן בליק,
גיסן זיך אַלע באַגייסטערט צוזאַמען,
בלאָלעך אין הימל־מוזיק.

לבנה און שטערן, די ערד און דער הימל,
אַליך, ביזן מינדעסטן שטויב,
גיסט זיך צוזאַמען אין האַרצן פון דיכטער,
לויטער אין שירה און לויב.

דענסטמאָל ווערט נאָענט דאָס ווייטסטע אין שטח,
אייביק — דער שטויביקסטער שטאָף,
היים ווערט צעגאַנגען דאָס האַרץ אין די טרערן,
טרערן פון ליבע אָן סוף.

ליבע צו אַליך, וואָס די מוטער־נאַטור האָט
איבער די וועלטן צעשפּרייט,
ליבע צו אַליך, וואָס האָט אָטעם און לעבן,
ליבע צו אַליך, וואָס איז טויט.

מינסק, 1894.

# אויפן שייד־וועג

און פאַרצאַרנט און טונקל גייט אונטער מיין וועלט,
גענאַרט אין מיין האָפן, גענאַרט אין מיין שטרעבן,
און אַזוי ווי אַ וואַנט וואָלט דעם וועג מיר פאַרשטעלט —
נאָך אַ טראָפּן אין ים, נאָך אַ לעבן!

מיינע שטורמיקע יאָרן, זיי זיינען אַוועק,
אַזוי ווי אַ טומלדיק־דריקנדער חלום,
און דערוואַכנדיק זע איך נאָר פּוסטקייט און שרעק,
אַ פאַרחלומטן הבל הבלים.

און איך פיל, עס פאַרשווינדט און עס בלייבט ניט קיין שפּור
פון שטורמיקער יוגנט און האָפן און שטרעבן,
און פון אַלץ וואָס מאַכט שיין די ניט־שיינע נאַטור,
און פון אַלץ וואָס גיט אינהאַלט דעם לעבן.

און אַן אומעט אַ שווערער פאַרנעמט מיר דאָס האַרץ,
און קאַלט, ווי דאָס לעבן, און פויל, ווי דער אָסיען,
און אַזוי ווי דער הימל, פאַרגליווערט און שוואַרץ,
אין די בלייערנע טרערן פאַרגאָסן.

און איך זע און געפין ניט קיין רייץ און געדאַנק
אין אַלץ וואָס מיר שעצן און זוכן און ווילן;
טאָ פאַרוואָס טוט מיר דאָך אַזוי וויי, אַזוי באַנג,
און דאָס האַרץ קען זיך אַלץ נאָך ניט שטילן?

מינסק, 1895.

# אינהאַלט־פאַרצייכניש פון צווייטן באַנד

## I — אין ווידערשיין


זייט

ציכנונג פון מאַרק שאגאל ........ 8

מיינע לידער ........ 9

יום שכולו שבת (מיין זעליקן פאָטער יהודה לייב געווידמעט) ........ 12

און בין איך יונגערהייט ........ 15

אַליין:

1. איך בין אין בית מדרש ........ 16
2. עס פליען די שאָטנס ........ 17
3. איך קוק אין דער פענצטער ........ 18

די באַלאַדע פון ווינטער ........ 19

וועלקט דער הייסער טאָג... ........ 22

א תפילה ........ 24

האַרבסט־שטימונגען:

1. א רוישיק, פיל־שטימיק געשריי ........ 25
2. אַוועק איז דער יום טוב ........ 25

דאָס גליק צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פון גליק .. 27

אויפן וועג ........ 29

קידוש החודש ........ 31

דער לעצטער פונק:

1. זאָל איך זיין דער פונק ........ 34
2. ליגן אין די אַשעס ........ 35

אין אייביקן אייביק:

1. דער טאָג מיינער ........ 36

זײט
2. איך װײס נישט װי לאַנג ................ 37
3. איך ליג און איך זע אומגעזעענע פֿיל .. 38
4. איך ליג שױן זינט טױזנטער יובלען אַזױ .. 39
5. אַ, הײליקער זײדע! זאָל פֿינצטערניש זײן 40

## II — בײם ים

צײכענונג פֿון מאַרק שאַגאַל .................. 42

פֿאַרבן און שטימען ......................... 43
די שיף ...................................... 44
אין שלאָפֿלאָזן חושך ........................ 46
אַ פֿײערל .................................... 47
אין הײסער מיטן־נאַכט ........................ 48

אַ ראָמאַן:

1. די לבֿנה .................................. 49
2. דער אַטלאַנט .............................. 50
3. פֿאַרטאָג .................................. 52
רײסט דער װינט דעם נעבל ..................... 54
אונטער־שטורעם .............................. 55
די באַלאַדע פֿון שױם און שײַן ................ 57
אױפֿן באָרדװאַק .............................. 59

דער קלאָג־װינט:

1. דער רוף .................................. 60
2. אױפֿן אָפּגרונט ............................. 61
3. אין בעטל .................................. 63
אין אונטער־הימל ............................. 64
אױפֿן ברעג .................................. 65
פֿאַרנאַכט .................................... 66
די שיף, װאָס פֿאַראײניקט די ברעגן ............. 67
עס לױערט דער תּהום ......................... 68
שװימען מיר, די אומגעזעענע ................... 69

## III—מיין קאַראַוואַן


זייט

ציכנונג פון מאַרק שאַגאַל ...... 72

מיין קאַראוואַן ...... 73
דער תיקון (ווי לידער ווערן געשריבן) ...... 75
ביים גרענעץ ...... 77
קולות אין וואַלד ...... 80
אויפן אַש ...... 83
שולדן ...... 85
באַרג און טאָל ...... 86
די הייזקע אויפן באַרג ...... 87
אין וויסטעניש ...... 90
דער זינגער ...... 91
מוצאי יום־טוב ...... 93
שיין, לאַמטערנע מיינע ...... 94
אין דערוואַרטונג ...... 96


## IV—חלום אין וואָר


ציכנונג פון מאַרק שאַגאַל ...... 98

דאַן קיכאָט ...... 99
פראַנציסק פון אַסיזי ...... 102
דאָס געוויין פון שאַראַזאַד ...... 104
קיינמאָל־מער (פאָו'ס וואָראָנע 80 יאָר שפּעטער) ...... 107
אייביקייט (דאָס קלאָג־ליד פון אַ מומיע) ...... 112
מדת הרחמים ...... 116
דער צוג ...... 118
די וואַלפּורגיס־נאַכט ...... 119
די גאַס נאָך האַלבער נאַכט ...... 124
די פּראָצעסיע ...... 127

## V — ממעמקים

זייט
צייכנונג פון מארק שאגאל ...... 130

ממעמקים:

1. ביים סוף וועג ...... 131
2. נאכט־געמורמל ...... 132
3. אין דער פינצטער ...... 133
4. דער שנעל־צוג ...... 134
5. פראגן ...... 135
6. ביים זון־אויפגאנג ...... 136
7. אין דער פרי ...... 138

פון דיר צו דיר ...... 140
אין וואלד ...... 141
שאָטנס ...... 143
דורכן שאָטן־דראנג ...... 146
דער זייגער קלאפט און קיינער איז ניטאָ ...... 147
אינטער־פלאנעטן־אייניקייט ...... 150
נאָכן מאסקאראד ...... 151
דע לאָן אתה הולך ...... 153
אין טאָל צלמות ...... 155

## VI — פלאַמען אונטערן אַש

צייכנונג פון מאַרק שאגאל ...... 158

ווייטע אָפקלאנגען:

1. דאָס ליד פון די שניטערינס ...... 159
2. נאכט־קאראהאָדן ...... 161
3. די קוקאווקע ...... 163

אַ בלום פאר אַ ליד ...... 165
די אור־אלטע שלאנג ...... 167
שובערטס סערענאדע ...... 168

זייט

פאַר איר נשמה (צום אָנדענק פון ב. מ.) ........ 170
רוישט די אַלטע מיל ........................ 173
דוכטענישן (מיין זעליקער פרוי ליבע געווידמעט):
1. אויבן ליגט אין זון דער באַרג־שפּיץ ...... 176
2. פון דער מלוכה פון די שאָטנס .......... 177
3. אָנגעגאָסן ווייס מיט נעבל .......... 179
4. גייט די פאַנטאַמימע ווייטער ............ 180
5. שטראַלן אויגן שוואַרץ פון נעבל ....... 182

מוטער און קינד:
1. ביים וועגל .......................... 183
2. ביי דער מאַי־פּראָצעסיע ................ 185
3. דורך די נעכט ........................ 187
4. אין פּאַרק ............................ 189
5. אין האָספּיטאַל ........................ 191
6. אין חלום ............................ 193
7. אין סאָבוויי .......................... 195
8. אונטערן רעגן ........................ 197
9. עס שאָטנט אין אָוונט דער באַרג ........ 199

## VII — אין די בערג

צייכנונג פון מארק שאגאל ..................... 202

בילדער און שטימונגען:
1. זון־כמאַרעס .......................... 203
2. אין אַ תמוז־נאַכט ...................... 204
3. פליגעלעך ............................ 205
4. אימאַזשיניסטישעס .................... 208
5. דער מולד ............................ 209
6. דער רויטער אָוונט .................... 210
7. נאַכט פון צוק און ציטער .............. 211
8. אַ זומער־נאַכט־טרוים .................. 212

זייט


9. פון אילוזאָרישער ווייט:

א) די ווייטע בערג ........ 213

ב) היים מיין, דו גרויסע געפענגעניש .... 214

10. וויאַנען .......... 216

11. איוב אין די קעטסקילס ........ 217

12. איך וואַרט ניט מער ........ 220

13. אומעט .......... 221

14. שרייען שוואַרצע קראָען ........ 222

15. אינדיאַנער זומער ........ 224

בארג־אידן:

1. זעאונגען .......... 226

2. דער רעגנבויגן .......... 227

3. ביים זון־פאַרגאַנג ........ 228

4. פנימלעך .......... 230

5. וויק־ענד .......... 231

6. צוויי פּאָרלעך .......... 234

7. אַ מעשה .......... 237

8. דער אָוינט־גלאָק ........ 242

9. נאָך האַלבער נאַכט ........ 245


## VIII — לידער וועגן רוסלאַנד


צייכנונג פון מארק שאגאל ........ 248

פונדערווייטנס .......... 249

די סאָוועטישע הונגער־יאָרן:

1. זומער אויף די סטעפּעס ........ 252

2. ווינטער אונטערן שניי ........ 254

3. פרי־פרילינג .......... 255

4. באָלשעוויזם .......... 256

5. אַ גרוס .......... 259

זייט


די באַלאַדע פון יוחנן המטבל און פראָטאָפּאָפּ
אוואַקום ........................ 261
איוואַן ........................ 266
שוין פערציק יאָר ........................ 269
אָקטיאַבר ........................ 270
דאַנס מאַקאַבר ........................ 273
אַמאָל ........................ 277
אין דער היים ........................ 281


## IX — פון אונזערע בלוטיקע טעג


צייכנונג פון מארק שאַגאַל ........................ 284

אל תירא עבדי יעקב ........................ 285
נקמה (פאַר די קדושים אין אוקראַינע) ........................ 287
אין אַ פרילינג־פאַרטאָג ........................ 288
אונטער מיינע פענצטער ........................ 291
נאָכן פּאָגראָם ........................ 292
אין דורכפלי ........................ 294
מזלות ........................ 295
כנסת ישראל ........................ 296
צום לאַנדסמאַן ........................ 297
אויסגעפּייניקטע פון שטורעם ........................ 300
דער דור הפלגה ........................ 301
סדום ........................ 304
די לעצטע ........................ 306
אַ נאַכט אַזאַ ........................ 309
די גלות־שיף ........................ 312
אין שטורעם ........................ 314
די סדרה לך לך ........................ 316
ביי דער וויג (פון די אידיש־פּוילישע געזאַנגען) ........................ 318
נחמו, נחמו! ........................ 321
אַ קאַשמאַר ........................ 324

## X—די ערשטע לירישע לידער


זייט

ציי‌כנונג פון מארק שאגאל ........................ 326

דער מצבה־קריצער ........................ 327
ביים טייך ........................ 328
דער חודש ניסן:
1. די וואסערן ........................ 330
2. די זון ........................ 332
3. דער אָפּרוף ........................ 334
4. די אומרו ........................ 336
לבנה־נאַכט ........................ 338
די דערוואַכונג ........................ 339
אויפן שייד־וועג ........................ 342


---

## באַמערקטע דרוק־פעלערן

די לעצטע דריי לידער פון דער סעריע „בילדער און שטימונגען“, זז. 221, 222, 224, זיינען נומערירט: 15, 13, 14 —

דאַרף זיין: 13, 14, 15.

---

אונטער דער רוסישער סטראָפע אויף זייט 256 שטייט:

И. Тютчев

דאַרף זיין: Θ. И. Тютчев

---

אונטער דער מאָטאָ, איבערן ליד „די לעצטע“, אויף זייט 306, שטייט: (יחזקאל יג׳, יא׳) —

דאַרף זיין: (יחזקאל יא׳, יג׳).